STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03658

# DOS GEZANG FUN TOL

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

# געזאַמלטע שריפטן

ניין און צוואַנציגסטער באַנד

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע

שלום אש

# דאָס געזאַנג פֿון טאָל

קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע", װאַרשע

Printed in Poland

Copyright by Schalom Asch

S Z A L O M A S Z
DOS GEZANG FUN TOŁ

Spółdz. Wyd. „Kultur-Liga"
Warszawa — 1938

Druk. „G r a f i a", Warszawa

*קאַפּיטל* 1

# די צוריקקערנדע

ווען מען קומט-אַרויס פון שפּאַלט פון באַרג, אויף וועמענס אָפּזייט עס ליגט באַהאַלטן אין שאָטן פון ציפּרעסן און אײלבערטביימער די צניעותדיגע שטאָט נצרת, דערזעט מען אַ לאַנגן ברייטן טאָל, איינגעבעט צווישן נאַקעטע, ליסע בערג. די לופט, וואָס איז דורכזיכטיג און קלאָר, העלפט, ווי די באַלויכטונג פון אַ בליץ, דעם בליק פון אויג אַדורכצובויערן די טיפע ווייטקייט פון דעם שטח. עס דאַכט זיך, אַז די בערג געגנאיבער אויף יענער זייט טאָל זענען גאָרנישט ווייט, און מען קאָן זיי דערגרייכן מיט דער האַנט. דער טאָל, וואָס ליגט צווישן זיי, איז ווי אַ ברייטע אָזיערע אין אַ וויסטעניש איינגעבעט. אויף די רוקנס פון באַרג גלעד ליגט ווי אַ שאַנד אויסגעגאָסן די קללה, מיט וועלכער דוד המלך האָט זיי פאַרשאָלטן, און די קללה ווירקט נאָך ביזן הײַנטיגן טאָג. קיין בוים, קיין שאָטן פון גרינס דערקוויקט נישט דאָס אויג, נאַקעט און אומבאַשיצט ליגט דער באַרג אויסגעליפערט צו דער גליענדיגער זון. אַביסל ווייטער, צו בית-שאן צו פאַרנעפּלט זיך דער האָריזאָנט אין אַ מילך-פאַרביגן וואָלקן און וואַשט אָנגענעם דעם בליק, וואָס איז מיד-געוואָרן צו קוקן אויף די נאַקעטע בערג. אַזוי אויך אין ווייטן האָריזאָנט שימערירט-אַהער פון יענער זייט ירדן אַ לאַנגע קייט פון שטרענגע הויכע בערג, וואָס מאַכן אין דעם אָפּגלאַנץ פון דער זון אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען באַדעקט מיט אַ זאַמדיגן פלוש, וואָס וואַרפט

זיינע קאָלירן אין די שטראַלן. די מילכיגע אַטמאָספערע, וואָס דער ווייטער האָריזאָנט וועבט אַרום זיי, מאַכט ווייכער און קילער זייערע שאַרפע קאָנטורן און קילט דעם אָנבליק מיט דעם ווייסן קאַפּל שניי פון חרמון, וואָס הויבט זיך אויף פון הינטער זיי. דער אָנבליק פון שניי אין דער זוניגער געגנט שאַפט אַן אילוזיע, ווי אויף דעם שפּיץ פון באַרג וואָלט זיך די זון אָראָפּגעגליטשט און גליט-צוזאַמען הימל און ערד אין אַ פלאַקערנדיגן חשמל-פייער.

מיט גראָזן און פלאַנצן איז נאָר דער ברייטער טייכיגער טאָל באַפּרוכפּערט, ווי אַ שוואָם, וואָס וואָלט פון די בערג אַרום דאָס חיות אויסגעזויגן און אין זיך איינגעזאַפּט. וואָרים ווי אַ פייכטע שוואָם, ווי אַ לעבעדיגע חיה, האָט ער מיט טויזנטער מיילער אויסגעטרונקען דעם זאַפט פון די בערג אַרום און זיי איבערגעלאָזט נאַקעט און רוי אויף דער זון זיך גליען.

און עס איז טאַקע אמת געווען. דורך אומגעדענקלעכע צייטן האָבן די ווילדע וואַסער-שטראָמען אין רעגן-סעזאָן מיט-געטראָגן מיט זיך יעדע פּויסט ערד פון די בערג און איבער-געלאָזט אין טאָל אונטן. מיט דער ערד איז מיטגעגאַנגען דאָס לעבן. די קוואַלן, וועלכע שלאָגן פון אונטער דעם באַרג אין טאָל אַרויס, האָבן נישט קיין פעסט אויסגעלייגטע קאָרעטעס, אין וועלכע זיי זאָלן אַריינרינען, פליסן זיי ווילד וואוהין עס גלוסט זיך זיי. זיי צעקנעטן די ערד, צעווייכן דעם גרונט, גראָבן גריבער און פילן זיי אָן מיט קאָלוזשעס, שטייענדיגע זומפּן, באַדעקט פון אויבן מיט געמויזעכטס, קרייטעכצער, מיט ווילדע קוויטשערס, מיט אומציילִיגע באַקאַנטע און אומ-באַקאַנטע פלאַנצונגען. עס ווימלט אין זיי מיט לעבן. די פּאַר-שידנסטע קרעאַטורן, ווילדע בינען, אָן אַ שיעור אויסערגע-וויינלעך גרויסע פליגן, מיקן, סקאָרפּיאָנען, זשאַבעס, יאַשטשער-קעס, ווילדע חזירים און אַנדערע חיות און ווערים מאַכן אומ-זיכער דעם צוגאַנג צום טאָל. ווען עס וואָלטן די שטראָמען צוזאַמען מיט די פּויסטן ערד נישט געווען אויך אַראָפּגעטראָגן פון די בערג שטיינער, וואָלט דאָרט אוממעגלעך-געווען אַ פוס אַריינצושטעלן. אָבער אויך איבער די סטעזשקעס און וועגלעך, וואָס בעדואינער האָבן אויסגעטראָטן, ווערט מען

איבערראַשט פון איבערנאַכט געבילדעטן וואַסער, אין וועלכן מען געפינט זיך פלוצלינג פאַרטרונקען. אָפּגעגאַרט דורך די הויכע גרעזער, ווערן מענטש און חיה פאַרזונקען איבערן האַלבן לייב אין די באַהאַלטענע זומפּן. צוליב דעם איז דער איינציגער אָנבליק פון מענטשלעכן לעבן נישט אין טאָל, נאָר אַרום זיינע ראַנדן. אויף די משופּעדיגע זייטן פון די נאַקעטע בערג שטייען אויסגעשטעלט אויף דער זון, נישט באַשיצט דורך קיין שאָטן פון אַ בוים, צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע הייזלעך מיט ווייסע דעכער — דאָס זענען די פונאַנדערגעזייטע אַראַבישע דערפער. אין ווייטן האָריזאָנט ווייסט זיך אַ קאַלך-בלוילעכע קאָפּעלע איבער אַ קבר פון אַ הייליגן. דאָ-און-דאָרט האָבן אויף דעם ראַנד פון דעם טאָל וואַנדערנדיגע בעדואינער אויפגעשלאָגן זייערע שוואַרצע געצעלטן פון קעמל-האָר, אַרום וועלכע עס ווייסן זיך סטאַדעס שאָף, שקאַציגע ציגן, וואָס זוכן אויפצוגריזשען די קאַרגע איינצעלנע גרעזער פון די בערג. אַ שנור מיט קעמלען ציט-אַדורך זיין וועג פון יענער זייט ירדן, פון חרן צום ים-צו. אָבער דער טאָל אַליין ליגט אומבאַרירט ווי אַ נאָך-נישט-דעראָבערטער און נישט-אויסגעפּאָרשטער ים, אויף וועלכן די שיפן וואַגן זיך נישט אַרויסצולאָזן. ער ליגט אין זיין טיפער, פעטער, זומפּיגער וויג און שלאָפט אונטער די שלאָגנדיגע שטראַלן פון הייסן גליענדיגן הימל. דאָ-און-דאָרט הויבן זיך אויף פון די ווילדע גרעזער אַ מחנה פליגן, אָדער אַ געווימל פון בינען האָט זיך אויפגעוועקט און אַרויסגעציטערט-געוואָרן פון זייער באַהעלטעניש דורך אַן אומגעזעענער באַוועגונג פון אַ חיה. מחנות שוואַרצע קראָען הויבן זיך איבער די אומבאַצוואונגענע ווייטקייטן, אַ שטאָלצער רויב-פויגל שיסט-אַראָפּ פון אַ טיפער הויך און נאָרעט-איין זיין שנאָבל אין אַ קאַלוזשע, כדי אויפצופּאַנגען אַ שרצל, און הויבט זיך דערמיט צוריק אויף אין די הימלען.

דער טאָל אַליין ליגט אומבאַוועגלעך, ער דעקט-צו מיט זיינע מיסטישע גראָזן די שטעט און דערפער, וואָס זענען אַמאָל פאַרשפּרייט-געווען איבער אים. וואָרים אַמאָל איז דאָ גאַנץ אַנדערש-געווען, אַמאָל איז דער טאָל געווען דער שפּייכלער פון

תבואה, וואָס האָט געגערט אַ האַלבע מדינה. די אַלטע האָבן אים גערופן גאַנץ איינפאַך: עמק דער טאָל. און אַזוי וועלן מיר אויך אים רופן.

איבער דעם טאָל זענען אַדורכגעגאַנגען שאָטנס, ווי פליגל פון אומגעזעענע גרויסע כּרובים וואָלטן אַדורכגעשוועבט איבער דעם ברייטן אומבאַצוואונגענעם ים פון ווילדעניש. די שאָטנס זענען געקומען פון די ווייסע וואָלקנס, וועלכע האָבן אָנגעצויגן פון דער זייט פון ים און זענען געגאַנגען איבער די בערג צום ירדן. זיי האָבן געטראָגן אין זייערע פליגל דעם קילן אָטעם פון ים, וואָס איז באַלד אויסגעטריקנט-, אויסגעשרפעט-געוואָרן אין דער בלייערנער לופט, וואָס איז אַן אָנגעהיצטע געשטאַנען אין חלל.

עס איז געווען אין מיטן אלול. פון פרימאָרגן-אָן האָט די זון געשאָסן מיט אומברחמנותדיגע שטראַלן איבער דעם עמק, ווי אַ פייערדיגע אָנגעגליטע בלעך וואָלט זיך שווער געלייגט איבער דער ערד. די רעשטן גראָזן אויף די משופּעדיגע בערג זענען דורך דעם זומער פאַרברענט-געוואָרן. די בערג זעען איצט אויס, ווי פייערדיגע צונגען וואָלטן אַדורכגעגאַנגען דורך דער לאַנדשאַפט און אָפּגעשרפעט יעדעס דערפרישנדע גרעזל. די קוואַלן אין די באַהאַלטענע גראָזן פון עמק, די שטראָמען וואַסער, וואָס זאַמלען זיך אין טאָל פון די בערג אַראָפּ, זענען דורך דעם זומער אויסגעטריקנט-געוואָרן, די ערד איז צוזאַמענגעבאַקן, ווי אַן אָנגעיוירן, האַלב-פאַרטריקנט טייג. צוליב דעם האָבן אַפילו די גרעזער און דאָס שטעכעכץ איבער די אויסגעטריקנטע זומפּן פאַרלוירן זייער גרינעם קאָליר. אויפגעצערט פון דער היץ און צעפרעסן פון די דיקע וואָלקנס שטויב, וואָס הויבן זיך אויף פון דער קרישלדיגער ערד, ליגן די גרעזער פאַרשלאַבריגט, קראַנק און האָבן אַ פאַרחלשטן, געלן אָנבליק. דאָ-און-דאָרט, אינמיטן בויך-קעסל פון עמק, וואו עס האַלט זיך נאָך אויף אַ ביסעלע וואַסער, באַווייזן זיך, ווי אַן אָאַזיס אין דער מדבר, די גראָזיגע קאָלירן פון גרינס. קיין איין פלעק פון אַ בהמה, קיין איין שאָטן פון אַ הייזל זעט זיך נישט אי- בער דער אויבערפלאַך פון עמק, נאָר אַ וויגנדער מדבר פון ווילדע גראָזן.

אויף זיין ראַנד, צופוסנס פון די בערג, שלענגלט זיך איצט אַ רייע װעגענער. מיט מי־און־מאַטערניש זוכן זיך די מויל־אייזלען אַ וועג צווישן די שטיינער און האַלב־פאַרטריקנטע זומפּן. אָבער בלויז כּלים צו באַאַרבעטן די ערד, שנייד־מעסערס, העק, פּיאַשען, פּראָוויאַנט און געצעלטן זענען אָנגעלאָדן אויף די װעגענער. די מענער און די פרויען גייען צו־פוס און זוכן זיך אויס נאָך די בהמות דעם וועג דורך שפּרינגען פון איין שטיין אויפן צווייטן.

ביי ביידע עקן פון עמק, ווי געשטעלט זיך אויף די טרעפּ אַרום אים, האָבן זיך שוין פאַר אייניקע יאָר צוריק פאַרקליבן איינצעלנע יידישע ישובים. זיי זענען געשטאַנען ווי וועכטער פון ישוב איבער דער וויסטעניש און זי געהיט. עפולה און מרחביה — איינזאַם, פאַרלאָזטע, האַלב־פאַרטרונקען אין די בלאָטעס, איבערגעשווענקט פון די וואַסערן, וואָס דער עמק האָט אַרויסגעשיקט צו זיי אין ווינטער, און פאַרטריקנט פון די שטויביקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון טאָל אין זומער, — האָבן זיי געפירט זייער געפּלאָגט לעבן אין דעם מענטשן־לעערן שטיק לאַנד. זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט דער נויט און פאַרלאָזנקייט, שטענדיג אין שרעק פאַר בעדואינישע איבערפאַלן, וועלכע מען האָט פון צייט־צו־צייט מיט מסירת־נפש און גבורה אָפּגעשלאָגן. זיי זענען דורך די טערקן און דייטשן אויסגעשטאַנען די נסיונות פון די מלחמה־יאָרן. דאָך האָבן זיי אויסגעהאַלטן אויף זייער אָרט און אויסגעקוקט, אַז עס זאָלן קומען אַנדערע און העלפן איינגעמען די פעסטונג פון דער וויסטעניש. איצט האָבן זיי עס דערלעבט! זינט אייניגע טעג קלויבן זיך יונגע מענטשן מיט װעגענער, מכשירים און מויל־אייזלען. פון די פאַרשידנסטע ווינקלען פון יידישן ישוב זענען זיי אָנגעקומען, פון פּתח־תקוה אין יהודה, אַנדערע פון מגדל אין גליל, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער „גדוד", אָדער, ווי זיי האָבן זיך גערופן, „דער לעגיאָן פון אַרבעט", וואָס איז געווען באַשעפטיגט מיט בויען וועגן, לייגן שינעס פאַר דער אייזנבאַן. איצט האָבן זיי זיך צוזאַמענגעקליבן קיין עפולה און זענען פון דאָרט מיט װעגענער אַרויס־

געפאָרן צו פאַרלייגן דעם ערשטן ישוב אין הארץ פון עמק, ביים טייך חרוד.

פאָרויס פאַר זיי רייט אַ רייטער, אָנגעטון ווי אַן אַראַ־בער אין אַן אַבאַיע. ער זיצט זיכער אויף זיין אומרואיק אַראַ־ביש פערד און ווייזט־אָן דעם וועג די וועגענער, וואו זיי זאָלן גיין. דאָס איז דער שומר, וואָס פירט מיט זיי אָן. ער קען דאָס לשון פון לאַנד, די מנהגים פון די שכנים, די אַראַבער. ער איז אויסגעקאָכט מיט זיי אין פריינדשאַפט און פיינדשאַפט. אָפטמאָל האָט ער מיט זיי קוילן פון ביקסן אויסגעטוישט, און אָפטמאָל שלום־סעודות ביי אַ געשאָכטענעם שעפס געפּראַוועט. ער זאָל דאָס צווישן זיי און די שכנים, וועלכע וואוינען אויפן באַרג, דער פאַרמיטלער זיין. ביינאַכט, ווען זיי וועלן פון דער מידער אַרבעט אין אַ טיפן שלאָף אַריינפאַלן, זאָל ער וואַכן איבער זיי. נישט איין מאָל האָט ער שוין דעם טויט אין די אויגן געקוקט, און נישט איין מאָל האָט אים דער גורל ווי אַ נס פון געפאַר אַרויסגעפירט. אויך איצט, ווי ער רייט אַזוי פאָרויס פאַר דער ציִענדיגער מחנה, טוט ער נישט אָפּ קיין אויג פון די וועגענער, וואָס גייען הינטער אים.

אינמיטן דערינען, פון צווישן די פייכטע גראָזן, דער־שיינט פלוצלינג, ווי פון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסן, אַן אַראַבער אויף אַ פערד. מען וואונדערט זיך, פונוואַנען עס נעמט זיך דערדאָזיגער אַראַבער פלוצלינג. אָדער מען טרעפט־אָן אַן איינזאַמען בעדואינער, וואָס וואַנדערט פון חרן, אויך פון די בערגלעך קומען־אַראָפּ מיט פאַרוואונדערונג איינזאַמע פאַסטוכער, קוקן דערשטוינט אויף דער פרעמדער, דורכרייזנדער מחנה. זיי באַגריסן זיך און פרעגן דעם שומר:

— ווער זענען זיי דאָס אַזעלכע?

— מאָסקאָוויטן. זיי ציִען אויף זייער לאַנד אַרויף.

— אויף זייער לאַנד אַרויף? וואו איז דען זייער לאַנד?

— הער דאָרט, אין דער ברייטער פלאַך, וואָס ציט זיך אויס פאַר אונז, פון יענעם קוואַל אָן הייבט זיך אָן די גרענעץ.

— פון יענעם קוואַל? פון קוואַל פון טויט?

— מיר וועלן אים לעבעדיג־מאַכן!

— לעבעדיג? אָ, דאָס האָבן אויך שוין אַנדערע געזאָגט. צוויי ישובים זענען שוין דאָ געווען אַמאָל, — אויך שבטים, ווי איר, זענען זיי אָנגעקומען מיט וועגענער און כלים און געוואָלט דאָ אין דעם טאָל אַ ישוב גרינדן. דו זעסט אָט יע־נעם ציפּרעס, וואָס שטאַרט־אַרויס מיטן טויטן קאָפּ פון די חזיר־גראָזן? דאָס איז די איינציגע מצבה, וואָס איז איבערגע־בליבן נאָך זיי. זייערע קברים זענען אין די בלאָטעס פאַר־זונקען.

— וואָס זאָגט ער? — פרעגן זיך אייניגע נאָך ביים שומר, וואָרים זיי פאַרשטייען נישט דאָס לשון פון שכן.

— צוויי ישובים זענען שוין דאָ געווען אין עמק, אוןביידע זענען אונטערגעגאַנגען, — זעצט־איבער דער שומר. — ער רופט דעם קוואַל — „דער קוואַל פון טויט״.

— פרעג אים נאָר, צי עס איז נאָך ווייט צו דעם קוואַל פון טויט צו גיין! — ווילט זיך עמעץ.

— ניין, נישט ווייט. אַביסל ווייטער וועט איר אָנטרעפן אויף אַ זומפּ, איבער יענער זייט זומפּ איז דער ברונען, וואו די ווייבער שעפּן דאָס וואַסער. אָבער ווי אַזוי וועט איר מיט די וועגענער איבער דעם זומפּ אַריבער?

— איז ער זייער טיף?

— מיר דערגייט ער אָט ביז דאָ, — באַווייזט דער אַראַ־בער אויף זיין פּאַסיק. — אָבער ערטערווייז איז ער נאָך טי־פער. טיילמאָל ווערט אין אים אויך אַ בהמהלע דערטרונקען. מען מוז וויסן ווי אַזוי אַדורכצושפּרייזן איבער אים. מען טאָר אויך נישט טרינקען דאָס וואַסער. עס מאַכט קאַליע דאָס בלוט און דער בויך ווערט געשוואָלן.

— איר הערט, וואָס ער זאָגט: ווער עס טרינקט פון דעם וואַסער אין קוואַל, מענטש אָדער בהמה, ווערט אים דער בויך געשוואָלן און דאָס בלוט ווערט אים קאַליע, אַזוי אַז ער מוז אין דריי טעג אַרום שטאַרבן. דאָס האָט דער נביא, וואָס ליגט אויף יענעם בערגל דאָרט, די גאַנצע געגנט פאַרשאָלטן. די קוואַלן זענען אָנגעשטעקט מיט דעם סם פון טויט.

— חברה, איך האָב אַ גוטן נאָמען פאַר אונזער נייעם

ישוב! ווייסט איר, ווי מיר זאָלן אָנרופן אונזער קבוצה? „דער קוואַל פון לעבן".

דער שומר האָט זיך אומגעקוקט פון זיין פערדל אַראָפּ אויף דעם יונגענמאַן, וואָס האָט דעם פאָרשלאָג געמאַכט. דאָס איז דער לאָמער קליינער יודקעוויטש, וועלכער האָט פאַר מידקייט נאָכצושלעפּן זיין איינגעפרוירן פיסל — זיך איינגאַנצן שוין אָנגעהאָנגען אויפן וואָגן.

— דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען. דערווייל, חברה, מאַכט אייך גרייט די וועגענער צו ציען, מיר דערפּטשען שוין אין דער בלאָטע!

די בהמות האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די וועגענער האָבן זיך מיט זייערע רעדער טיף אַריינגעשניטן אין דער בלאָטע. קיין בלאָטע האָט מען אייגנטלעך נישט אָנגעזען. די גרעזער זענען וואָס אַמאָל העכער-געוואָרן, און צווישן זיי האָט זיך ווי אַ טייג געקנאָטן דאָס ליים. אָט נאָר-וואָס איז געווען טרוקענער באָדן, פאַרהאַרטעוועט פון אויבנאויף, צוזאַמענגעבאַקן פון דער זון און טריקעניש, און מיט אַמאָל האָט זיך אַ זומפּ געעפנט אונטער די גרעזער. מחנות פליגן האָבן זיך אויפגעהויבן און באַדעקט די לייבער פון מענטש און בהמה. די בהמות האָבן זיך געוועהרט מיט זייערע עקן, געוואָרפן די קעפּ פאַר ווייטיג, נאָר דער מענטש איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן, די פיס געזונקען אין דער פייכטקייט, און דאָ-און-דאָרט האָט אַ פליג, אַ מוק אַ שטאָך-געטון אין פנים, אַ ברי-געטון, און איז שוין נישטאָ. אַן עולם האָט זיך אַ לאָז-געטון פאַר די מוילאייזלען, מיט די הענט אין דעם געשפּאַן זיך איינגעפלאָכטן און געצויגן, אַנדערע האָבן די רעדער מיט אַקסל און הענט אונטערגעשטופּט, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. די רעדער האָבן זיך טיפער געשניטן אין דער האַלב-פאַרבאַקענער ערד, ווי די ערד וואָלט געוועז פאַרלוירן איר פעסטקייט און זיך צעלאָזט אין אַן ערדישער פליסיקייט. די הויכע ווילדע גרעזער האָבן זיך אויך איינגעפלאָכטן צווישן די רעדער און פאַרשווערט די באַוועגונג. די פלאָג פון גאָטס באַשעפענישן, די פליגן, האָבן נישט אויפגעהערט צו מוטשען. מילא, צו די פליגן און צו די מיקן זענען די לייבער און די פנימער פון

די יונגע מענטשן צוגעוואוינט-געוואָרן נאָך פון אַנדערע ערטער. די מיקן פון כנרת, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַקענט בעתן בויען דעם וועג קיין צמח, זענען אויך נישט געווען אַוועקצו-מאַכן מיט דער האַנט. אָבער דאָ איז נאָך צו דער פליג צו-געקומען עפּעס אַן אַנדער חיהלע, וואָס מען האָט גאָר נישט געקענט ביז-איצט. דאָסדאָזיקע חיהלע האָט מען בלויז געפילט, אָבער נישט געזען. עס איז געשפּרונגען אין פּנים אַריין, ווי אַן אָנגעהייצט שטויבעלע זאַמד, אַ ברען-געגעבן און אַוועקגעפלויגן. שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַזאַ מין שפּרינגענדיגע פלוי. אָט די פלוי האָט זיך איינ-געגעסן אין דער הויט אַריין, אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער זיך אַריינגעקראָגן. זי איז געפלויגן אין די אויערן אַריין, גע-קראָכן אין די נאָזלעכער, אפילו אין מויל געקומען און נאָך אין אַנדערע אָפענע און פאַרבאָרגענע ערטער און האָט מיט שפּילקע-פייער געשטאָכן. אָבער ווער האָט געהאַט דעם קאָפּ צו דידאָזיקע פלאַגנדיגע פליגן? מען האָט געלאָזט די פנימער אויף הפקר, אַנדערע אויך די לייבער, מען האָט זיך אויסגע-טון די העמדער און האַלב-נאַקעטע געצויגן די וועגענער, אַבי אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע. די פליגן האָבן טאַקע מיטן גאַנצן אַפּעטיט זוכה-געווען פון הפקר, וואָס די מענטשן האָבן זיי אַוועקגעגעבן, און האָבן גענאָגט דאָס בלוט פון זייערע לייבער. די מורא פאַר די וועגענער האָבן אַלע יסורים גובר-געווען.

אָבער עס ווערט ערגער, די ערד זינקט וואָס אַמאָל מער אונטער די פיס. וואָס אַ טריט מען מאַכט ווייטער, אַלץ טיפער שניידן זיך אַריין די רעדער אין דער פייכטקייט, די פיס פון די מויל-אייזלען דרעפּטשען שוין איצט אין פייכטער בלאָטע. פון וואַנען האָט זיך מיטאַמאָל וואַסער גענומען? אָט איז דאָך נאָר-וואָס דער באָדן טרוקן-געווען, אמת טאַקע ווייך, אָבער פאָרט טרוקן, און מיט אַמאָל האָבן זיך צווישן די גרעזער באַוויזן קאַלוזשעס וואַסער, אַזוי ווי די ערד וואָלט גע-מאָלקן-געוואָרן דורך די פיס פון מענטש און בהמה, וואָס האָבן געדרעפּטשעט אין איר, און זי וואָלט פאַרוואַנדלט-גע-וואָרן אין אַ פליסיגקייט. דאָס וואַסער האָט וואָס אַמאָל מער אַנגעצויגן. עס איז שוין מער גאָרנישט געווען, נאָר שטעכעכץ,

גרעזער און וואַסער. די מויל־אייזלען זענען געוואָרן אויפגע־רעגט און האָבן אָנגעהויבן צו בריקעווען. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן מענטש און בהמה. אַלע כּוחות האָבן איצט געמוזט געפּטערט־ווערן אויף צו פאַרהאַלטן די קעפּ פון די מויל־אייזלען, אַז זיי זאָלן נישט די וועגענער איבער־קערן. און די רעדער זענען דערווייל געזונקען אַלץ טיפער אין די קאַלוזשעס, די מענטשן זענען אויסגעמוטשעט־געוואָרן פון דער היץ און פון ראַנגלען זיך מיט די בהמות, פון די פליגן, עס האָט שוין נישט געסטייעט קיין כּוח אויף צו ציִען די רעדער. וואָס וועט דאָ געשען? דער ערשטער אריינפאָר — און אַזאַ אָפּשניט! אפשר שיקן אַ רייטער קיין עפולה און רופן הילף? וואָס וועלן זיי דאָרט זאָגן, די גרויסע לייט אין ירושלים? — דאָס זענען די גבורים, וואָס האָבן זיך אונטער־גענומען דעם עמק צו באַזיגן? ניין, דאָס טאָר נישט געשען! „חברה, אַלע צו איין וואָגן!“ — אָבער שלעפּ־אַהין, שלעפּ־אַהער, סיידן אים נעמען אויף די פּלייצעס און ארויסטראָגן פון דער בלאָטע.

דאָ איז אָבער פּלוצלינג געקומען די ישועה פון איינעם, וואָס מען האָט זיך צום ווינציגסטן געריכט אויף אים. דער לאָמער יוסף יודקעוויטש האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי זיי אין דער היים, אין דער אוקראַיִנע, צו סוכּות־צייט מאַכן זיך קאַ־לוזשעס אויף די פעלד־וועגן, און די פורן בלייבן שטעקן אין די בלאָטעס; שניידן־אויס די פויערים ביימער פון וואַלד און מען וואַרפט זיי אין דער בלאָטע אַריין, און די פערד און וועגענער ציט מען אַריבער איבער די קלעצער. אמת טאַקע, דאָ זענען נישטאָ קיין וועלדער, פון וועלכע מען קאָן אויס־האַקן ביימער, אָבער דערפאַר זענען דאָ פאַראַן אַרום הויכע ווילדע גראָזן, פענקעס פון פאַרטריקנטע פלאַנצונגען, קאַקטוסן, קוויטשערס, ברייט ווי אַ האַנט און הויך ווי אַ מענטש, און אַנדערע שוואַרצע יאָרן פון גרינסן. טאַ, פאַרוואָס זאָל מען נישט שניידן זיי און וואַרפן אין די בלאָטעס און איבער זיי דורכפירן די וועגענער?

— חברה, איך האָב אַן עצה, איך האָב אַן עצה! —

שרייט דער קליינער יודקעוויטש און ציט דעם קראַנקן פוס מיטן גאַנצן כוח פון זומפּ אַרויס, — חברה, לאָמיר נעמען די שנייד-מעסערס, העק און אויסהאַקן די גרעזער און וואַרפן אין דער בלאָטע. איר וועט זען, מיר וועלן אַדורכשלעפּן די וועגענער!

קיינער וויל אים אָבער נישט הערן. די, וואָס הערן זיך שוין יאָ צו אים צו, טראַכטן זיך: וואָס פאַר אַ גוטס קאָן שוין דערפון אַרויסקומען, אַז עס שטאַמט-אָפּ פון קליינעם יודקעוויטשן! פון ווען-אָן קען ער זיך דאָס אויף די ארץ-ישראלדיגע בלאָטעס? וואו האָט ער זיי געזען, אין אוקראַינע?

אָבער כאַימאָוויטש, בערל כאַימאָוויטש, דער איניציאַטאָר און דער אָנפירער פון דער נייער קבוצה, בערל כאַימאָוויטש, פון וועלכן אַלע קוקן-אויס אַ ישועה, ער הערט זיך יאָ צו צום קליינעם יודקעוויטשעס עצה. „גאָרנישט קיין שלעכטע עצה", — טראַכט ער זיך און קראַצט זיך מיט די פינגער אין זיין האָרט, קורץ בערדל, — „ווי קומט עס, וואָס עס איז מיר נישט איינגעפאַלן? מיר, וואָס איך בין שוין אַכצן יאָר אין לאַנד, וואָס איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַלע גלגולים פון ארץ-ישראל, פאַלט מיר דאָס נישט איין, נאָר דעם קליינעם יודקעוויטש, אַ יונגערמאַן, וואָס איז קוים אַ יאָר דאָ אין לאַנד, נאָך ריכטיג צומאָל נישט געפּיבערט! — דאָס איז די חכמה פון קאָלעקטיוו", — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— חברה, מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָרנישט קיין שלעכטע אידעע פון חבר יודקעוויטש. קומט, לאָמיר אַראָפּנעמען די קאָסעס און די העק פון די וועגענער. חברה, צו דער אַרבעט!

וואָלקנס מאָסקיטעס האָבן זיך אויפגעהויבן אונטער די מעסערס, און איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך ווענט פון גראָזן געלייגט. אין פלאַכטעס האָט מען זיי געטראָגן. חברה האָט זיך די הענט צעריסן מיט דעם שטעכעכץ, וואָס זיי האָבן געלייגט איבער די זומפּן. די גראָזן האָבן זיך צוזאַ-

מענגעוועבט מיט דער פייכטער ערד. עס איז געוואָרן אַ בריק פון געמויזעכטס מיט גרעזער, און אין דריי שעה אַרום האָבן זיי אַלע וועגענער בשלום דורכגעפירט איבער די בלאָטעס.

מיט דער מיטאָג-שעה זענען זיי אָנגעקומען צום ברונען. וואָס די אַראַבישע שכנים אויפן באַרג האָבן גערופן „דער קוואַל פון טויט".

*קאַפּיטל 2*

# דער ערשטער טאָג

דאָס אָרט, בײַ וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ באַקאַנט אָרט. עס טראָגט אַ קלינגענדיקן נאָמען אין דער הייליקער שריפט. עס איז געלעגן צופוסנס פון אַ באַרג, אויף וועמעס רוקן עס זענען אַמאָל געפירט-געוואָרן באַרימטע מלחמות, איין יידישער קעניג איז אויף דעם באַרג געפאַלן, און אַ צווייטער האָט אים דערפאַר פאַרשאָלטן. דער קוואַל, וואָס שלאָגט צווישן די גרעזער צו זיינע פיס, איז געווען אַמאָל באַרימט. אויך דער קוואַל טראָגט אַ שטאָלצן נאָמען אין דער הייליקער שריפט. מלחמות זענען נעבן אים געפירט-געוואָרן. היינט האָבן די יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אויף דעם פּלאַץ פון זייערע אבות, געפונען אַ בלאָטע, אַרום וועלכער אַ פּאָר אַראַבישע פרויען פון די ליימענע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף די באַרג, האָבן געבויגן זייערע קרוגן איבער איר און אָנגעשעפּט מוטנע וואַסער. קיין קוואַל האָט מען נישט געזען. דערפאַר איז אָבער דאָ געווען אַ בלאָטיקע קאַלוזשע אָנגעוואָרפן מיט שטיינער, אויף וועלכע מען איז געשפרונגען. דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום דעם אָרט, האָט די גאַנצע ערד אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ טיפע בלאָטע, און מען האָט נאָר געקאָנט צוקומען צום קוואַל איבער די שטיינער, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן אַרום. אַביסל ווייטער פון „קוואַל" האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער טאָל, צו וועלכן מען האָט נישט געקאָנט צוקומען,

אָבער הינטער דעם קוואַל, האַרט ביים צופוסנס פון נאַקעטן באַרג, אונטער די אַראַבישע הייזלעך, האָבן זיי געפונען אַ פאַרהעלטנישמעסיג טרוקן אָרט, און דאָרט האָבן זיך די פורן אָפּגעשטעלט.

— דאָס איז עס! — האָט כאַימאָוויטש זיך אָנגערופן. — איך גלויב, אַז דאָ וועלן מיר אויפשטעלן די געצעלטן. חברים, לאָמיר שניידן די גראָזן און אויפהויבן די שטיינער.

מחנות פליגן האָבן זיך אויפגעהויבן אונטער די שנייד־מעסערס. די מעסערס האָבן זיך אָנגעהאַקט אין די שטיינער. הינטער די שניטערס זענען געגאַנגען די קלויבערס, האָבן אויפגעקליבן די שטיינער און אויסגעלייגט זיי אין קליינע שיטערע בערגלעך.

— געפונען דאָס ריכטיגע מקום! אונטער די אַראַבישע הייזלעך! אַז זיי זאָלן נישט האָבן ווייט צו גיין ביינאַכט גנבענען אָדער פון אויבן אונז צו באַשיסן! — האָט עמעץ דאָרט קלויבנדיק שטיינער, געמורמלט נעבן כאַימאָוויטשן.

— קיין אַנדער אָרט האָט דיר דיין טאַטע נישט אָנגע־גרייט. פאַרפאַלן, ארץ־ישראל זעט אַזוי אויס, און מיר מוזן עס נעמען אַזוי ווי עס איז, — האָט אים כאַימאָוויטש אָפּגע־ענטפערט.

דער גאַנצער הימל איז איין גרויסע זון געווען, קיין איין שאָטנדל פון אַ בוים אָדער קוסט, אונטער וועלכן מענטשן זאָלן זיך שיצן. דער הימל האָט געשרפעט איבער די קעפּ און לייבער, וועלכע זענען אויסגעליפערט־געווען צו די שטראַלן. דער עולם איז מיד־ און אויסגעמוטשעט־געווען פון דעם אַריבערשלעפּן די וועגענער איבער דעם זומפּ. הונגעריג איז מען אויך געווען. פון פינף פאַרטאָג־אָן, ווען מען האָט גע־רירט אין וועג אַריין, האָט מען מער נישט ווי ברויט און טיי געגעסן. איצט איז שוין באַלד געווען דריי אַזייגער און קיי־נער האָט נישט געקלערט וועגן עסן. די שעהן ביז פאַרנאַכט זענען געווען געציילטע און ביזן אָוונט האָט דאָס שטיק פעלד, אויף וועלכן עס האָבן געזאָלט שטיין די געצעלטן, געמוזט זיין אָפּגערוימט.

גופים האָבן זיך געבויגן איבער דער ערד. אין זעק און

אין בלעכן, וואָס מ'האָט געהאַט ליגן אויף אַ וואָגן, האָט מען געקליבן די שטיינער, אָנגעשיט אין אַ וואָל לעבנאויס צו די הייזלעך אויף די בערג. אַזוי־אַרום האָט מען געוואָלט אָפּשניידן דעם וועג צווישן די אַראַבישע הייזלעך אויפן באַרג און דעם קוואַל. די שטיינער זענען ממש געוואַקסן פון דער ערד אַרויס. וואָס מער מ'האָט זיי געקליבן, אַלץ מער זענען זיי אָנגעוואַקסן. אָבער מען איז נישט מיד־געוואָרן זיי צו קלויבן. מען האָט זיך נישט געפרעגט — וואָס וועט דער סוף זיין? עס איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי אַזוי די געצעלטן אויפצושטעלן, נאָר דורך אַפּרוימען די שטיינער און אָפּשניידן מיט די שנייד־מעסערס און די קאָסעס די גראָזן. און דאָס האָט מען געטון אין שטילשווייגן.

צוערשט האָט מען באַדאַרפט דעם פּראָוויאַנט ברענגען אונטער אַ שוץ. זיי זענען געלעגן אויף אַ וואָגן — די זעק מעל, קאַרטאָפלעס, רייז, אַ פּאָר פּוד קאַשע, צוקער, טיי, נאָפט. אויך אַמעריקאַנער קאַנען מיט אייל פון גרינסן. די חברטע שרה מיט דער הילף פון אַ פּאָר חברים האָבן די פּראָוויאַנטן אַראָפּגענומען פון וואָגן, געלייגט אויף אַ טרוקן אָרט, אונטער וועלכן זיי האָבן אונטערגעבעט געשניטענע גראָזן און שטיינער. גענומען אַ פּאָר דרענגער און אין דער ערד אַריינגעקלאַפּט, אַרום זיי מיט גראָזן פאַרלייגט, איבער די דרענגער מיט די גראָזן זעק און פלאַכטעס פאַרשפּרייט, און די ווענט אויס הילצערנע פלאָקנס מיט גראָזן פאַרפלאָכטן, און עס איז געווען דער ערשטער דאַך, וואָס זיי האָבן אויף דעם נייעם אָרט אויפגעשטעלט.

ווען שרה האָט די פּראָוויאַנטן אונטערן שוץ אַרונטערגעבראַכט, האָט זי געשלעפּט די קאָך־לאָמפּן, אויפגעשטעלט זיי אויף אַ מזבח פון שטיינער, און גרויסע אַלומיניום־טעפּ פון וואָגן אַראָפּגענומען. איצט איז אַנטשטאַנען דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם: וואו נעמט מען וואַסער?

וואַסער איז געווען אַרום, אָבער דער קוואַל האָט געמאַכט אַן איינדרוק טאַקע ווי אַ קוואַל פון טויט. צו אים, צום קוואַל אַליין, האָט מען גאָרנישט געקאָנט צוגיין. דאָס, וואָס מען האָט געזען, איז געווען אַ זומפּ און נישט קיין קוואַל.

די אַראַבערקעס האָבן טאַקע געשעפּט בלאָטע פון זומפּ ארויס
און אַריינגעקוועטשט אין די קרוגן. עס האָט זיך געהאַנדלט
דערין, ווי אַזוי צו דערגיין צום עצם קוואַל אַליין און פון אים
דאָס וואַסער צו באַקומען, נישט פון דער בלאָטע אַרויס. אָבער
חברטע שרה האָט נישט לאַנג געקלערט. מיט אַן אויסגערייניג-
טער בלעכערנער קאַן פון גאַזאָלין איז זי גלייך אַריינגעטראָטן
אין דער בלאָטע און געזוכט צו דערגיין דעם קוואַל. באָרוועס
האָט זי זיך מורא-געהאַט אויסצוטון איבער די מיקן און
סקאָרפּיאָנען, וואָס האָבן זיך געווידמעט און געזשומעט אַרום
דער בלאָטיגער פייכטקייט, — איז זי געקראָכן אין די שיך
וואָס אַמאָל טיפער אין דער בלאָטע. אַרום איר האָט דאָס
וואַסער געקוואָלן מיט שמוץ פון אַלע זייטן. אָבער קיין קוואַל,
פונוואַנען דאָס וואַסער זאָל שלאָגן ריין, האָט מען נישט אָנ-
געזען. וואָס נענטער זי איז צוגעקומען צום עצם קוואַל, אַלץ
טיפער איז זי געזונקען אין די בלאָטעס. זי איז שוין געשטאַ-
נען ביזן האַלבן גאַרטל אין דער נעץ. נאָר קיין קוואַל האָט
זי נאָך נישט געזען. עס איז איר אָבער באַלד צוהילף-געקומען
כאַימאָוויטש. פון זיין אָרט, וואו ער איז געשטאַנען און גע-
היטן שטיינער, האָט ער באַמערקט, ווי חברטע שרה קריכט
מיט דער קאַן אין האַנט וואָס אַמאָל טיפער אין דער בלאָטע
צום קוואַל-צו. אויף אַלעם האָט ער געהאַט אַן אויג. באַלד
האָט ער איבערגעלאָזט די שטיינער און מיט אַ יינגלשן
שפרונג איז דער עטלעכע-און-דרייסיג-יאָריגער בחור, מיט זיין
אויסגעמוסקולירטן און אויסגעאַרבעטן קערפּער אַריין אין דעם
זומפּ, געקראָכן אין אים אַלץ טיפער-און-טיפער, מיט אַ שאָפעל
געוואָרפן די בלאָטע אויף ביידע זייטן און אויסגעאַרבעט אַ
קליינע קאָרעטע, דורך וועלכער דאָס וואַסער זאָל אָפרינען.
נאָך אַ שעה אַרבעט האָט ער באַמערקט, ווי דאָס וואַסער
רינט-אָפּ — און אַנטפּלעקט עפּעס האַרטעס, וואָס קוקט-אַרויס
פון דער בלאָטע. ווען ער האָט עס אָפּגערייניגט, איז כאַימאָ-
וויטש דערשטוינט-געוואָרן צו זען, אַז די בלאָטע האָט פאַר-
שטעלט אַ געוועלבונג פון שטיינער, וואָס איז געהאַנגען אי-
בער אַ הייל. ער האָט געוואָלט וועמען רופן צו הילף. נאָר עס
האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נישט געווען פאַרגונען. מיט

האַרץ־קלאַפּן און מיט גרויס אייפער האָט ער אָנגעהויבן ווײַטער צו אַרבעטן — אַרויסצוואַרפן שאָפלס מיט בלאָטע — ביז ענדלעך ער האָט דערזען אַ הייל, אָנגעפולט מיט בלאָטיק וואַסער, אָבער פון בלאָטיגן וואַסער אַרויס האָט געזעצט מיט אַן אומגעהייערער שטאַרקייט קלאָר, דורכזיכטיק קוואַל־וואַסער. דאָס וואַסער האָט זיך טאַקע באַלד צונויפגעמישט מיט דער בלאָטע אין דעם שטייענדיגן זומפּ. אָבער אונטער דער הייל־פון שטיין אַרויס — האָט מען עס געקאָנט אויפשעפּן ריין, אַזוי ווי עס איז געקומען פון דער ערד אַרויס, ווי קילער צעגאָסענער קרישטאָל. עס איז געווען אָן ספק, אַז ער האָט דער־גרייכט צום קוואַל, וועלכער איז באַהאַלטן־געווען אין אַ הייל, צוגעדעקט מיט בלאָטע.

ער האָט געוואָלט אויסשרייען פאַר פרייד. ער האָט זיך אָבער אָן עפּעס דערמאָנט, אומגעקוקט זיך און געזען, ווי די חברטע שרה, צו וועלכער ער האָט געטראָגן אַ צנועהדיג באַהאַלטן געפיל, מיט זיך צוצוקומען צו אים מיט דער בלעכערנער קאַן און זי קאָן נישט, ווייל אירע פיס זינקען וואָס אַמאָל טיפער און זי קעמפט מיט דער בלאָטע. ער איז אַרויס פון דער הייל, געמאַכט אַ פאַר שריט צו איר, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און געזאָגט צו איר:

— קומט, שרה, איך וועל אייך ווייזן דעם קוואַל.

ער האָט זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס כמעט אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע און, האַלב־טראָגנדיג זי, האָט ער געדרעפּשעט מיט איר אין וואַסער אין דער הייל אַריין.

זיי זענען געשטאַנען ביז איבערן האַלבן לייב אין דער בלאָטע, נאָר איבער זייערע הענט האָט געשלאָגן דאָס ריינע קרישטאָלענע וואַסער, וואָס האָט זיך צנועהדיג, מיט בלהשער אומבאַרירטער קלאָרקייט געגאָסן איבער זייערע פינגער.

— אַ הייל? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— דער קוואַל איז באַהאַלטן אין דער הייל.

עס האָט זיך אים געוואָלט דעם סוד פון אַנטפּלעקטן קוואַל באַהאַלטן אַ מינוט פאַר זיי ביידע. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז נישט חבריש, האָט ער זי געלאָזט

אַ ווײַלע שטיין, מיט מי אַרויסגעדרעפּטשעט פון דער הײל ביז צום האַלז אין וואַסער און אָנגעהויבן צו רופן:

— חברה, דער קוואַל!!!

חברה האָט אָנגעוועקגעוואָרפן די שטיינער און זענען צו צו דער בלאָטע. זיי האָבן נאָר געזען בלאָטעס, אָבער קיין שום קוואַל נישט.

— וואו?

— אָט דאָ אין דער הײל!

— אַ הײל?

טײל זענען אַרײַנגעשפּרונגען — אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען — אין דער קאַלוזשע אַרײַן. אַנדערע האָבן זיי געוואָלט נאָכטון. אָבער אַרום דער הײל איז ענג־געוואָרן. מען האָט זיך געריסן צום קוואַל. יעדער איינער האָט געוואָלט זײַן דער ערשטער, וואָס וועט טרינקען פון קוואַל.

חברטע שרה האָט מיט איר בלעכערנער „שעל״־קאַן אָנגעשעפּט פון קוואַל קלאָר וואַסער און דערלאַנגט די חברים נעבן זיך, וועלכע האָבן געוואָלט געניסן.

— גיט מיר דעם ערשטן טרונק!...

נאָך איידער דער חבר האָט גענומען די בלעך צו זײַן מויל, האָט זי אים כּאִימאָוויטש פון מויל צוגענומען.

— דער ערשטער שלוק וואַסער געהער דעם יידישן פאָלק!

ער האָט געהאַט אַ געדאַנק צו מאַכן אַ שהחיינו. נאָר זײַנע ראַדיקאַלע איבערצײַגונגען האָבן פאַרטריבן דעם געדאַנק. ער האָט גענומען דאָס וואַסער פון דער בלעך און אויסגעגאָסן צוריק אין קוואַל אַרײַן.

---

עס איז נישט געווען קיין צײַט אויף סענטימענטן. מען האָט פאַרלוירן דרײַ־פיר שעה איבעריגע אויף אַריבערשלעפּן די וועגענער דורך די זומפּן, אויף וועלכע מען האָט זיך נישט גערעכנט. ביז צום אָוונט האָט מען געמוזט צום ווינציגסטנס אויפשטעלן אַ פּאָר געצעלטן, ברענגען דעם פּראָוויאַנט אונטער דעם דערווײַליגן שוץ און אויך אויפשטעלן אַ דערווײַליגע

צוים אַרום דעם אויסגעזוכטן פּלאַץ, כּדי צו פאַרהיטן פאַר מעגלעכע גנבות און גזלות, און טאָמער, חלילה, נאָך פאַר עפּעס מער ערנסטעס, אויב עס זאָל אויסקומען... מען ווייסט קיינמאָל נישט ווי מען האַלט מיט די שכנים, איבערהויפּט ווען מען קומט אויף אַ נײַ אָרט און מען איז נאָך נישט איינגע-אָרדנט. דער עולם איז פלינק צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אויפרוימען דאָס פעלד, אויסלייגן די שטיינער אַזוי, אַז זיי זאָלן בילדן אַ שוץ-וואַנט. די איבעריקע דרײַ זייטן האָט מען געדעכנט צו פאַרשטעלן מיט די וועגענער. אָבער דערוויילע האָט מען זיך גענומען די געצעלטן אויפצושלאָגן. איבער דעם גאַנצן פּלאַץ, וואָס האָט ביז-איצט געשלומערט אין דער היי-סער מיטאָג-שעה און באַפרוכפּערט-געווען נאָר פון פליגן, מיקן, ווילדע בינען און שפּינען, וועלכע האָבן מיט פלײַס געוועבט זייער אינזעקטיש לעבן און אָנגעפילט דעם חלל מיט דעם אומהיימלעכן געזשום — האָט איצט געשאַלט פון מענטשלעכן טוען. עס האָבן זיך געהערט שטימען, אַ לויפן, אַ גיין, אַ קלאַפּן מיט האַמערס, אַ שנײַדן מיט די קאָסעס, אַ וואַרפן מיט שטיינער — דאָס גאַנצע אָרט איז אָנגעפילט-געוואָרן מיט באַ-וועגונג, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט ווי לעבעדיקע קוואַלן פון מענטשלעכער ענערגיע און כּוחות. איבער דעם חלל פון דער ווייטער זומפּיגער וויסטע פון עמק האָבן זיך געטראָגן די מענטשלעכע שטימען און איבערגעשראָקן די אין זייער אַרבעט פאַרטיפטע און אין זייער שלאָף פאַרשלומערטע אינזעקטן צווישן די גרעזער און די חיות אין די זומפּן. מיט שרעק האָבן זיך געטראָגן מחנות פליגן, אַרויסגעפלאָשעטע פון די נײַע אײַנגענומענע שטיקער ערד, פון די אָפּגעשניטענע גראָזן און געלאָזט זיך די שלעכטע בשורה אָנזאָגן זייערע חברטעס אין טיפן טאָל: „דער מענטש איז אָנגעקומען!”...

דערווייל האָט מען באַדאַרפט זאָרגן וועגן עסן, דער עולם איז אויסגעמוטשעט-געווען און הונגעריק. און וויפל די הערצער און די געמיטער זענען נישט איבערגעפילט-געווען מיט פרייד פון דער זכיה, וואָס מען האָט דערלעבט אויף אייגענער ערד צו טרעטן און מיט אייגענע הענט דאָס ערשטע נאַכט-לעגער זיך פאַרצובאַרייטן — אָן אויסגעווייטיגטער פאַרלאַנג

פון יאָרן, — האָט אָבער דאָס מענטשלעכע ליבע פאַרלאַנגט באַרוונג. די כּוחות האָבן אָנגעהויבן אויסצורינען, ווי זיי וואָלטן זיך געוועזן אויפגעלייזט אין די אַנגסטן פון שווייס, וואָס איז געראָנען פון די לייבער ביי דער אַרבעט. חברטע שרה, וועלכע געפינט זיך איצט ביי די טעפּ וואַסער, וואָס זידן אויף די גאַפּט-מאַשינקעס, פילט עס. וואו זי קומט, אין וואָס פאַר אַ קבוצה זי געפינט זיך, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט זי נעמט זיך, פאַלט זי לויט איר גורל אַריין אין דער קיך. און באמת בענקט זי דווקא צו זיין אינדרויסן צווישן די מענער, צו שלעפּן די שטיינער מיט זיי, צו שניידן די גרעזער, צו גראָבן די ערד; ווי זי האָט ליב דאָס גרינס פון די נייע אויפגייענדע צווייגלעך אויף די יונגע ביימער, וואָס זי האָט פאַרלייגט אין כּנרת אין דער ביימלעך-שולע. און אויך דאָ, שטייענדיק ביי דער אַזוי-גערופענער קיך, אונטער דעם באַדעקעכטס פון ראָגאָזשעס און זעק אויף די אַריינגעהאַקטע דרענגער, זעט זי איר יונגע בוים-שולע, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין כּנרת. אויך דאָ חלומט זי פון אַ בוים-שולע, אָבער דערווייל באַדאַרף מען קאָכן, און אַלע זענען זיך צעלאָפן. דבורה, וועלכע האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיט איר אין קיך צואַרבעטן די ערשטע צייט, איז נישטאָ; און מלכּה, וועלכע איז צוליב דעם, אייגנטלעך, אַהערגעקומען, איז אויך נישטאָ; זי שטייט אינדרויסן מיט די מענער און האַקט די קלעצער אין דער ערד אַריין פאַר די געצעלטן. העלענקע — העלענקע מירקין, איר פריינדין, מיט וועלכער זי האָט צוזאַמען די בוים-שולע אין כּנרת פאַרלייגט, האָט זי געמוזט איבערלאָזן ביי די יונגע ביימער. איבעריגנס, וואָלט זי איר גאָרנישט געקאָנט העלפן איצט, זי ריכט זיך מוטער צו ווערן. און אויך מרים און חוה און סאָניטשקע — אַלע זענען זיי אינדרויסן מיט די מענער ביי דעם שטיינער-רייניגן, און זי איבערגעלאָזט אַליין אין דער קיך. אַוודאי האָט מען מורא פאַר דער קיך. אַז מען פאַלט-אַריין אין איר, האַלט זי דיך געפאַנגען. אָבער די חברים מוזן עסן, זיי זענען מיד און הונגעריק. אַחוץ דעם טרוקענעם ברויט און טיי אינדערפרי, האָבן זיי נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט, אין אַזאַ שווערן טאָג פון זאָרג און אַרבעט הינטער

זיך. זי וועט פאַר זיי היינט, פאַרשטייט זיך, באַבעלעך אָפּ-קאָכן, עס זאָל זיי כּוחות געבן. די חברים וואָלטן אוודאי גע-וואָלט קאַרטאָפלעס, נישטאָ אָבער קיין צייט זיי צו שיילן. און אפשר זאָל זי אַ פּאָר טעפּ קאַרטאָפלעס אין די שאָלן אָפּ-קאָכן? גאָרנישט זעטיגט אַזוי אַ הונגעריקן מאָגן ווי קאַרטאָפ-לעס. זיי קאָנען זיך דאָס מיט בוימאייל באַשמירן. יאָ, דאָס וועט זיי שמעקן. זי וועט פּרובירן כאָטש אין ערשטן טאָג אַ פּאָר פונט ציבעלעס אָפּצופּרעגלען, כּדי די קאַרטאָפלעס צו באַשמעלצן. זי ווייסט, אַז זי פירט זיך צו ברייט. דאָס געלט, וואָס דער ירושלימער קאָמיטעט האָט באַשטימט פאַר דער ערשטער צייט, איז זייער קאַרג. און ביז די חברים וועלן אָנ-הייבן עפּעס אַריינצוברענגען פון דרויסנדיגע פאַרדינסטן, און ביז דער גאָרטן וועט אייגענע גרינס קאָנען געבן, וועט נאָך אַ לאַנגע צייט געדויערן און מען וועט נאָך געניג קרענקען, ביז מען וועט דאָס ערשטע מערעלע זען פון דער ערד, דאָס ערשטע קעפּל סאַלאַט. אָבער די חברים מוזן עסן, עס שטייט זיי פאַר מאָרגן אַ גרויסער טאָג אַרבעט. מען וועט באַדאַרפן פאַר היינט אויך ציגאַרעטן איינטיילן.

„אָבער וואָס שטיי איך און קלער? פון דעם הייסן וואַ-סער וועלן זיבעציג מענטשן נישט זאַט-ווערן! וואו זענען די חברטעס, מרים, חוה, דבורה — זיי האָבן מורא אין דער קיך צו קומען, כּדי זיי זאָלן נישט דאָרטן שטעקן-בלייבן. אָבער די חברים וועלן נאָך דער אַרבעט וועלן עסן. פון הוירא-טאַנצן וועלן זיי נישט זאַט-ווערן!״.

זי לויפט-אַרויס אינדרויסן. די ערשטע-בעסטע חברטע, וועלכע זי טרעפט-אָן — דבורה ראַבינאָוויטש מיט דעם שטאָלצן קאָפּ, וואָס זיצט אויפן הויכן האַלז — איז פאַרטון מיט די חברים ביי די שטיינער-קלייבן.

— חברטע, אַריין אין דער קיך! — שלעפּט זי דבורהן ביי דער האַנט.

— איך וויל מיט די חברים אין פעלד בלייבן, איך טויג נישט צו די טעפּ!

— אין דער קיך! — שלעפט זי די חברטעס פאר די צעפ. — ארץ-ישראל הייבט זיך אן פון טאפ!

---

ביז די קארטאפלעס (טאקע אין די שאלן) זענען גע-שטאנען אפגעזאטן אין די גרויסע טעפ פאר דער טיר פון דער חברטע שרהס קיך, וואס איז פון זיך אליין געווארן דאס צוזאמענקונפט-ארט פון דער קבוצה, זענען שוין אין א צירקל געשטאנען אויסגעשטעלט די וועגענער פון דריי זייטן, און פון דער פערטער זייט, צום בארג-צו, זענען געלעגן אין קופעס אנגעווארפענע שטיינער און האבן געשאפן א מחיצה צווישן זיי און דעם בארג. אינעווייניג, אין דעם צירקל, זענען אויף צוויי זייטן אין סימעטרישע רייען געשטאנען אויפגעשלאגן אכט געצעלטן. די מויל-אייזלען זענען געשטאנען אויף אונטערגע-שפרייטע גראזן און האבן זיך געפונען צווישן די רייען פון די געצעלטן. דארטן, אויפן פלאץ צווישן די געצעלטן, זענען אויך געלעגן צוזאמענגעווארפן די כלים און אלץ, וואס מען האט אראפגעשלעפט פון די וועגענער. פיר חברים, פארזען מיט געווער, זענען פארלויפיג געווען אויסגעשטעלט אין די פיר ווינקעלעך. דער איבעריגער עולם איז געלעגן אדער געזעסן פארן געצעלט פון חברטע שרה, ד. ה., פאר דער קיך — און די טעפ מיט די זידיגע קארטאפלעס פאר זיי. אין די טעפ מיטן הייסן וואסער האט מען אריינגעווארפן א פאר לעפל טיי און צוקער. אויף א ברעט פון א וואגן, וואס האט געדינט אלס טיש, זענען געשטאנען די ניי-איינגעקויפטע בלעכענע כלים, בלעכענע טעלער, בלעכענע טאצן און א קופע מיט לעפל. דער עולם האט גענומען די טעלער און אנגעלייגט מיט קארטאפ-לעס, אפגעשיילט, באשמאלצן מיט די אנגערייטע ציבעלעס פון א טאפ ארויס, א שטיק אפגעשניטן ברויט, און זיך געלאזט וואויל-גיין. די חברטע שרה איז היינט געווען זייער פארשווענדעריש, עס איז געווען אי קארטאפלעס און אי ברויט (דאס איז גע-ווען צוליב דעם יום-טוב פון ערשטן טאג אויף אייגענער ערד). איטלעכער האט זיך אנגעגאסן פון א קאן א טעפל טיי, און מ'האט אפילו פארגעסן צו דיסקוטירן איבער דער ברענענדיגער

פראַגע, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טאָג-אָרדענונג פון גדוד — ווי אַזוי צו דערציִען די צוקונפטיגע קינדער פון דער קבוצה — איבער וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין דיסקוּטירן יעדעס מאָל, ווען מען האָט נאָר אַ פרייע מינוט געהאַט,— ביז עס איז אָנגעקומען מענדל שוואַרץ, דער שוסטער. ער איז געווען פאַרנומען ביז-איצט מיט די מויל-אייזלען. אויך זיי האָבן באַדאַרפט טועם-זיין צום ערשטן מאָל פון פרישן קוואַל-וואַסער, וואָס די אבות האָבן אין דער הייל פאַרשטעקט, — ער איז אָנגעקומען און דערזען די „טעם פון מצרים“, ווי די חברים זיצן האַלב-אָנגעלענט, ווי ביים סדר ביים טאַטן אין דער היים און האָבן הנאה, האָט ער זיך אָנגערופן:

— גיב נאָר אַ קוק, עס איז דאָך שוין באַלד שלמה המלכס אַ סעודה — אי ברויט, אי קאַרטאָפל. אויפן חשבון פון נגיד, פון יידישן פאָלק, קאָן מען זיך לאָזן וואוילגיין. וואַרט, וואַרט, חברים, ביז מיר וועלן אויף אייגענע קעסט קומען!

דערווייל זענען פון באַרג אַראָפּגעקומען די שכנים מיט אַ וויזיט. דאָס איז געווען אַן אַלטער אַראַבער אין אַ ווייסער אַבאַיע און צוויי אַראַבער אין שוואַרצע קעמל-האָר-מאַנטלען. עס איז עפּעס נישט געפעלן-געוואָרן, וואָס די יונגע, די וואָס אין די שוואַרצע קעמל-האָר, האָבן געהאַט די האַלבע פּנימער פאַרשטעלט, מיט דער ווייסער קאָפּיע פאַרבונדן, כאָטש עס איז דאָך שוין געווען אָוונטלעך און קיין זון און קיין שטויב איז נישט געווען אָנצוזען. אויך צופיל געווער האָבן זיי געהאַט אויף זיך. מען איז זיי אַנטקעגן-געגאַנגען. דער שומר אויפן פערד האָט זיך געלאָזט צו זיי הענדום-פּענדום, ער האָט זיי באַמערקט נאָך פונדערווייטנס אַראָפּקומען פון באַרג און ער האָט זיי איינגעהאַלטן מחוץ למחנה. „מחנה“ האָט זיך שוין גערופן דאָס, וואָס איז געווען אין צירקל. די בערגלעך שטיינער, וואָס מען האָט אָנגעוואָרפן, האָבן געשאַפן די מחיצה צווישן רשות-היחיד און דעם רשות-הרבים, און ווי נישטיג עס זענען נישט די בערגלעך שטיינער, פילט מען זיך שוין אין דעם אייגענעם רשות, ביי זיך אין דערהיים.

מען האַלט-איין די אַראַבישע געסט: — וואָס זיי ווילן? —

זיי זענען געקומען באגריסן זיך מיט די נייע שכנים, זיי זע־
גען פון די הייזלעך אויבן אויפן בארג. עס הייבט זיך אן א
שקלא-וטריא — יא ארײנלאזן זיי אין דער אייגענער מחיצה,
צי נישט. טייל זאגן, אז זיי זענען געקומען אויסשפיאנירן ווי
שוואך מען איז. יעדנפאלס, וואו וועסטו זיי זעצן, עס איז
נאך נישטא וואו זיך אװעקצוזעצן. אבער דאך, מחמת שלום,
באשטימט מען זיי יא ארײנצולאזן אין דער מחיצה. מען
באגלייט זיי ביז צו דער טיר פון דער חברטע שרהס געצעלט
(וואס איז געווארן דער צענטער פון ארט), מען זעצט זיך
אװעק אויף דער ערד, און דאס ברעט פון וואגן איז דער
טיש. ווער זענען זיי אזעלכע? — ווילן די שכנים וויסן. —
פון וואס פאר א שבט?

דאס זענען מאסקאוויטן, וועלכע האבן אפגעקויפט ביים
עפענדי דעם גאנצן עמק דא ארום, און זיי זענען אים גע־
קומען איינגעמען מיט ארבעט, באזעצן אים.

ווידער הייבט זיך אן דיזעלבע מעשה, ווי מיט די ארא־
בער אויפן וועג: דעם עמק באארבעטן? באזעצן אים —
ווי אזוי? איר זעט דארטן, פון מיטן די גראזן שטארט-ארויס
א טויטער קאפ פון א ציפרעס, — דאס איז די איינציגע מצבה
פון א ישוב. אויך געקומען אים איינעמען. די קברים זענען
פארזונקען אין דער בלאטע. דער קוואל,—דאס איז דער קוואל
פון טויט, וועלכן דער נביא, וואס ליגט אויף יענעם בארג-
רוקן, האט אים פארשאלטן, און יעדער, וואס טרינקט פון
אים, סיי מענטש, סיי בהמה, ווערט ביי אים דער בויך גע־
שוואלן און דאס בלוט ווערט קאליע. אין דריי טעג ארום
מוז ער שטארבן.

„פון וואס פאר א קוואל טרינקט איר?" — פרעגט מען
זיי. — „מיר האבן אויפן בארג אין אונזער דארף אן אייגענעם
קוואל, וואס איז פריי פון דער קללה. די שכנים פון אונטן,
וואס טרינקען פון קוואל, האבן שוין א העלפט קינדער פאר־
לוירן, עס האלט זיך נישט ביי זיי קיין בהמה, און צוליב
דעם האט דער עפענדי די ערד פארקויפט די יהודים. די
צוויי שווארצע זענען טאקע די שכנים פון די אונטערשטע
הייזלעך און זיי וואנדערן-אויס. די יידן האבן זיי אפטרעט־

געלט געגעבן און זיי האָבן זיך געקויפט לאַנד אויף יענער זייט ירדן״.

— שוין געקויפט?

— שוין געקויפט.

— אַ גוטע בשורה האָב איך פאַר אייך, — זאָגט דער שומר צום עולם, וואָס שטייט אַרום, — זיי וואַנדערן־אַוועק!

— פרעג זיי, ווען זיי ציִען זיך אַרויס!

ביז די ערשטע רעגנס וועלן זיי די אַראַבישע שטעלער אָפּרייניגן. עס זאָל נאָר וואָר זיין, וואָלט עס גוט געווען. „ביז צו די ערשטע רעגנס מוז מען אונטערן דאַך קומען״, — קרעכצט חברטע שרה.

„פאַרוואָס האָבן די „מאָסקאָוויטן״ נישט אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן דאָרט ווייטער אויפן בערגל, הינטערן דאָרף, דאָרט, פונוואַנען עס לייכט זיך איצט דאָס ליכטל? דאָרט איז די ערד טריקענער, דאָס אָרט איז העכער!״ — ווילן די שכנים ויסן. — „פאַרוואָס גאָר געקראָכן דאָ אין דער בלאָטע אַריין?״

„דאָס איז עס טאַקע. מען באַדאַרף צום ערשט די בלאָטע אויסטריקענען, דעם קוואַל אָפּרייניגן, און צוליב דעם טאַקע — גלייך אין דער בלאָטע אַריין.״

„די בלאָטע אויסטריקענען? דעם קוואַל אָפּרייניגן?״ — לאַכן די שכנים און באַוויזן אין דער טונקלקייט פון אָוונט זייערע ווייסע ציין. — „עס איז ווי דעם ים מיט אַ מושעל אויסצושעפּן! די בלאָטעס זענען שטאַרקער פון אייך. איין וואָגן בלאָטע וועט איר אַרויסנעמען, צען וועלן אויף דעם זעלבן אָרט צוריקקומען. ניין, געגן דער קללה פון נביא איז גאָרנישט צו מאַכן. מיר זיצן אויפן ראַנד פון באַרג און דאַך, ווען מיר הויבן זיך אויף אינדערפרי, געפינען מיר דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט פון נעכטן, פאַרשימלט. די קליידער אויף אונזער לייב ווערן פון פייכטקייט גרין. וואָרט־צו ביז מאָרגן! ווער האָט דאָס געהערט אַ קוואַל רייניגן? עס איז געגן דעם געזעץ פון אַללאַ. דאָס, וואָס דער נביא האָט איינמאָל פאַרשאָלטן, מוז בלייבן פאַרשאָלטן. ניין, זיי זאָלן בעסער פונדאַנען זיך אָפּטראָגן, איידער די ערשטע קרבנות פאַלן. דאָרט, אויף יענער זייט טאָל, צום דאָרף־צו, אויפן בערגל —

דאָרט דערהאַלטן זיך יאָ מענטשן. ניין, זיי האָבן זיך נישט קיין גוט אָרט אויסגעזוכט".

עולם הערט זיך איין און שווייגט. געוויס איז דאָרט אויפן באַרג די געגנט געזינטער. זענען דען זיי דאָ אַהערגעקומען נאָר אַ געזונטע געגנט זיך אויסצוזוכן? מען באַדאַרף אַ געגנט געזונט־מאַכן, נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדע־רע, און אויב זיי וועלן דאָס נישט טון, ווער וועט עס טון?

— אַז איך האָב אייך געזאָגט, מען באַדאַרף די קבוצה אַ נאָמען־געבן „דער קוואַל פון לעבן"! — שרייט־אויס דער יונגער יודקעוויטש.

אָבער קאַלאָמוטנע אויפן האַרץ ווערט: „די קינדער האַלטן זיך נישט", „דאָס ברויט ווערט איבער נאַכט פאַרשימלט", „די קליידער אויפן לייב גרינען" — איז דען דאָ אַן אַנדערע עצה? מען מוז נעמען אַזוי ווי עס איז, קיין אַנדער ארץ־ישראל איז נישטאָ.

מען באַגלייט־אַרויס די געסט מיט די צוויי נאַפט־לאָמפּן, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט, פון רשות־היחיד אַרויס, וואָס איז שוין אין דער אָונטלעכער פינסטערניש אינגאַנצן פאַרשוווּנדן־געוואָרן. זייערע דינע גרענעצן האָבן זיך פאַרווישט און אויסגע־מישט זיך מיטן רשות־הרבים. זיי געפינען זיך אינמיטן פון אַ פריי, נאַקעט פעלד, קיין שום באַשיצונג איז נישטאָ אַרום זיי, צוגעדריקט פון איין זייט נאָר פון באַרג. אָבער פון דעם באַרג קומט די געפאַר. אויפן באַרג זענען פאַרשפּרייט די פּאָר הייזע־לעך פון די פּרעמדע. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ כוונות זיי האָבן און וואָס עס איז געווען דער ציל פון זייער באַזוך, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט? מרגלים, צי שכנים? יעדנפאַלס קאָן ביי־נאַכט רעגענען מיט שטיינער איבער זייערע קעפּ פון באַרג אַראָפּ. און פאַר זיי — אַ לאַנגער נאַקעטער שטח אין דער נאַכט אַריין, אַן אייגענער, אָבער אַ פרעמדער, וואָרים אומ־באַקאַנט. פון דער פאַרהוילטער טונקעלער פלאַכקייט, איבער וועלכער עס איז איצט אַראָפּגעפאַלן אַ דיקער, פייכטער און טונקעלער טוי, הערט זיך אַן ענערגיש קוואַקען פון די זשאַבעס, וואָס עס פאַרטויבט דאָס געהער. פון אַלע זייטן הערט זיך דאָס־דאָזיקע קוואַקען. פון צייט־צו־צייט הערט זיך אַ פורכטבאַר יאָ־

מערן פון איינזאַמע שאַקאַלן — אַ מערדעריש קינדער־געוויין, און נאָך אַנדערע אומבאַקאַנטע שטימען דערגייען צו זיי. די נאַכט ווערט אָנגעפולט מיט אוממענטשלעכע קולות, מיט געוויי־נען, געשרייען פון אומגעזעענע ברואים, וואָס ווידמענען זיך אין די זומפן, באַהאַלטן זיך אין די לעכער און קלאָגן־אויס זייער ווינסטע קלאָג פון דער מדבר, אַזוי ווי זיי וואָלטן גע־וואָלט מיט זייערע געשרייען אָפשרעקן די מענטשן, וואָס זע־נען געקומען אין זייער רשות אַריין. אַרום־און־אַרום זעט זיך נישט קיין ליכט, קיין פייער, נאָר אַ געדיכטע און פייכטע טונקלקייט, ווי אַ שווערער שלייער איבערן עמק, און פאַר־שטעלט די אומבאַוואוסטע געפאַרן, וואָס רוען אין אים. בלויז וואָס די שטערן אין הימל צינדן זיך אָן ברייט, גרויס און ליכ־טיג, און רעגענען מיט פערלדיגע שטראַלן פון דער הויך. דער הימל איז דער איינציגער באַקאַנטער, היימיש און מענטשלעך. די ערד איז פרעמד, אומבאַקאַנט און פיינדלעך. און פון דעם ארץ־ישראל־הימל האָבן די מענטשן געשעפט גלויבן און זי־כערקייט.

עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט פאַר סענטימענטן און שטימונגען. מען האָט באַדאַרפט באַשטימען די אַרבעט פאַרן מאָרגנדיגן טאָג, און דער ועד, דער קאָמיטעט פון אַרבעט, מיט כאַימאָוויטשן אָן דער שפיץ, האָט זיך אויסגעזעצט פאַר דער חברטע שרהס געצעלט. איז מען געזעסן אויף דער ערד אַרום דעם ברעט פון וואָגן און מען מאַכט דעם פלאַן פון מאָרגנ־דיגן טאָג.

פערציג מאַן, גרופע א׳ און גרופע ב׳ וועלן זיך נעמען די גריבער גראָבן. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, קודם־כל דעם קוואַל אויסרייניגן און אויפדעקן; דאַרף מען צו דעם צוועק אין דער זייט פון קוואַל גראָבן אַ לאַנגן גרוב, אָפצוציִען פון קוואַל דאָס שטייענדיגע וואַסער. צוואַנציג מאַן, גרופע ג׳, וועט זיין באַשעפטיגט ביים „משק“. „משק“ רופן זיי שוין אָן די ווירטשאַפט. צום ערשט וועט מען באַדאַרפן דאָס פעלד ווייטער אָפקלויבן פון די שטיינער און די שטיינער־וואַנט העכער־מאַכן. אויך מוז מען אין ערשטן טאָג דער חברטע שרהס געצעלט

אויסבריי טערן, פֿאַרפֿעסטיגן, צוגעבן מער שאָטן, מער דאַך, — מער היים...

— און פֿונוואַנען וועסטו ברעטער נעמען?

— גיב נאָר אַ קוק, אַנדערש ביסטו נישט געוואוינט, נאָר צו מאַכן אַ באַשיצונג פֿון ברעטער. — און פֿון שטרוי איז דיר ווייניג?

— ווו האָסטו שטרוי?

— חברטע דבורה וועט נעמען אַ חבר צו זיך און פֿלעכטן גראָז-שטריק.

— די ערשטע זאַך וואָלט מען באַדאַרפֿט פֿאַרבעסערן די פֿאַרבינדונג מיט דעם נאָענטסטן אָרט. די בלאָטע אויפֿן וועג מיט גרעזער צו פֿאַרלייגן, כּדי דעם וועג אַביסל בעסער צו מאַכן.

— די ערשטע זאַך וואָלט מען באַדאַרפֿט גראָבן גריבער אַרום די געצעלטן, בשעת סכּנה זיך צו באַשיצן.

— צום ערשט זאָרגט מען פֿאַר דער היים, דערנאָך פֿאַר דער פֿאַרבינדונג מיט דער שטאָט.

און פֿון „סאַניטאַרישע באַדינגונגען“ האָט מען גאָר פֿאַרגעסן. די ערשטע זאַך וועט מען באַדאַרפֿן די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען“ באַזאָרגן.

— עס זענען דאָ אַ סך ערשטע זאַכן צו טון, זאָרגט נישט, עס וועט נישט פֿעלן קיין אַרבעט, עס זאָל נאָר אַזוי נישט פֿעלן קיין ברויט!

— וואָס וועל איך טון מיט דער קיך? איך באַדאַרף הילף! — זאָגט חברטע שרה, זיצנדיג אויף דער שוועל פֿון איר געצעלט, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון אַן איבערגעדרייטער בלעך פֿון גאַזאָלין.

— מרים מיט חוהן קומען אין דער קיך אַריין.

— אוי ווי מיר, דאָ וועל איך שוין פֿאַרפֿאַלן-ווערן!

— פֿינף חברים וועלן מיר באַדאַרפֿן האָבן פֿאַר די פּראָוויאַנטן און די כּלים, כּדי דאָס אַלץ אונטערן דאַך צו ברענגען. אהרן סיביריאַק וועט אויף די מויל-אייזלען אַכטונג געבן.

— מען קאָן זיי באַנוצן אויף די בלאָטעס שלעפּן, אין די וועגענער איינשפּאַנען.

— בלאָטעס וועסטו שלעפן אַליין, די מויל-אייזלען מוזן אַ טאָג רוען.

— אויך וועט מען באַדאַרפן די שמירה אויף היינט ביי־נאַכט פאַרשטאַרקן. בורלאַק, טייטלבוים און חבר שלמה, — די וועגענער שטייען אין נאַקעטן פעלד!

— די שמירה וועלן מיר אַלע די נאַכט האַלטן, פאַרוואָס עפּעס די חברים אַליין, — רופט זיך אָן מענדל אָדער „יוחנן הסנדלר".

— ווי הייסט — אַלע?

— וואָס מיינט איר, די ערשטע נאַכט אין עמק וועלן מיר שלאָפן גיין? און איר ווילט דאָס ארץ־ישראל בויען, מיט די מרה־שחורהדיגע פּגרים, וואָס איר זענט? גיב נאָר אַ קוק דעם פּחד, וואָס איז זיי באַפאַלן! אפשר איבער דעם, וואָס דער נביא האָט דעם קוואַל פאַרשאָלטן? נו, חברה, לאָמיר זען. ווער וועמען עס וועט איבערשרייען, די שאַקאַלן אונז, אָדער מיר די שאַקאַלן! נו, חברה, הייבט־אָן:

— „עם ישראל־חי"!

## קאַפּיטל 3

# עם ישראל חי!

„אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה"

דער מאָטיוו פון געזאַנג איז באַשטאַנען פון איין זאַץ — „עם ישראל חי", — וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין איבער־חזרן, און צו דעם מאָטיוו האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין אַ ראָד; צוערשט איינציגע, — פאַרלייגט האַנט־אויף־אַקסל, געפלאָכטן זיך צוזאַמען, — האָבן זיי זיך באַוואויגן אין אַ רואיגן טעמפּאָ; און באַלד זענען אַריינגעכישופט־געוואָרן אין דער קייט נאָך אַנדערע. די קייט איז געוואַקסן, זי האָט זיך געטאָפּלט, פאַרדרייפאַכט, איז געוואָרן איינס, איין עבר, איין עתיד, איין מזל און איין האָפענונג. איצטער איז שוין דער טעמפּאָ געווען שנעלער, ראַשיגער, שטורעמדיגער. ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן געשריי פון דעם איין־און־איינציגן זאַץ: „עם ישראל חי!". און דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן ווי אַ פלאַם־פייער אין דער שטילער, טויטער איינזאַמקייט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, געטראָגן זיך ווייט אין דער טיפעניש פון עמק. די שאַקאַלן האָבן זיך דערשראָקן און זענען פאַרשטומט־געוואָרן; די זשאַבעס האָבן אויפגעהערט צו קוואַקען. דער מענטש האָט אויסגעשריגן אין דער ווייטער טיפעניש אַריין די צוולה, וואָס ווערט געטון זיין אייגענעם „איך", די ביטערקייט פונם גורל פון זיין פאָלק; ער האָט אויסגעשריגן דעם אויס־לייז־דראַנג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ווי אַ פייער אין די הערצער פון די מענטשן און האָט זיי אַרויסגעשמיסן פון אַלע

גלותן, אַז זיי זאָלן זיך דאָ צוזאַמענקומען אין אַ ווייטן פאַר-
ווילדעטן מדבר און אויפשלאָגן זייער געצעלט אויף ערד נאָ-
ענטער, — און דאָך אַזוי ווייטער... פון אַלע גלותן זענען זיך
די יונגעלייט צוזאַמענגעקומען, אַרויסגעיאָגט דורך די שמיץ פון
לעבן, וואָס דאָס בייזע מזל פון זייער פאָלק האָט זיי נישט
געזשאַלעוועט, געפּײַשופּט פון אַ בענקשאַפט, פון וועלכער זיי
אַליין האָבן נישט געוואוסט.

נישט ווינציג זענען געווען די אויפגאַבן און נישט לייכט
די צילן, וואָס די יונגע מענטשן האָבן זיך געשטעלט: צוריק-
צוברענגען אַ פאַרשפרייט און אַלט פאָלק פון צוויי-טויזנט-יעריגן
גלות אויף דער ערד פון זייערע עלטערן, אויפצובויען אַ פאַר-
וויסט און חרוב-געוואָרן לאַנד. אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט
געווען גענוג, זיי האָבן געוואָלט זיך אַליין איבערבויען און
אויפלעבן זייער פאָלק אויף יסודות פון אַ נייער אָרדענונג.

דער אידעאַל, וועלכן זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו
פאַרווירקלעכן, טראָגט זיך ווי אַ באַגלייט-מאָטיוו צו דעם אויס-
לייזונגס-געזאַנג, וואָס גייט-דורך ווי אַ ליכטיגער שטראַל דורך
דער פינסטערניש פון זייער לאַנגער געשיכטע; דער אידעאַל
פון אַ לעבנס-שטייגער, וואָס ווייסט נישט פון ברויט-געבער און
ברויט-נעמער, פון פאַרקויפער און קויפער, פון אונטערדריקער
און אונטערדריקטע, נאָר שפּרייט-אויס, ווי די שטראַלן פון דער
זון, ווי די ברכה פון רעגן, זיינע חסדים איבער אַלע מענטשנס-
קינדער. די נביאים פון זייער פאָלק האָבן דערצו געשטרעבט
און אַרויסגעשטעלט דאָס אַלס אידעאַל פון אַ דערלייזטן לעבן;
די אָרדענונג, וועלכע זייער משיח זאָל אַמאָל איינפירן אויף
דער ערד אין די לעצטע טעג, איז געוואָרן אַ טייל פון זייער
אמונה, איז ענג פאַרקניפּט מיטן אויפבוי פון דעם לאַנד. און
דאָס האָבן זיי זיך געשטעלט אַלס ציל איינצופירן ווי אַ פונ-
דאַמענט, ווי אַ גרונטשטיין פון דעם נייעם לעבן, וואָס זיי
זענען געגאַנגען פירן אויף דער ערד. איינציגע פון זיי האָבן
שוין געפּרואווט לעבן אין דער „נייער אָרדענונג" נאָך אין
דער אַלטער היים, פון וועלכער זיי קומען; זיי האָבן בשותּפות
פּיאָניר-קאָלאָניעס געגרינדעט און געלעבט אַ קאָמונע-לעבן, גע-
טיילט זיך מיט דער אַרבעט און מיט דעם געווינס. פיל פון

זיי זענען דערפאַר פאַרפאָלגט-געוואָרן; אַנדערע, וועלכע קומען פון רוסלאַנד, וואו דאָסדאָזיגע אַרט לעבן איז געוואָרן אַ מלוכה-געזעץ, זענען צוליב זייער גלויבן אין דער באַזונדערער יידישער נאַציאָנאַלער מיסיע, וואָס דאָס יידישע פאָלק מוז אויפהאַלטן, אָנערקענט-געוואָרן פאַר קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן, רעאַקציאָנערן און פאַררעטער, און זענען דערפאַר פאַרפאָלגט- און געפייניגט-געוואָרן מיט דער האַרבקייט און אומברחמנותדיגקייט, מיט די ענויים, וואָס נאָר די „פרייהייט” אַליין האָט דעם טרויעריגן מוט געהאַט די ערשטע איינצופירן.

אַזוי זענען זיי פון די פאַרשידענע טיילן וועלט געקומען, מיט מסירת-נפש גרענעצן געגנבעט, איבער די האַפנס זיך גע-שלעפט, פון ברידער-אָרגאַניזאַציעס, פאַרשפרייט איבער די איי-ראָפעישע שטעט געהאָלפן- און געשטיצט-געוואָרן. אין די בייכער פון די שיפן האָבן זיי זיך געשלעפט, פאַרדונגען זיך קוילן צו שאָפלען, אויוונס צו הייצן, בהמות צו באַדינען, — אַבי נאָר די מעגלעכקייט צו האָבן צום לאַנג-אויסגעבענקטן האַפן פון ארץ-ישראל צו דערגיין, כּדי אַ חלום פון נביאים און משיחים אין לעבן אויסצופירן.

גאָרנישט האָבן זיי פאַרמאָגט, בלויז זייער נאַקעט לעבן און דעם ווילן האָבן זיי אין דעם לאַנד געבראַכט. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט אַלע מכשולים, וואָס פרעמדע און אייגענע האָבן פאַר זיי אויף זייער וועג געלייגט, און דער גורל האָט זיי פאַר די שטרענגסטע פּרוּוונגען געשטעלט און האָט זייער ווילן אין פייער פון יסורים אויסגעגליט, און מיט אים זענען זיי געקומען זייער אידעאַל אויסצופירן.

אָט זענען איינגעפלאָכטן, — האַנט-אויף-אַקסל, — אין דער קייט די צוויי ברידער יודקעוויטש, חיים און יוסף. דער יינגערער, יוסף, האַלט זיך אָן מיט זיין גאַנצער קראַפט אויף זיין חברס אַקסל און שלעפּט-אונטער זיין לאָם פיסל אין טאַנץ. דאָס לאָמע פיסל, וואָס הענגט אים אַראָפּ, ווי אַ שלאַבריגער לאַפּן, האָט ער באַקומען אויף זיין וועג קיין ארץ-ישראל. מיט אַ קליינער גרופּע רוסישע חלוצים האָט ער געגנבעט די גרע-נעץ פון סאָוויעט-רוסלאַנד איבער די קאַווקאַזער בערג, דורך דעם מיליטער-וועג פון באַקו קיין טיפליס. אַ מאַן פינף-זעקס

זענען זיי געווען, אַלע — בלויז יונגע ציוניסטן. זיי האָבן געלעבט אין דער קאָמוניסטיש-חלוצישער קאָלאָניע, וואָס זיי האָבן געגרינדעט אין קרים. די יעווסעקציע (יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוויעט-רוסלאַנד) האָט זיי דאָס לעבן ענג און ביטער געמאַכט פאַר זייער „רעאַקציאָנער-נאַציאָנאַליסטישער" איבערצייגונג. מען האָט צוגענומען פון זיי די בהמות און די אַרבעטס-מכשירים, — האָבן זיי באַשטימט די סאָוויעטישע גרענעץ צו גנבענען און דורך טיפליס, וואָס איז דאַמאָלס געווען באַזעצט דורך דער מאַכט פון די פאַרבינדעטע („אַלירטע"), צו דעם לאַנד פון זייער אידעאַל, קיין ארץ-ישראל צו דערגרייכן.

ביינאַכט, געפירט דורך אַ שמוגלער, האָבן זיי זיך גע-שלעפּט אין ווינט-און-שניי דורך די ענגע און געפערלעכע שטעגן, וואָס שלענגלען זיך דורך די קאַווקאַזישע בערג איבער דעם מיליטער-וועג. אין דער שרעק נישט געכאַפּט-צו-ווערן פון די באָלשעוויסטישע וועכטער, זענען זיי אַראָפּ פון די שטעגן און אין שניי געזונקען. דער יינגערער יודקעוויטש, יוסף, אויסגעצערט פון הונגער, אַרבעט און צרות, האָט דעם שווערן וועג נישט געקאָנט מיטמאַכן; ער איז יעדעס מאָל פאַרלוירן-געוואָרן און ענדלעך ערגעץ אין אַ שניי-לאָך שטעקן-געבליבן, אָפּגעריסן פון די אַנדערע. צו רופן נאָך הילף האָט ער מורא-געהאַט: עס זאָל אים נישט דערהערן די באָלשעוויסטישע וואַך; האָט ער זיך געטראַכט: „לאָמיך אונטערגיין, אַבי די אַנדערע זאָלן זייער ציל דערגרייכן". זיין ברודער, חיים, האָט באַלד זיך אַרומגעזען, אַז יוסף פעלט, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער מחנה און גענומען זוכן דעם ברודער אין די שניי-לעכער. ווען ער האָט אים געפונען, האָט דער יינגערער שוין נישט געקאָנט גיין. עס איז אים אָפּגעפרוירן-געוואָרן אַ פוס און אַ האַלב פנים. בחינם האָט ער זיך געבעטן ביים ברודער, אַז ער זאָל אים איבערלאָזן אין שניי און אַליין זיין לעבן ראַטעווען פאַר ארץ-ישראל. דער עלטערער האָט דעם יינגערן אויף די פּלייצעס גענומען און געשלעפּט זיך מיט אים אַ גאַנצע נאַכט. פאַרלוירן און אָפּגעריסן פון די אַנדערע, האָט ער זיך דאָך אַרויסגעריסן פון די באָלשעוויסטישע קייטן. צומאָרגנס האָבן

די איבעריגע זיי געזוכט און געפונעןביידן געפאַלן פון די לוחות אין שניי. דער עלטערער האָט דעם יינגערן מיט זיין לייב פאַרדעקט און באַשיצט אים פון דער קעלט. נאָר עס איז געווען צו־שפּעט. דעם פוס האָט מען אים טאַקע נישט אַראָפּגענומען, אָבער יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים אויס דעם פוס לאַנג נאָכצושלעפּן אָדער לאַנג אויף אים צו שטיין — ווער זאָגט נאָך, צו טאַנצן אויף אים — ווערט ער שווער ווי טויזנט צענטנער, ווי צומאַגנעטירט צו דער ערד, אַז ער קאָן אים נישט אָפּרייסן. אָנגעלענט און אָנגעשטיצט אויפן חברס אַקסל, אַז ער זאָל נישט אומפאַלן, שפּרינגט יוסף אונטער אויפן פּיסל, מיט וויפל כוחות ער האָט נאָר, און שרייט העכער פון די אַנדערע: „עם ישראל חי!” — ווי ער וואָלט געוואָלט ממלא־זיין מיט זיין געשריי דעם טאַנץ.

און אָט טאַנצט נעבן אים חנה זלאַטשעוו. פון אַן אוקראַי־נישער שטאָט קומט זי. אירע אויגן האָבן געזען דאָס גיהנום אין זיין גאַנצן אָפּגרונט. אין איין צימער מיט איר האָט מען איר מוטער געטויטעט אויף אַ גרויזאַמען אופן. שטענדיג שטייט פאַר איר דאָס בילד — איר מוטער אין די הענט פון אַ מענטש אַ חיה־רעה. מער וויל זי נישט זען און נישט געדענקען... זי האָט עס פאַרפלייצט מיט טרערן אין איר האַרץ. דאָס, וואָס עס איז געשען מיט איר נאָך איר מוטערס טויט... אויף דער פּאָדלאָגע... אין דער מוטערס בלוט... זי וויל עס נישט גע־דענקען... זי האָט עס ווי אַ שלעכטן חלום, ווי אַ ווילדן קאָשמאַר אויסגעמעקט פון איר זכרון. דער פּאָטער, אַ פאַר־וואונדעטער, האָט זי שפּעטער אויפגעהויבן פון דער פייכטער בלוטיגער פּאָדלאָגע, אָפּגעווישט מיט זיין האַנט די אַנגסטן, די טרערן פון איר פּנים און געזאָגט: „חנה, עס איז גאָרנישט געווען, פאַרגעס אָן דעם... עס איז גאָרנישט געווען!” אָבער פאַרגעסן? זי שווייגט וועגן דעם, וואָס עס איז דאַמאָלסט גע־שען, נישט נאָר זי פאַרשווייגט עס פאַר אַנדערע, נאָר אויך פאַר זיך אַליין. „עס איז גאָרנישט געווען!” אָבער פון דאַ־מאָלסט־אָן איז אַלץ, וואָס האָט צו טון מיט פרייד, יוגנט און לעבן, אויך אָפּגעווישט־געוואָרן פון איר. זי ווייסט נישט מער נאָר אַרבעטן, ווי די אַרבעט וואָלט געווען איר מאַן, אירע קינ־

דער. די אַרבעט פאַר ארץ־ישראל איז דער פרייז, וואָס זי באַצאָלט פאַר איר געשענקט לעבן.

איבער אַלע קבוצות, וואָס זענען צעזייט אויפן וועג פון איר שטעטל ביז קיין ארץ־ישראל, האָט זי געאַרבעט. אין וואָלין האָט זי געהאָלפן אין אַ חלוצישער קבוצה טראָטוואַרעס אויפן וואַסער בינדן; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואוהין זי האָט זיך אויף אַ רומענישער שיף געשלעפּט, איז זי דריי חדשים אין דער קיך געשטאַנען און פאַר חלוצים געקאָכט. זי האָט די ליכטיגע שיין נישט אָנגעקוקט. און זינט זי איז דאָ אין לאַנד, האָט זי קיין איין טאָג נישט גערוט, ווי זי וואָלט אין דער אַרבעט דעם איינציגן ציל פון איר לעבן געזען. אַ האַלבע נאַקעטע איז זי געשטאַנען אויפן זיך־בויענדן כביש (שאָסיי) און האָט אויף אירע שטאַרקע ברוסטן שווערע קאָרבן מיט שטיינער געטראָגן. וואו עס איז נאָר געווען צו טון אַ שווערע אַרבעט, וואָס דער „גדוד" האָט אָנגענומען, האָט זיך באַלד חנה אָנגעשלאָסן. שינעס האָט זי אויף אירע פּלייצעס געטראָגן, אין בלאָטעס ביזן האַלבן לייב געקראָכן. פון דער זון און אַרבעט איז איר הויט האַרט־געוואָרן ווי אַ לעדער, איר רונדיג פול אוקראַאיניש פּנים איז אויסגעהאַקט ווי פון אַ רויען שטיין. קיין איין קנייטשל, די שווערע שוואַרצע צעפּ האָבן אַרויסגעשטאַרט פון אונטערן טיכל אַרויס. די קליינע שוואַרצע אויגן באַוועגן זיך נישט אין פּנים, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרגליווערט־געוואָרן און איינגעפרוירן אין זייערע אויגן־לעכער. זינט יענעם בילד, וואָס זי האָט דאַמאָלסט פאַר די אויגן געזען, זענען אירע ליפּן פאַרשנירט־געוואָרן, פאַרביסן. אַזוי שפּרינגט זי און טאַנצט יעצט און שלעפּט די קייט בחורים נאָך זיך: „עם ישראל חי!"

און נעבן איר טאַנצט דבורה, דבורה ראַבינאָוויטש — מיט איר שטאָלצן קאָפּ, וואָס זיצט אויף איר הויכן און גראַדן האַלז, די האָר קורץ געשוירן, קורץ, דיק און שוואַרץ, און די אויגן גרויס און גראָד האַלב ארץ־ישראל בחורים זענען אין איר פאַרליבט. זי איז אַ טאַטנס אַ קינד, קומט־אַרויס פון אַ גוט הויז, איז דאָ אין לאַנד נאָך פאַר דער מלחמה געגאַנגען אין דעם הרצליה־גימנאַזיום, פאַרלאָזט ביי זעכצן יאָר דאָס גימנאַזיום און דעם פאָטערס הויז, און אין אַ קבוצה געקומען אַרבעטן.

זי איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „גדוד", אומדערשראָקן, גרייט אויף אַלץ. עס זענען באַקאַנט אירע מוטיגע אַרויסטריטן אין צייט פון דער מלחמה, ווען דער ישוב, ספּעציעל די אַרבעטער, זענען געווען אונטער דעם טיראַנישן טעראָר פון דעם טערקישן גענעראַל האַמסון-בעק. מען זאָגט, אַז מען האָט זי געשמיסן אין דער תּפיסה פון דמשק, וואו זי איז געזעסן צוזאַמען מיט די אַרבעטער. אויף איר פּנים האָט מען עס נישט אָנגעזען...

און נעבן זיי — די שטילע מוטער שׂרה. קיין קינד האָט זי נישט געהאַט, קיין מאַן אויך נישט, און יונג איז זי, אָבער מוטער שׂרה האָט מען זי גערופן. שׂרה איז געווען איר נאָמען, און „מוטער" האָט מען זי גערופן, ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלעמען פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט זי האָט געשטעלט איר פוס אין אַ קבוצה. וואָס פאַר אַן אונטער-נעמונג עס זאָל נאָר נישט זיין, צי ביים שאָסיי בויען, צי אין אַ קאָלאָניע גריבער גראָבן, איז איר מזל שטענדיג געווען אין דער קיך... און געריסן האָט זי זיך דווקא אין פעלד צו דער אַרבעט.

און אָט פירט-אָן מיט דעם קאַראַהאָד מענדל שוואַרץ, אַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, די שרעק פון מלוכות. אין אַלע טורמעס, וואָס ציען זיך פון דער פוילישער גרענעץ ביז צום ארץ־ישׂראל-ברעג, איז ער געזעסן, און ער איז די גוטס-קייט אַליין. זיינע אויגן לאַכן שטענדיג, און מיט יעדן איינעם איז ער פון דער ערשטער מינוט-אָן חבר. זיין פּנים און זיין לייב זענען פול מיט צייכנס און פלעקן פון אַלע מלחמות און טורמעס, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין זיין לעבן. די האָר זענען ביי אים אויסגעקראָכן פון אַ טיפוס-קראַנקהייט, בעת וועלכער ער האָט זיך געראַנגלט צווישן טויט-און-לעבן אין אַ טיפוס-באַראַק אויף דער סאָוויעטיש-פּוילישער גרענעץ. דאָס אויג האָט ער פאַרלוירן בעת דער זעלבסטפאַרטיידיגונג אין אַן אוקראַיִנישן פּאָגראָם. אַ קויל אין לייב טראָגט ער פון דער מלחמה דערצו איז ער נאָך געשטופּלט פון אַ פּאָקן־קראַנקהייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעשטעקט אין אַ רומעניש ער טורמע. און דאָך לאַכט ער. כאָטש די פאָדערשטע שורה ציין

פעלט אים — אויסגעהאַקט ערשט דאָ נישט לאַנג פון אַן אַראַבישן שטיין, וואָס איז אים געוואָרפן-געוואָרן פון הינטער אַ קאַקטוס, ווען ער איז געשטאַנען און געאַקערט אַ ניי פעלד, — דאָך לאַכט ער. ער איז דער צוקונפטיגער שוסטער פון דער קבוצה, — אַ מלאכה, וואָס האָט אים אַמאָל דאָס לעבן אָפּגעראַטעוועט. ווען ער האָט די סאָוויעטיש-פּוילישע גרענעץ געגנבעט, איז ער אויף דער אוקראַינישער זייט גע-כאַפּט-געוואָרן פון אַ רויבער-באַנדע, וואָס האָט דענסטמאָל געראַבירט אין דער געגנט. זיי האָבן אים שוין געהאַט אָנגע-בונדן צו די רעדער פון אַ פור, כדי אים צו דערשיסן, איז אים אין דער לעצטער מינוט איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער האָט געקוקט אויף דעם באַנדיטן-פירערס שטיוול און זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ שמייכל, ווען מען האָט אים די הענט אָרונ-טערגעבונדן: „דו גייסט אין צעריסענע שטיוול, און דעם איינציגן שוסטער, וואָס דו האָסט, ברענגסטו אום!" מען האָט אים פלינק די הענט אויפגעבונדן און געגעבן אים דעם פירערס שטיוול צו פאַרריכטן. כאָטש ער האָט די מינדסטע ידיעה פון דערדאָזיגער מלאכה נישט געהאַט, האָט ער דאָך אָן דראָטווע און אָן אָל די שטיוול פאַרריכט. דער פירער האָט אים דאָס לעבן געשאָנקען. פון דאַמאָלס אָן באַקענט ער זיך צו דער-דאָזיגער מלאכה. איצטער, אין ברען פון טאַנץ, פאַרגעסט ער נישט דער חברה צו דערמאָנען: „שאַנעוועט די שיך מיט די זוילן — עם ישראל חי!" ער האָט שוין אַ פאַרטיגן נאָמען ביי דער חברה - יוחנן הסנדלר!

נעבן אים איז אהרן סיביריאַק. אַ גאַליציאַנער אַלטער בחור. „סיביריאַק" רופט מען אים דערפאַר, וואָס ער קומט קיין ארץ-ישראל אַזש פון סיביר, וואו ער איז אַלס עסטריי-כישער סאָלדאַט בעת דער מלחמה אין געפאַנגענשאַפט געהאַלטן-געוואָרן. פון דאָרטן איבער כאַרבין און אַזש איבער יאַפּאַן איז ער געקומען זיין חלק ארץ-ישראל אָפּצונעמען.

און נעבן אים זעען זלמן אַמעריקאַנער, אַן איבערבליי-בעכטס פון דעם יידישן לעגיאָן, מיט דעם גאַליציאַנער גדליה גוטערמאַן, אַדער ווי ער רופט זיך דאָ אין ארץ-ישראל, אמנון בן-טוב אויף העברעיש. ער איז דאָ דער אויפזעער איבער

כשרות. אייגנטלעך, איז גוטערמאַן דער גאַליציאַנער גאָרנישט קיין „גדודניק״, דאָס הייסט, גאָר קיין אַרבעטער נישט. ער איז גאָר סך־הכּל אַ לערער און געהערט צו די „אינטעליגענטן״, אויף וואָס עס זאָגן עדות די פּענסנע אויף זיין דינער נאָז, פאַר וועלכע דאָס האַרץ ציטערט אים, אַז אין טאַנץ זאָלן זיי אים נישט פון דער נאָז אַרונטערפאַלן. ער האָט זיך אָבער אָנגע־שלאָסן אין „גדוד״ און גייט־מיט מיט די בחורים דעם עמק אייננעמען, כּדי דאָרטן צו היטן דעם טהרת־הלשון. וואָרים אַ חוץ דאָס יידישע פאָלק און דאָס לאַנד אויסצולייזן און די גאַנצע מענטשהייט צו באַפרייען דורך אַ נייעם סדר־עולם, האָט מען זיך נאָך געשטעלט אַלס אויפגאַבע די אַלטע העברעישע שפּראַך, דאָס לשון פון די נביאים, וואָס איז דאָ אַמאָל אין לאַנד גערעדט־געוואָרן, צוריק אויפצולעבן. וואָרים ווי אַזוי קאָן מען דאָ בויען, אַז ארץ־ישראל איז אָן לשון־קודש?

טייל פון די בחורים האָבן געקענט די קליינע אותיותלעך נאָך פון דערהיים, אַנדערע האָבן אין די פאַרשידענע קבוצות, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, איידער זיי זענען אַהערגעקו־מען, געלערנט זיך די נייע העברעישע שפּראַך. און טייל, ווי־דער, האָבן ערשט איצט, נאָך גאַנצע טעג פון שווערער אַר־בעט, ביינאַכט, מיטן בוך אין דער האַנט, זיך אַרומגעדרייט און געלערנט. אָבער דאָס לשון, וואָס די נביאים האָבן גע־רעדט, האָט מען באַדאַרפט צופּאַסן פאַר דעם נייעם מאָדער־נעם לעבן פון היינט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער עולם איז מיד־געווען און באַדאַרפט עפּעס נויטיגעס און נישט געהאַט אונטער דער האַנט דאָס פּאַסנדיגע העברעישע וואָרט דערפאַר, האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעכאַפּט, בעוונותינו הרבים, אַ טריפה וואָרט פון לשון, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דערהיים. איז דענסטמאָל באַלד גוטערמאַן אונטערגעשפּרונגען און געמאָנט: „חברים, דברו עברית!״ — חברים, רעדט העב־רעיש. אויך איצט, ווען מען איז פאַרקאַכט אין טאַנץ, האַלט ער זיינע אויגן אָפן, און קוים דערהערט ער, אַז עס פאַר־געסט זיך ווער און עס רייסט זיך אַרויס פון יענעמס מויל אַ טריפה וואָרט, מאָנט ער אינמיטן טאַנץ: „חברים, דברו עברית״!״. ער דינט אויך איינצייטיג אַלס לעבעדיגער לעקסי־

קאָן. אַז מען ווייסט נישט קיין וואָרט אין העברעיִש אויף אַ כּלי אָדער אויף אַ זאַך, ווענדט מען זיך צום גאַליציאַנער: „בן-טוב, איך קוראים זאת בעברית?" און בן-טוב האָט גרייט דערפאַר דעם פּאַסיגן נאָמען. מיט אַלעמען קאָן זיך בן-טוב אַן עצה-געבן. צרות האָט ער נאָר פון איינעם, פון דעם רוס בורלאַק, וועלכער וואַרפט איצט מיט זיינע „סיאָ׳ען", „ער׳ען" און „טשע׳ען", אַזוי ווי אַ רוסישער קאָזאַק. די אַנדערע רעדן, צום ווינציגסטנס, אַ יידיש לשון, דערדאָזיגער — קיין וואָרט נישט, נאָר רוסיש-און-רוסיש. און אויף רוסיש איז דער גאַ-ליציאַנער אַ טויבער. דער רוס בורלאַק שרייט אים אין אויער-אַריין, אָבער שריי היינט, שריי מאָרגן, שריי חי-וקים — אַז ער פאַרשטייט נישט!

ראשית-כּל, ווייסט מען גאָרנישט, וואָס פאַר איינער דער בורלאַק איז. געקומען איז ער אַלס מאַטראָז פון אָדעס, איבערגעבליבן אין לאַנד, אַנגעשלאָסן זיך אין „גדוד" און געוואָרן דער בעסטער אַרבעטער. אַ פּאָר הענט האָט ער, ווי צוויי צוואַנגען, ריכטיגע ידי-עשיו. אַז ער גיט אַ זעץ מיט אַ האַמער אין אַ שטיין, צעשפּרינגט זיך דער שטיין אויף אַ מייל אַרום. אַ פּאָר אַקסלען — ווי צוויי אייזערנע שטאַנגען. ער האַלט אין איין פאַרזיכערן, אַז ער איז אַ ייד און אַז ער איז געקומען העלפן אויפבויען די „יעווריעסקאַיאַ ראָדינאַ" (יידיש היימלאַנד). נאָר אַ פּנים האָט ער ווי אַן אוראַלער קאָזאַק — אַ קורצע נאָז מיט גרויסע נאָזדרעס און צוויי קליי-נע בוישקע אויגעלעך אונטער אַ קורצן שטערן. חברים, וואָס האָבן אים געזען ביים וואַשן און באָדן-זיך, שווערן מיט דער-שטויננג, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין איין שפּור פון אַ ייד אויף זיין לייב. נאָר זאָג עס בורלאַקן, קאָן מען דערפאַר אַ טויט-קלאַפּ באַקומען. ביי זיי אין הויז האָט מען נאָר גערעדט יידיש, טענהט ער, נאָר אים האָבן זיי אַזוי אומגליקלעך דער-צויגן. צווישן אוראַלער קאַצאַפּעס איז ער אויפגעהאָדעוועט-געוואָרן, וואו ער האָט קיין ייד אויף די אויגן נישט אַנגעזען. ער איז אָבער אַ גוטער חבר, דער בורלאַק, אַ העלפער איי-נער אין דער וועלט. אויך ער, מיט אַ קול פון אַן

עשיו, שרייט איבער אַלע אַנדערע חברים, כאָטש מיט אַ רו־סישן אַקצענט: „עם ישראל״.

און אָט איז אינמיטן קאַראַהאָד אַריינגענומען צווישן הענט־און־אַקסל שלמה מוראַווסקי. אין קיין מלחמות איז ער נישט געווען און קיין רעוואָלוציעס האָט ער נישט געמאַכט. נאָר דאָס לעבן האָט געפירט מיט אים איין גרויסע מלחמה. ער איז געבוירן־געוואָרן אין „פּראַגער רינשטאָק״, אין אַ וואַר־שעווער הינטערשטאָט, — זענען אַלע קרענק פון אָרימקייט, נויט און פאַרלאָזנקייט איבער זיין לייב אַדורכגעגאַנגען. זינט ער געדענקט, פאַרדינט ער זיין אייגן שטיקל ברויט אויף זיך. נעבן אים היפּט זיין ווייב, חברטע לאה. חברה ווייס נישט, אַז זי איז אין די הויכע חדשים. מען האָט עס באַהאַלטן, כאָטש אַ בלינדער קאָן עס אָנזען...

און אָט איז צדוקל פּערעלמאַן (בעל מרגליות), דער אינ־טעליגענט. דער מאָמעס גוטע קעסט זעט מען נאָך אָן אויף זיין פּנים, כאָטש ער געפינט זיך שוין אַ יאָר צייט אין גדוד. אָבער ביז־איצט איז ער געווען טעטיג בלויז „טעאָרעטיש״, דאָס הייסט, ער האָט מער געשריבן וועגן דער „הייליגקייט פון דער אַרבעט״, ווי עפּעס געטון. ער איז אַ גרויסער בעל־לשון, דער הויפּט־רעדנער ביי אַלע אַסיפות. דאָס וואָרט „אַר־בעט״ גייט נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

און אָט איז כאַימאָוויטש מיט זיין שמאָל יינגליש פּנים און קאָזע־בערדל, הגם ער איז שוין אַן אַלטער בחור. ער האָט זיינע כּוחות געפּטרט פאַר ארץ־ישראל. זיין לייב איז אַדורכגעברענט־געוואָרן פון אַלע מאַלאַריע־היצן. דורך דעם איז ער אַזוי דין. ער איז דער אָנפירער פון דער גרויסער קבוצה, וואָס מען גייט שאַפן.

און אָט זענען מישקע דער אַגראָנאָם און די אינטעלי־גענטן: דער צוויי־יאָריגער סטודענט פון מעדיצין, וועלכן מען האָט אין רוסלאַנד פון אוניווערסיטעט אַרויסגעוואָרפן, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ „בורזשוק״; און חיימל קונסט־מאָ־לער, דער צוקונפטיגער בעקער פון דער קאָלאָניע. און דאָ איז דער „אומבאַקאַנטער״, — גערופן אַזוי, ווייל ער איז אַ גרויסער שווייגער. מען ווייס נישט רעכט פונוואַנען ער קומט

און ווער ער איז פֿאַר איינער. מען ווייסט, אַז ער איז אַן אינטעליגענט, אַ טאָלסטאָיאַנער (און ער זעט טאַקע אַזוי אויס), וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ רייך הויז ערגעץ-וואו, איז אַראָפּגעקומען קיין ארץ-ישראל און אָנגעשלאָסן זיך אין גדוד.

און נאָך אַנדערע און אַנדערע זענען דאָ פֿאַראַן, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגעשמיסן פֿון זייערע היימען, וואָס דער דראַנג נאָך אויסלייז האָט זיי צוזאַמענגעטריבן אַהער. אַקסל-ביי-אַקסל, האַנט-אין-האַנט, פֿאַרבונדן דורך איין עבר, גע-שטאַרבן אין גלות און צוריקגעבוירן אין אַן עתיד, זענען זיי צוזאַמענגעפּלאָכטן אין איין קייט. די קייט דרייט זיך, וויקלט זיך צונויף און ווערט איינס — איין טאַנץ, איין געשריי: „עם ישראל חי!“

## קאַפּיטל 4

# די הייליקע שרין פון אַרבעט

דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער ווייטער נאַכט אַריין, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך אויסצולעשן. די טענץ האָבן זיך איינגעשטילט, דאָ-און-דאָרט זענען מענטשן געפאַלן אויף זייערע ערטער, אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען, פאַר מידקייט. מען האָט זיך צוגעדעקט מיט וואָס מ'האָט געהאַט, מען איז איינציקווייז זיך צעקראָכן אין די געצעלטן, אַנדערע — אויף די וועגענער, און מען איז איינגעשלאָפן מיט דעם שלאָף פון די גערעכטע, נאָך אַ לאַנגן טאָג פון בויען און אַרבעט. די שטערן אין הימל זענען וואָס אַמאָל גרעסער-געוואָרן, קלאָרער און ליכטיקער, די פלאַכקייט איז געוואָרן פאַרהוילענער, טונקעלער און ווילדער, און דער חלל איז פאַר-טרונקען-געווען אין אַ געדיכטן נעפל. אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעשפרייט איבער דער לענג-און-ברייט פון גאָטס אומגע-זעענער וועלט. די זשאַבעס האָבן אויפגעהערט צו קוואַקען, נאָר די איינזאַמע שאַקאַלן האָבן פון צייט-צו-צייט גערופן מיט יאָמערדיקע געוויינען פון דער נאַכט אין זייער פאַר-לאָזטקייט.

מחוץ די געצעלטן און די וועגענער האָבן זיך געדרייט איינזאַם די וועכטער, וואַך אויף יעדן רוף און באַוועגונג, וואָס הערט זיך אַרום. טייל זענען מיד-געוואָרן פון דרייען זיך הין-און-צוריק, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין די ווינקעלעך אויף שטיינער, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און גע-

שפּיזט מיט די אויגן און געעפנט די אויערן אין דעם ווייטן, פרעמדן און פאַרהוילענעם חלל אַריין.

צווישן די נאַכט-וועכטער איז אויך געווען כאַימאָוויטש. מיד מער פון אויפרעגונג איבער דעם, וואָס עס הייבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן די גרויסע האָפענונג צו באַזעצן דעם עמק מיט חברשע קבוצות, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אָט דאָס איז עס, דער עמק! דאָס איז דער אָנהייב פון דער גרויסער האָפענונג און אויפגאַבע, אויף דעם טאָג האָט ער זיין גאַנץ לעבן געוואַרט.

פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן קומט ער. נאָך אויף דער באַנק אין בית־מדרש, וואו ער האָט בגנבה אונטער דער גמרא אין די העברעאישע השכּלה-ביכלעך געקוקט, האָט אים דער חלום וועגן דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל געפאַנגען-גענומען.

ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט אַזוי איינפאַך און נאַאיווע: ער וועט ענלעך-זיין צו די פויערים, וואָס ער האָט געקענט פון די דערפער אַרום זיין שטעטל. ער וועט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ שטיק ערד, אָקערן, פאַרזייען, און עס וועט וואַקסן קאַרטאָפל, תבואות, ביימער מיט באַרנעס און עפּל, און מען וועט זינגען לידער, פאַרשטייט זיך, לשון-קודשדיגע, אַזוי ווי עס באַשרייבן די ביכלעך. אַנדערע חברים זענען געגאַנגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַוועקגעלאָזט זיך קיין וואַרשע, געלערנט זיך רוסיש, געטראָגן רוסישע העמדלעך, געגרייט זיך צו עקזאַמענס און געטראָגן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק צווישן די אַרבעטער-מאַסן. טייל האָבן געפוילט אין די תפיסות, אַנדערע זענען פאַרשיקט-געוואָרן קיין סיביר. ער, כאַימאָוויטש, האָט די אויסלייזונג פון זיין פאָלק געזען אין דעם משיחישן חלום, פון וועלכן זיין פאָלק טרוימט אַזוי לאַנג — פאַרשטייט זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט ארץ-ישראל. אָבער ארץ-ישראל האָט נישט-נאָר געטראָגן די ישועה, די דערלייזונג פאַר זיין פאָלק אַליין, נאָר אויך די באַנייאונג פון די משיחישע צייטן פאַר יידן און פאַר דער גאַנצער וועלט. ישעיה-הנביאס אידעאַל וועט מקוים-ווערן. אַ נייער סדר-עולם וועט אויפשטיין, וואו עס זענען נישטאָ קיין אונטערגעדריקטע

און אונטערדריקער, קיין ברויט-געבער און ברויט-נעמער — א ביישפיל פון דער משיחישער צייט פאר דער גאנצער מענטש-הייט.

ווי אזוי דאס וועט געשען? ווער וועט געבן דאס געלט דערויף, כדי איינצופירן די משיחישע צייט? ווי אזוי וועט זיך דאס אלץ רעאליזירן? איבער דעם האט מען זיך פשוט נישט פיל דעם קאפ געבראכן. עס וועט שוין ווערן! אין דעם איז מען געגליכן-געווען צום טאטן, דעם חסיד. דער טאטע האט געווארט אויף משיחן, ער — אויף ארץ-ישראל. ביידע האבן ווי געווארט, אז זייער אידעאל זאל רעאליזירט-ווערן דורך א נס מן השמים.

די שטוב, פון וועלכער ער איז געקומען, איז געווען אן ארימע, דער טאטע — א חסידישער קרעמער, די מאמע, א קראנקע, איינציגע שוועסטער בוגרתן. פרי איז ער אוועק פונדערהיים, אין ישיבות זיך געוואלגערט, טעג געגעסן, שפע-טער העברעיִשע לעקציעס געגעבן, און פאר ארץ-ישראל זיך פארגעבריט. די פארבארייטונג איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט מיט חברים געגרינדעט אין זיין שטעטל א חברה „שפת־עבר”, וואו מען איז זיך צוזאמענגעקומען און מען האט גערעדט העברעיִש, געלערנט לשון-קודשדיגע ביכלעך אין גע-היים, ווייל מען האט מורא-געהאט פאר די חסידים אין שטעטל, געלייענט די ביולעטינען, וואס די חובבי־ציון אין אדעס האבן ארויסגעגעבן. מען האט זיך געפרייט פונדער-ווייטנס מיט יעדער קו, וואס איז צוגעקומען אין ארץ־ישראל, מען האט געציילט די ווייַנשטאקן, וואס געפינען זיך אין באראן ראטשילדס קאלאניעס.

ענדלעך האט ער זיך אפגעשפארט פון די לעקציעס, פון בריוו-שרייבן, געקויפט א בילעט נאך אדעס, און מיט אן איבעריגן העמד, וואס א שוועסטער האט צוגעשיקט פונ-דערהיים, און מיט א ברויט האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין.

אין אדעס האט ער אפגעשלאגן די טירן פון דער חברה „חובבי־ציון”. דורך איין טיר האט מען אים ארויסגעשיקט, דורך א צווייטער איז ער צוריק אריינגעקומען. סוף־כל־סוף

איז אים געלונגען אויף אַ פּראַכט־דאַמפּער זיך אַרויפצוכאַפּן, וואָס האָט געפירט תּבואה קיין ביירוט, און ער האָט זיך געשלעפּט וואָכן־לאַנג איבער אַלע פּאָרטן פון קליין־אַזיע אַלס הייצער און זעק־שלעפּער, זיין גרויסן חלום צו רעאַליזירן.

אין ארץ־ישראל האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע יונגעלייט, ווי ער, וועלכע זענען אַהערגעקומען געכּישופט פון דעמזעלבן אידעאַל, און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיגע צרות. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף שפּאָט און געלעכטער. די ארץ־ישראל־קאָלאָניסטן זענען דאַמאָלסט מייסטנס באַשטאַנען פון באַראָן ראָטשילדס קעסט־קינדער. אַראַבער האָבן באַאַרבעט די ערד. די נעכטיגע אידעאַליסטן האָבן ביים באַראָנס „טעפּפליישׁ” אַוועקגעוואָרפן זייער אידעאַל הינטער זייערע פּלייצעס. זייער אָנטייל אין דער בויאונג פון ארץ־ישראל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט צום באַראָנס וויין־קעלער די וויינטרויבן, וואָס די אַראַבער האָבן געפלאַנצט, געפלעגט און געשניטן. מען האָט זיי באַצאָלט דאָס פינפפאַכע, וואָס די וויינטרויבן זענען ווערט־געווען. אַבי זיי זאָלן בלייבן זיצן אין די קאָלאָניעס און רופן זיך „קאָלאָניסטן”. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געקוקט אויף די ניי־אָנגעקומענע „שלעפּערס”, ווי אויף קאָנקורענטן, וואָס ווילן זיך טיילן מיט זיי דאָס באַקומענע קצבה־געלט. וואָרים די ניי־אָנגעקומענע זענען גאָרנישט ענלעך־געווען אויף „קאָלאָניסטן”, זיי זענען רעוואָלוציאָנערן און צעשטערער. זייער ערשטע זינד באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווילן אַליין אַרבעטן, אַרבעטן אונטער דיזעלבע אומשטענדן, וואָס די אַראַבער, פאַר דעמזעלבן לוין, אין דיזעלבע באַדינגונגען, און נישט זיך לאָזן באַדינען דורך פרעמדע הענט. און אויך שוין פאַר איבערפאַלן טאָר מען זיך נישט קויפן פאַר געלט, מיט אָפּצאָלן אַ מס דעם אַראַבישן שכן, דורך האַלטן אַראַבישע שומרים. באַשיצן מוז מען זיך אַליין, נישט זיך פאַרלאָזן אויף פרעמדע.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיי פאַר די „רעוואָלוציאָנערע” געדראַנקען געהאַלטן פאַר עוכרי־ישראל, וועלכע זענען געקומען מאַכן אַ תּל פון ישוב. מען האָט זיי איבער קיין יידישער שוועל נישט געוואָלט אַריבערלאָזן, אין קיין יידישער שטוב

נישט אַריינגעלאָזט. פון אַרבעט איז שוין אָפּגערעדט, מען האָט זיי געוואָלט דורך הונגער פּטריאָגן פון די קאָלאָניעס. אָבער מיט די נעגל-און-ציין האָבן זיי זיך איינגעביסן אין דער ערד, אויף וועלכער זיי זענען געקומען אָן אַלטן חלום וואָר-צו-מאַכן. האָט מען זיי אין די שטובן נישט אַריינגעלאָזט, האָבן זיי אין גריבער, אין שטעלער, אין ביידלעך, וואָס זיי האָבן זיך אַליין פון פּאַלמען-בלעטער צוזאַמענגעבונדן, גענעכטיגט. זיי האָבן גע-הונגערט, געלעבט אין דחקות, פּאַרלויזט-געוואָרן, אָבער פון אָרט זיך נישט גערירט.

נישט בלויז יונגעלייט זענען געקומען, אויך מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן, אָרימע און רייכע טעכטער פון באַלעבאַטישע הייזער, וואָס האָבן גימנאַזיע און גוטע שידוכים פאַרלאָזט. די מיידלעך זענען מיט נאָך אַ סך מער שפּאָט און פאַראַכטונג, ווי די יונגעלייט, באַגעגנט-געוואָרן פון די אַלטע קאָלאָניסטן:

„ווער האָט דאָס געהערט, אַז „פרייליינס” זאָלן אַרבעטן ביי ערד-אַרבעט? פרייליינס באַדאַרפן חתונה-האָבן. קיין יידישע דינסטן זענען נישטאָ!”

מען האָט זיי געיאָגט פון איין קאָלאָניע אין דער אַנדע-רער, אויסגעלאַכט זיי, פאַרשפּאָט, אויסגערעדט אויף זיי אַלדאָס בייז, געהאַלטן זיי פאַר אויסוואורפן.

ענדלעך האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דורך די פאַר-שידענע טעטיגקייטס-אָרגאַנען, וואָס זי באַזיצט אין לאַנד, אויס-גענוצט די ענטוזיאַסטישע איבערגעגעבנהייט פון די יונגע מענטשן. מען האָט זיי געשיקט אויף נייע ערטער אין די וויסטעניִשן, צווישן פיינטלעכע אַראַבישע שכנים, וואו מען האָט דערוואָרבן שטיקער לאַנד, צו דעראָבערן מיט זייער אַרבעט די טייער-באַ-צאָלטע ערטער. מ׳האָט אָנגעהויבן צו דעראָבערן דענסטמאָל נייע פּונקטן אין דעם וויטן גליל, און מען האָט באַדאַרפט נעמען די פלעצער אין באַזיץ, צוגרייטן זיי אויף צו באַזעצן נייע ישובים. דענסטמאָל האָבן דאָס די יידישע יונגעלייט באַשאַפן פון זיך די וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע „השומר”, וועלכער האָט דעם פאַרשפּאָטיגטן יידישן נאָמען ביי די אַראַבישע שכנים פאַרהערלעכט מיט העראָישע, גבורהשע טאַטן. ביינאַכט,

הינטער די ווענט פון די הייזלעך, אין די ביידלעך פון פּאַל-מען-בלעטער געפלאָכטן, איבער די גערטנער זענען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך. יונגע לעבנס זענען געפאַלן פון אַ קויל פון הינטער אַ קוסט, אָפטמאָל איז מען געשטעלט-געוואָרן פּנים-אל-פּנים מיט דעם שטאַרקערן שונא. עס איז געווען אַ קאַמף צווישן מדבר און ישוב. אָפטמאָל האָט דער מדבר פאַר-לאַנגט זיינע קרבנות און האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן די פּויסטן ערד פון זיך, סיידן מען וועט אים באַצאָלן מיט לע-בעדיגע נפשות. און מען האָט אים באַצאָלט. מען האָט געצאָלט לעבנס מיט דער ברייטער האַנט, לעבנס פאַר אויסטריקענען זומפּן, לעבנס פאַר באַפרוכפּערן וויסט-שטייענדיגע פעלדער. פאַר זיך אַליין האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט און גאָרנישט גע-וואָלט, נישט קיין היים, נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, — מען איז פאַרקנסט-געווען צום יידישן פאָלק.

און אָפטמאָל איז דאָס שטיקל יידיש לאַנד, וואָס די יונגע מענטשן האָבן מיט מסירת-נפש אַרויסגעריסן פון דעם מדבר, געוואָרפן-געוואָרן ווי רויב-פלייש פאַר דער חיה ספּע-קולאַציע... מען האָט עפּעס מיט די יונגע מענטשן געמוזט טון. דענסטמאָל איז דער פּראָוו געמאַכט-געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו גרינדן די ערשטע בשותּפותדיגע קבוצה אויף די ברעגן פון כּנרת אויף פרייער בשותּפותדיגער אַרבעט און אויף עסן פון אייגענעם טאָפּ.

אויף דעם זוניגן ברעג פון ירדן, נישט ווייט פון די בלוילעכע וואַסערן פון דעם אין דער זון זיך שפּיגלענדיגן כּנרת, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן צוועלף אומ-דערפאַרענע יונגע מענטשן צו דעראָבערן פון דער וויסטע און פון פאַרניכטונג דאָס לאַנד, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגע-קויפט פון די אַראַבישע שבטים, וועלכע זענען נאָך געזעסן אויף דער ערד. אַמאָל האָט דידאָזיגע געגנט געווימלט פון שטעט און ישובים, דער גאַנצער ישוב האָט מיט זיך פאָרגע-שטעלט איין פרוכט-גאָרטן, אַ טאָל מיט בליענדיגע פעלדער איז אויסגעבעט-געווען צווישן די בערג, נביאים זענען אַרומ-געגאַנגען אויף די ברעגן פון די שטעט, משיחים האָבן גע-

פרעדיגט אין די שולן, אומגלויבלעכע וואונדער זענען דאָ געשען, מלחמות זענען דאָ געפירט געוואָרן; און היינט איז דער גאַנצער גאָלדענער ברעג, וואָס באָדט זיך אין צעבערס זון, וועלכע גיסט איבער דעם נידעריגן ירדן-טאָל מיט גאָלדענע שטראָלן, וויסט, ווילד און ליידיק. די פּאָר ביימער, וואָס די אַראַבער פאַרזייען נאָך דעם רעגן-סעזאָן אויף דעם זאַמדיגן באָדן און וואָס ווערן באַדעקט מיט אַ הילצערנעם אַקער, דערלעבן נישט רייף-צו-ווערן. אין דעם רעגן-סעזאָן גיסט זיך אויס דער ירדן און פאַרפלייצט די געגנט, און אין פרילינג פאַרטראָגן די ווינטן מיט זאַמד די שמאַכטנדיגע זאַנגען. איידער מען נעמט זיי נאָך אַראָפּ פון פעלד, ווערן זיי פאַרשרפעט פון די אומגעהייערע היצן, וואָס צינדן זיך אָן אין דערדאָזיגער געגנט פון פריען פרילינג אָן און האַלטן-אָן איבערן גאַנצן זומער ביז צום רעגן-סעזאָן. די אַראַבישע שבטים, וועלכע זיצן אין טאָל, גייען אויף אַרבעט קיין דמשק אָדער מען לעבט פון גזלה, וואָס מען פאַלט איבער אַ רייזנדן, וועלכער קומט פון יענער זייט ירדן. און ווען קיין געלעגנהייט אויף גזלה איז נישטאָ, לאָזט מען זיך באַגנוגענען מיט די צוקער-רערן, וואָס וואַקסן אין פרילינג, אָדער מיט די פייגן, וואָס אַ פאַרבלאָנדזשעטער בוים פון אַמאָליגע פרוכטבאַרע צייטן ברענגט-אַרויס אין סעזאָן.

אויף דעם פעלד, אין דעמדאָזיגן פאַרלאָזטן אַראַבישן כאָן, האָבן זיי זיך פאַרקליבן, צוועלף יונגע מענטשן, געקומען פון אַן אַנדערער מדינה, צוגעוואוינט צו אַנדערע קלימאַטישע באַדינגונגען און באַקאַנט נאָר מיטן דאָרף פון דער אַלטער היים אין פוילן, אוקראַינע אָדער רומעניע.

באַלד זענען אַ העלפט פון די בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דעם אָרט, געלעגן אין דעם פייכטן שמוציגן אַראַבישן לאָך אויף קדחת, און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אַ צוויי-דריי זענען ביינאַכט אויף דער שמירה אָדער אין פעלד אינדרויסן פון אַראַבישע קוילן געפאַלן. די צוויי קי, וואָס דער קאָמיטעט האָט געגעבן, זענען קראַנק-געוואָרן און געפגרט. די עפּל, באַרנעס און קאַרשן-ביימער, וואָס מען האָט פאַרפלאַנצט אויף אַ באָדן פון

צוויי הונדערט מעטער טיפער פון דעם ים-פלאַך, זענען פאַר-טריקנט-געוואָרן, פאַרדאַרט און אָפּגעשטאָרבן, איידער זיי האָבן נאָך די ערשטע צווייגן אַרויסגעלאָזט. געלעבט האָט מען פון דעם, וואָס איניגע חברים האָבן געאַרבעט אין טבריה און געבראַכט אויף ערב-שבת אַראַבישע מצות; גרינס האָבן די חברטעס פאַרזייט, אָבער דער עיקר האָט מען געלעבט דער-פון, וואָס דער קאָמיטעט האָט געשטיצט. מען איז געפאַלן פון מוט, מען האָט שוין געהאַלטן ביי פאַרלאָזן אינגאַנצן די קאָלאָניע. דענסטמאָל האָט אין איין שיינעם נאָכמיטאָג, אין אַ הייסן זומער-טאָג, אין דעם אַראַבישן לאָך, וואו די חברים זענען געלעגן אויף די פאַרפוילטע זעק מיט שטרוי און גע-פיבערט, אַריינגעמאַרשירט די חברטע שרה.

כאַימאָוויטש, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אין דער קאָלאָניע אויף הילף, — געקומען אַ האַנט צולייגן צו דער אַרבעט, — איז אויך אַרומגעגאַנגען ווי די אַנדערע און גע-פיבערט. ער געדענקט נאָך ביז היינט איר אַריינקומען מיט איר ווייסן טיכל איבערן שוואַרצן קאָפּ האָר. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגערופן זיך:

— אָ, ווי דאָ זעט אויס ביי אייך!

און איידער זי האָט זיך נאָך מיט אַ חבר באַגריסט, האָט זי אָן אַ וואָרט ווייטער צו רעדן, געזוכט עפּעס אין די ווינקעלעך פון טרויעריגן כאָן. ווען זי האָט נישט געפונען דאָס, וואָס זי האָט געזוכט, איז זי אַרויס אינדרויסן און אַריינגעבראַכט אַ צווייג פון אַן אַלטער פאַלמע און גענומען זיך די זאַמדיגע פאַדלאָגע אויסקערן. זי האָט גענומען אַ כלי און אַרויס צום ברונעם, אַריינגעבראַכט וואַסער און אויסגע-וואַשן די אָנגעשטעלטע שמוציגע כלים, וואָס מ'האָט געלאָזט שטיין אויף די ערטער נאָכן עסן, און אין וועלכע עס האָבן זיך מחנות פליגן אויפגעקליבן; די אָנגעוואָרפענע שמוציגע וועש און הויזן, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער דער פאַדלאָגע און איבער די בעטן, האָט זי אין אַ ווינקל פאַר-שטעקט; געזוכט ערגעץ און דערטאַפּט אַן אַלטע קאַפּאָטע, אַ ראָגאָזשע, אַ זאַק און פאַרשטעלט די אויסגעהאַקטע פענסטער פון כאָן פאַר די פליגן און פאַר דער היץ, דערנאָך איז זי

צוגעגאַנגען צו די בחורים, געבעטן זיי אָראָפּצוגיין פון די בעטן, גענומען די פאַרפוילטע שעניקעס און אַרויסגעטראָגן זיי אינדרויסן אויף דער זון צו טריקענען. דאַן איז זי אַרונטערגעקראָכן אונטער די בעטן, אויסגעריייניגט און אויסגעוואַשן דעם שמוץ. באַלד האָט זי אויף דער פּרימוס־מאַשינקע די לעצטע רעשטן פון פּראָוויאַנט אַוועקגעשטעלט אָפּצוקאָכן. אין אָוונט זענען שוין אויף די פענסטער פון כאַן אין פלאַשן די ערשטע פעלד־בלומען געשטאַנען, און מען האָט נאָך וואָכן־לאַנג דאָס ערשטע וואַרעמע געקעכטס געגעסן.

דאָס אַלץ האָט זי געטון אין שווייגן, מען האָט קיין וואָרט פון איר נישט געהערט, נאָר זי איז געגאַנגען פון איין אַרבעט צו דער אַנדערער מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען פון שטענדיג־אָן און ווייסט, וואָס זי האָט צו טון.

אויפן צווייטן טאָג האָט זי גענומען דעם פּיאָש און אַוועקגעשטעלט זיך באַאַרבעטן דעם גרינס־גאָרטן, וועלכער איז האַלב־פאַרנאַכלעסיגט־געווען. זי האָט געשלעפּט וואַסער אין קאַנען פון קליינעם קוואַל, באַגאָסן דעם סאַלאַט, די מערן, די טאָמאַטן.

די חברים האָבן זיך פאַרשעמט פאַר איר. וואָס איז קדחת? מען האָט זיך אויפגעהויבן פון די בעטן, אויסגעזוכט די מויל־אייזלען, וועלכע זענען די לעצטע וואָכן פאַרנאַכלעסיגט־געווען און מען האָט מורא־געהאַט, אַז די אַראַבער זאָלן זיי נישט צוגנבענען. האָט מען גענומען די מויל־אייזלען, וועלכע זענען נאָך, גאָט צו דאַנקען, אויפן הויף הינטער דעם כאַן געשטאַנען, און מען איז אַרויסגעריטן אין פעלד אַריין צו די איבערגעלאָזטע אַקעראייזנס. פאַר די אַקעראייזנס האָט מען קיין מורא נישט געהאַט, די אַראַבער האָבן סיי־ווי נישט געוואוסט, ווי מיט זיי אומצוגיין.

ווען די חברים זענען דעם טאָג אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי געפונען פאַר דעם אַראַבישן כאַן גרויסע עמערס מיט וואַסער שטיין, שטיקער זייף און שמאַטעס זיך אָפּצוּאַוואַשן. חברטע שרה האָט פריִער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין כאַן, ביז מען האָט זיך נישט איינס דאָס אַנדערע מיט

צמערס וואַסער באַגאָסן. פון דעגאַניה־ען איז אַ מנהג געוואָרן אין ארץ־ישראל, אַז ווען אַרבעטער קומען פון דער אַרבעט אַהיים, קריכט מען צומערשט אין וואַסער אַריין און מען טוט־איבער אַנדערע הויזן.

אין כאַן האָבן זיי געפונען ווארעמע באַבעלעך. פונוואַנען האָט זי די באַבעלעך געפאַקט, אַז די לעצטע זענען שוין פאַר אַ וואָך צוריק אויפגעגעסן־געוואָרן? איבער די שעניקעס זענען געלעגן אויסגעשפרייט געוואַשענע און אויסגעטריקנטע זעק, און וואָס איז דער עיקר — די אָפענע פענסטער פון כאַן זענען געווען מיט זעק באַהאָנגען, אַזוי אויך די טיר, און — וואונדער איבער וואונדער! — אין כאַן האָבן זיך קיין פליגן נישט געפונען.

ווי אַזוי האָט זי דאָס געמאַכט, אַז אינגאַנצן איז זי דאָ אַ טאָג סך־הכל? זי האָט נאָך אַ גרעסערן וואונדער באַוויזן: די צוויי חברטעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער קבוצה און וועלכע האָבן געאַרבעט מיט די בחורים אין פעלד און האָבן אין קיך נישט געוואָלט אַריינשמעקן, האָט זי מיט זיך אין דער קיך איינגעשפאַנט. זיי האָבן איר דאָס געהאָלפן די פליגן פון כאַן צו פאַרטרייבן און די בעטן מיט זעקענע לייַלעכער אויסצושפרייטן. זי האָט געהאַט איין ווערטל, וואָס טראָגט זיך פון דעגאַניה־אָן איבער ארץ־ישראל: „ארץ־ישראל הייבט זיך אָן פון טאָפּ“!

פון דעגאַניה־אָן האָט דער ישוב ביי די ברעגן פון ירדן זיך אָנגעהויבן צו בויען. אָבער כאַימאָוויטש האָט זי מער נישט געקאָנט פאַרגעסן. וואו ער איז נישט געווען אויף אַרבעט, האָט ער זי געזען מיט איר ערשטן אַריינטריט אין דעם כאַן פון כנרת, מיטן ווייסן טיכל איבערן קאָפּ, מיט אירע שטילע טריט און איר שווייגנדיגע אַרבעט.

ער איז געוואָר־געוואָרן, ווער זי איז: זי קומט פון ליטע, אַ טאָטנס אַ טאָכטער, פון אַ באַלעבאַטיש הויז, די מאַמע פון גרויסן רבנישן יחוס. די שטוב איז פול־געווען מיט שדכנים. זי האָט געזאָלט פאָרן קיין זשענעווע שטודירן, אָבער זי האָט פאַרלאָזן אוניווערסיטעט און חתנים און איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין דער קיך זיך אָוועקצושטעלן.

כאַזמאָוויטש האָט באַלד פאַרלאָזט דאָס אָרט. מען האָט אים געדאַרפט ערגעץ אַנדערש־וואו. ער איז מיט חברים קיין חדרה געגאַנגען, דאָרט אַ בשותּפותדיגע אַרבעטער־גרופּע גע־גרינדעט, די זומפּן, וואָס האָבן שוין אַזוי פיל קרבנות געקאָסט, אויסצוטריקענען, פּרדסים צו פלאַנצן, יידישע אַרבעט אויסצו־קעמפן ביי די בעלי־בתּים, וואָס האָבן אַמאָל אַליין זייער אייגן לעבן פאַר ארץ־ישראל אָפּגעגעבן, אין גרויסן אידעאַל געגלויבט און באַלד אָן אים פאַרגעסן. אָבער חברטע שרה מיטן ווייסן טיכל, וואָס ער האָט ביים ברעג פון ירדן איבערגעלאָזן, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן. זי איז געקומען אים צו הילף אין מינוטן פון יאוש און פאַרלוירנקייט. ווען דער וואָרעם פון ספק האָט אָנגעהויבן צו נאָגן, און ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „וואָס וועט זיין דער סוף — דער ישוב גייט אַזוי לאַנגזאַם, אַז דער מדבר וואַקסט אונז אַריבער איבערן קאָפּ? און צי וועט דאָס יידישע פאָלק אין זיין אַלטקייט זיך קאָנען צוריק באַנייען?". ער האָט אָבער געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער מענטש איז פון זיין נאַטור אַ „סאָציאַלע חיה" און זוכט דעם נאַטירלעכן שותּף זיינעם אין דעם צווייטן מענטש. און בעת אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבן אים געעגבערט אין קאָפּ, ווען דאָס לייב האָט געפיבערט אין קדחת, ווען די נאַכט האָט זיך געשוואַרצט אינדרויסן אַרום דעם שומרישן ביידל אין דעם שוואַרצן מדבר, און קיין איין ליכטל פון אַ יידיש פענסטער האָט נישט דורכגעשטאָכן דעמדאָזיגן מדבר, דעמאָלט־מאָל איז אים געקומען צוהילף דאָס ווייסע טיכל איבער דעם שוואַרצן קאָפּ האָר, די שטילע טריט און דאָס שטילע אַרבעטן... און וואו ער האָט אַ חבר דערפאַקט, וועלכער איז געקומען פון יענער געגנט, פון גליל, פון ירדן, צי פון אַ שטאָט, צי פון אַ דאָרף, האָט ער געפרעגט:

— איז דאָרט דאָ נאָך ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— יאָ.

— וואָס טוט זי?

— זי שטייט אין קיך, ווי געוויינלעך, און דערווייל האָט זי אַ ביימער־שולע ביים ירדן פאַרפלאַנצט.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נאָך נישט.

באַלד האָבן אַלע בחורים און בחורות פון ארץ-ישראל געוואוסט, אַז צווישן די ביידע, צווישן חבר קאַמאַוויטש און חברטע שרה, איז דאָ עפּעס אַ שייכות, און מען האָט זיי אויסגעמיטן. כאָטש זיי אַליין האָבן קיינמאָל נישט גערעדט דערפון, זיי האָבן זיך איבערהויפּט ווייניק געזען. זי איז געבליבן קלעפּן אויפן אָרט אין איר קיך, ביי דער ביימער-שולע, און ער — ביים אָרגאַניזירן בשותפותדיגע אַרבעטער-קאָלאָניעס אין יהודה, אין שרון, און געהאַלטן זיך פונדערווייטנס פון גליל, פון ירדן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא-געהאַט, אַז די הייסע זאַמדן פון כנרת זאָלן אים נישט די פּיאַטעס פון די פיס דורך די זוילן דורכברענען, און ער האָט יענע געגנט אויסגעמיטן.

נאָר ווען ער האָט ווייטער געטראָפן אַ חבר פון יענע מקומות, האָט ער געפרעגט:

— פאַראַן נאָך ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— יאָ.

— וואָס טוט זי?

— זי איז אין קיך, אַרבעט אין דער ביימער-שולע און פאַרנעמט זיך מיט די זויגנדיגע.

— וואָס, זויגנדיגע שוין פאַראַן ביי אייך?

— יאָ, די ערשטע צוויי. מיר האָבן פאַר זיי דעם ערשטן צריף (ביידל) אויפגעשטעלט, און חברטע שרה פאַרנעמט זיך מיט זיי.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נאָך נישט.

— וואָס איז די מעשה?

— אַזוי איז די מעשה.

דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ גייט-אונטער. די קבוצה, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די חברטע שרה, איז באַזעצט-געוואָרן פון טערקישן מיליטער. עס איז דאַמאָלסט מלחמה-צייט געווען. ביינאַכט איז חברטע שרה געלעגן אויף איר געלעגער און אויסגעדאַרט

זיך דעם קאָפּ מיט זאָרג, וואָס די חברים עסן צו געבן, ווייל די פּראָוויאַנטן האָבן געהאַלטן ביים אויסגיין, דאָס גרינס און די אייער, וואָס די קבוצה האָט פּראָדוצירט, האָט יעדעס מאָל דאָס מיליטער רעקווירירט. ליגט זי אַזוי ביינאַכט און קלערט, וואָס די חברים עסן צו געבן. אין הויף איז כמעט שוין גאָר־נישט געבליבן, די הינער האָט מען צוגענומען מיט אַ פּאָר טעג פריער, אַזוי אויך די קי, אַלץ האָט געהאַלטן אין חרוב־ווערן. ליגט זי אַזוי און קלערט: וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס טוט מען אויף איבערצוהאַלטן די שלעכטע צייט? אין דעם קלאַפּט ווער אָן אין פענסטער:

— חברטע שרה?

— יאָ.

— דאָ האָט איר דאָס ביסל טריפהנע זאַכן און באַהאַלט עס וואו איר קאָנט. אַ באַוואָפנטער פּאָסטן האָט די קבוצה באַזעצט. חברים האָבן באַשטימט, אַז מען זאָל גאָרנישט אַרויס־געבן.

און מען הייבט־אָן אַריינצוּוואַרפן דורכן פענסטער אויף חברטע שרהס בעט רעוואָלווערן, קוילן, אויך עטלעכע ביקסן, צוויי אויטאָמאַטן. ווי וועט זי זיך דערמיט אָן עצה־געבן? נישט לאַנג געקלערט, עס איז קיין צייט נישט געווען, גענומען דאָס ביסל טריפה־פּסול צו זיך אַריין, פאַרבונדן זיך דעם קאָפּ מיט אַ נאַס האַנטוך, אַוועקגעלייגט זיך דערמיט אין בעט אַריין און זיך איבערגעדעקט. פונדרויסן הערט מען שוין אַ גערויש, אַ באַוועגונג פון באַוואָפנטע. פאַרפאַלן! באַלד הערן זיך געשרייען פון די חברטעס, מען האָט די חברים צוזאַמענ־געטריבן אין איין הויז און מען פייניגט זיי. זי וויל אויפ־שפּרינגען פון בעט. מען שלאָגט די חברים. די געוואַלדן ווערן גרעסער, מען שלאָגט איינעם נאָכן אַנדערן. אָבער ניין, זי טאָר זיך נישט רירן. זי ווייסט, אַז דאָס איינציגע מיטל צו באַשיצן די חברים איז צו ליגן איצט אין בעט באַהאַלטן מיטן געווער, באין־אופן זיך נישט לאָזן מיטרייסן. אַזוי לאַנג, ווי זי וועט ליגן אין בעט, וועלן די אַראַבישע סאָלדאַטן נישט וואָגן צו זוכן ביי איר, און דאָס איז דאָך דער עיקר. אָבער פונדרויסן הערן זיך די געשרייען פון די חברטעס וואָס אַמאָל העכער:

מ'פייניגט די חברים! שרה ליגט מיט פאַרביסענע ליפּן, זי שווייגט און רירט זיך נישט פון בעט. אַ גאַנצע נאַכט און צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג האָט עס אָנגעהאַלטן. פאַרנאַכט קוקט זי אַרויס דורכן פענסטער, זעט זי, ווי מען פירט-אָפּ די חברים און אויך איניגע חברטעס געבונדענע אין דער תּפיסה קיין דמשק.

אָבער איידער זיי זענען נאָך אָנגעקומען אין דער דמשקער תּפיסה, איז זי שוין דאָרטן געווען.

אין דער דמשקער תּפיסה האָט מען געהאַט צוזאַמענגעטריבן די געפאַנגענע חברים פון אַלע קאָלאָניעס. אויך כאַ:מאָוויטש האָט זיך דאָרט געפונען. און ווי ער שטייט אַזוי ביי די קראַטעס פון זיין פענסטערל און קוקט-אַראָפּ אויפן הויף און וואַרט אויף זיין צייט אַריינגעפירט צו ווערן צום אויספאָרשונגס-ריכטער, דערזעט ער פּלוצלינג די חברטע שרה און, פאַרשטייט זיך, מיט אַ טאָפּ עסן! ווי אַזוי איז זי אין קריגסצייט קיין דמשק געקומען? ווי אַזוי האָט זי דאָ אין שטאָט איינגעריכטעט אַ קיך? ווי אַזוי האָט זי די טעפּ געקעכטס דורכגעשלעפּט דורך די אַראַבישע גאַסן? ווי אַזוי האָט זי אונטערגעקויפט די מיליטערישע וואַכן און דאָ אין הויף פון דער מיליטערישער טורמע זיך אַריינגעקראָגן מיט די טעפּ געקעכטס? — פרעגט קיין קשיות נישט אויף דער חברטע שרה. זי קאָן אַלץ באַווייזן! און נישט נאָר אַ מענטשלעך לעפל געקעכטס האָט זי געבראַכט די פאַרפייניגטע חברים, נאָר אויך אַ טרייסט-וואָרט דערלאַנגט זי צוזאַמען מיט די טעפּ דורך די טירן אַריין: „נישט פאַרלירן דעם מוט! דער ישוב טוט אַלץ, אייך דאָס לעבן צו ראַטעווען. אויך מחוץ-לארץ העלפט מען. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווירקט מען. עס זענען פאַראַן די בעסטע האָפענונגען!" און ווען זי האַלט ביים דערווייטערן זיך, קאָן זיך כאַ:מאָוויטש נישט איינהאַלטן און שרייט-אַרויס דורך די טורמע קראַטעס:

— חברטע שרה?!

— וואָס איז?

— אַ בחור האָט איר שוין?

— ניין! — דרייט זי מיטן קאָפּ און שמייכלט צו איר פריינדלעך.

— וואָס איז די מעשה?

— די בעסטע בחורים זיצן היינט אין טורמע. איך וואַרט, ביז מען וועט זיי אַרויסלאָזן!

יעדנפאַלס, איז עס געווען אַ וואונק, אַ צוזאָג... אַ זיסע האָפענונג אויף צו קאָנען איבערטראָגן די סאַדיסטישע ענויים און צו וואַרטן אויף דער ישועה...

נאָך דער מלחמה איז נישטאָ קיין צייט צו קלערן וועגן אַזעלכע זאַכן. איבער דער גרויסער יידישער וועלט האָט זיך געטראָגן די בשורה וועגן אויפבוי פון ארץ-ישראל. די באַלפור-דעקלאַראַציע האָט די האָפענונג גענערט. און די מעשים פון די אַרבעטער-גבורים אין ארץ-ישראל האָבן ביישפילן געגעבן. איבער אַלע יידישע ישובים ווערן פיאָנער-גרופּעס געשאַפן, אַרויס-גערופן פון ענטוזיאַסטישן גלויבן אין דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק. איבער אַלע יידישע ישובים — אין דעם רעוואָ-לוציאָנערן רוסלאַנד, אין דעם באַפרייטן פוילן, אין דער פאַר-גרעסערטער רומעניע, אַפילו אין וויטן סיביר — שאַפן זיך חלוצים-גרופּעס, וואו מען גרייט זיך צו און מען הייבט-אָן צו פירן דאָס ארץ-ישראלדיגע לעבן אויפן אָרט. מען שאַפט בשותפותדיגע קאָלאָניעס, מען אַרבעט אין בשותפותדיגע ווערק-שטעלן, ביינאַכט לערנט מען זיך העברעיש. מען לעבט מיט דער פאַנטאַסטישער זעאונג פון צוקונפטיגן ארץ-ישראל-לעבן, ווי אין אַ חלום. איבער אַלע גרענעצן גנבענען זיך יונגעלייט, שלעפן זיך איבער וואַסערן, איבער שניי-בערג, לאָזן זיך איבער אומזיכערע טייכן, גנבענען זיך אין שיפן. ארץ-ישראל ווערט פאַרפלייצט מיט ענטוזיאַסטישע יונגע מענטשן, וועלכע ברענגען-מיט זייערע יונגע לעבנס, זייערע כוחות, זייער גלויבן, זייער הייליגן מוט און אויסגעהאַמערטן ווילן צו זיין די פיאָנערן פון יידישן פאָלק. אָנגעשטעקט מיט די רעוואָלוציאָנערע אויסליי-זונגס-אידעען, מיט וועלכע די האָניג-חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פון דער פעלקער-באַפרייאונג האָט זיי באַפרוכפּערט, קומט מען קיין ארץ-ישראל אויפצובויען דאָס לאַנד אויף נייע יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט. מיט משיחישן שוואונג

און דערלייזונגס-דראַנג איז מען גרייט אויף העראָישע מעשים, אַבי די משיחישע צייט צו דערנענטערן. אָבער עס איז קיין געטראַנק נישטאָ, וואָס זאָל זייער דורשט לעשן, קיין פעלד פאַר זייער ענטוזיאַסטישן ווילן. יעדעס שטיקעלע ערד מוז מען מיט טייער געלט און כּלערליי קונצן אַרויסבאַקומען. מען גיט פאַר־שפּרעכונגען און מען דערפילט זיי נישט, עס בלאָזט פון איבע־ראַל דער ווינט פון גלייכגילטיקייט אויף זייערע הייסע נשמות. נאָך האָט זיך נישט אויסגעטריקנט די אונטערשריפט אויף ענג־לאַנדס הבטחה, און די ערשטע קרבנות זענען שוין געפאַלן פון באַשיצן זיך געגן אַראַבישע אָנפאַלן. דער יידישער הויך־קאָמי־סאַר לייגט אַ חרם אויף דער יידישער עמיגראַציע. פון אומע־טום יאוש, אָדער נאָך ערגער — גלייכגילטיקייט צו די פאַר־שפּרעכונגען. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער כּוח, און ער האָט נישט קיין פעלד, אויף וועלכן זיין ענערגיע אויסצונוצן. אָבער אַ וועג איז פאַראַן; אַ וועג, וואָס די חברים האָבן שוין אויסגעטראָטן און אָנגעוויזן.

דער וועג פון קאָלעקטיווער אַרבעט.

„דעם מענטשנס הארץ איז גוט פון דער נאַטור, דער מענטש האָט ליב די אַרבעט, מען האָט נאָר די אַרבעט פאַר־מיאוסט און קליין-געמאַכט דורך דעם אָרימען און עגאָיסטישן געצווינס. גיט דער אַרבעט אַ העכערן מיין, ברענגט אין דער אַרבעט אַריין דעם משיחישן אידעאַל פון אויסלייזן אַ פאָלק און אויפבויען אַ לאַנד, הויבט אויף די אַרבעט צו אַ געט־לעכער דינסט פאַר דער באַפרייאונג פון מענטש, און זי וועט וווּנדער שאַפן, זי וועט אַלע שטיינער פון וועג אָפּראַמען, מדבריות אין ישובים פאַרוואַנדלען, וועגן דורך זומפּן דורכ־פירן. דאָסדאָזיקע וואונדער קאָן נאָר שאַפן די חכמה און דער כּוח פון קאָלעקטיוו!“ — האָט כאַזמאָוויטש דענסטמאָל געשריבן.

כאַזמאָוויטש איז געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דעם לעגיאָן פון אַרבעט, און דעם לעגיאָן האָט דער ירושלימער קאָמיטעט איבערגעגעבן צו שאַפן דעם ערשטן יידישן ישוב אין דעם זומפּיגן מדבר, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער עמק.

ווען כאַימאָוויטש האָט איבערגענומען די אויפגאַבע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער חברטע שרה. צומערשט האָט ער געטראַכט אַליין צו גיין קיין כנרת צו איר און זי בעטן מיט־צוקומען. עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט ווען דאָס צו טון. די פאָרברייטונג צו דער אַרבעט אין עמק האָט אים אינגאַנצן אַבסאָרבירט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שרייבן איר וועגן דעם אַ בריוול. איז אויך אויף דעם נישט געווען קיין צייט. ענדלעך האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ יונגענמאַן, וואָס קומט פון איר געגנט, פון ברעג פון כנרת.

— איז דאָרט נאָך פאַראַן ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— פאַראַן.

— וואָס טוט זי?

— אין קיך, אין קינדער־גאָרטן, אין דער ביימער־שולע, אין דער הינער־שטאַל.

— און נאָך?

— אַ חוץ דעם גיט זי אַכטונג אויפן גרינס־גאָרטן.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נישט.

— טוט מיר אַ טובה, ווען איר וועט אַהיימקומען, זאָגט איר, אַז זי זאָל פאַרלאָזן די קיך, דעם קינדער־גאָרטן, די ביימער־שולע, די הינער־שטאַל. זיי וועלן זיך שוין אָן איר אויך אָן עצה געבן. און זי זאָל נעמען דאָס פעקל און זאָל קומען אין גדוד אַריין. זיבעציק חברים געגן די זיבעציק אומות פון דער וועלט וואַרטן אויף איר אין עמק־יזרעאל.

— מיר וועלן זי אייך נישט געבן.

— אָבער אַ טובה קאָנט איר דאָך אַ ייִדן טון און אַ שליחות איבערגעבן.

און זי איז געקומען.

גאָרנישט האָט זי מיט זיך מיטגענומען פון אָרט, נאָר דאָס ווייסע טיכל אויפן קאָפּ, וואָס זי האָט געטראָגן בשעת זי איז אַהין אָנגעקומען.

נאָר ווען זי איז אָנגעקומען צו דער קבוצה אויפן ברעג

פון כנרת, זענען אירע האָר געווען פעך-שוואַרצע, איר פנים פריש און יונג, איר גאַנג לייכט און אירע הענט ווייך. היינט האָבן זיך אין אירע שוואַרצע צעפּ שוין אַריינגעגנבעט ווייסע פּאָסן, איר פנים איז פאַרעלטערט, אירע פיס שווער און אירע הענט האַרט און פאַרשטיינערט, נאָר אויף איר איינגאַנצן רוט די הייליגע שיין פון אַרבעט.

## קאַפּיטל 5

# דער נאַקעטער שבת

צוזאַמענגעטראָגנס אינדערפרי, ווען די אַראַבערקעס אויפן באַרג האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און זענען מיט די קרוגן אויף די קעפּ אַראָפּגעגאַנגען צו דעם וואַסער-קוואַל, האָבן זיי געזען אַ מאָדנע בילד, ווי אַ גרופּע מענטשן, מענער און פרויען, די מענער האַלב-נאַקעט, שטייען ביזן האַלבן לייב אין זומפּ אַרום דעם קוואַל, שעפּן-אָן בלאָטע אין געפלאָכ־טענע קאָרבן, אין בלעכן פון גאַזאָלין און וואַרפן-אויף צוויי בלאָטיגע ווענט. די אַראַבערקעס האָבן זיך פאַרוואונדערט איבער דעם, וואָס די נאַקעטע מענטשן טוען זיי זענען צוריק אַריין אין די הייזלעך, אַרויסגערופן זייערע מענער און פאָטערס און אָנגעוויזן זיי אויף די נאַקעטע מענטשן. די אַראַבער זע־נען געשטאַנען אויפן באַרג, געקוקט-און-געקוקט און נישט גע־קאָנט פאַרשטיין, וואָס די „מאָסקאָבים״ (רוסישע יידן) טוען. זיי האָבן זיך די קעפּ-געבראָכן צו טרעפן, וואָס זיי ווילן מאַכן פון דער בלאָטע, — צי ווילן זיי זי פאַרקויפן, צי ווילן זיי זי אויסטריקענען אויף ציגעלעך, צי אויף עפּעס אַנדערש באַדאַרפן זיי די בלאָטע? נאָך מער האָבן זיי זיך געוואונדערט אויף דער נאַקעטקייט פון די מענטשן, און די אַראַבער האָבן אַ נאָמען-געגעבן די אָנקומענדיגע מענטשן: „דער נאַקעטער שבט״. און אַזוי האָבן זיי שוין געהייסן ביי די שכנים אַרום.

דערווייל האָט זיך דער „נאַקעטער שבט״ גאָרנישט-געמאַכט איבער דער פאַרוואונדערונג פון די אַראַבער. פערציג מענטש־

לעכצע לייבער זענען געזונקען אין די בלאָטעס, און פערציג פּאָר הענט האָבן מיט כּוח אריינגעשניטן די שפּאַדלעס טיף אין איר. פערציג פּאָר הענט האָבן מיט נאָך מער כּוח, אונטערשטיצנדיג זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייערע שטאַרקע יונגע ברוסטן און רוקנס, געצויגן די שווערע פייכטע מאַסע פון דעם געדיכטן געמויזעכץ אַרויס, אַריינגעוואָרפן אין בלעכן און אין קאָרבן, דערלאַנגט די בלעכן די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אינדרויסן, וועלכע האָבן די פייכטע מאַסע אָנגעוואַליעט אין אַ וואַנט. די גליענדיגע אלול-זון האָט מיט טויזנטער פייערדיגע שטראַלן באַלעקט זייערע נאַקעטע לייבער. אויף די ברוסטן און אויף די רוקנס האָבן אָנגעהויבן אַרויסזעצן די ערשטע שוויס-טראָפּנס, די שטראַלן זענען געפאַלן אויף זיי, און די רוקנס האָבן פונדערווייטנס אָנגעהויבן צו לייכטן ווי זילבערנע פאַנצערס. קיין וואָרט איז נישט גערעדט געוואָרן, יעדער איינער איז געווען פאַרנומען ביי זיין גרוב און קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקן אויף זיין חבר, וואָרים די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. ביי יעדן איינעם איז געשטאַנען פאַר די אויגן די קורצקייט פון דער צייט ביז צו די ערשטע רעגנס. ווען די ערשטע רעגנס וועלן קומען, מוזן זיי שוין האָבן אַ שטיק פון די פעלדער אויסגעטריקנט, דעם גרינס-גאָרטן און די ווינטער-תּבואות פאַרזייעט, אַנישט וועט נישט זיין וואָס צו עסן.

אָבער די וויכטיגסטע און די ערשטע אויפגאַבע איז געווען — דעם זומפּ אין דעם לאַגער גופא אויסצוטריקענען. דער זומפּ, וואָס איז אַרום דעם קוואַל, קאָן נערן מאַלאַריע-מאָסקיטאָס און קאָן ווערן אַ געפאַר פאַר דער געזונטקייט פון אָרט. מען מוז ווי אַמשנעלסטן דאָס שטייענדיגע וואַסער, וואָס געפינט זיך אַרום דעם קוואַל, אָפּפירן דורך גראָבן אַ ראָוו אין דער נעבן־שטייענדער ברכה, אויסטריקענען די ערד אַרום דעם וואַסער-ברונעם און אָפּערקריגן דאָס ריינע וואַסער, וואָס שלאָגט-אַרויס פון קוואַל אין דער הייל, כּדי מען זאָל עס קאָנען אָן דעם צומישעכטס פון בלאָטע באַנוצן. ערשט שפּעטער קאָנען זיי זיך נעמען צו גראָבן גריבער אויף אויסצוטריקענען די ריכטיגע זומפּן און מעגלעך צו מאַכן דעם עמק פאַר דער אַרבעט.

דערווייל, ווען אַ טייל בחורים זענען געשטאַנען אין זומפּ און האָבן געגראָבן די בלאָטעס, איז אין „הויף" אָדער אין „משק", ווי זיי האָבן עס שוין אָנגערופן, דאָס הייסט, אויף דעם אָרט אַרום דער חברטע שרהס געצעלט, צופוסנס פון באַרג (שוין אויף דער זייט פון שטיינערנעם צוים, וואָס זיי האָבן נעכטן אָנגעוואָרפן), אָנגעגאַנגען אַן ענערגישע טע־טיגקייט. בחורים און בחורות האָבן געקליבן פון דעם פּלאַץ שטיינער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן אונטער די הענט, און אַרויפגעוואָרפן אויף די וועגענער און געפירט די וועגענער דורך מויל־אייזלען געשלעפּט צו פאַרפעסטיגן דעם שטיינערנעם צוים. אַנדערע האָבן גראָזן געשניטן, וואָס אַמאָל גרעסערע שטחים פון דער מדבר־ס הענט אַרויסגעראַטעוועט. אַנדערע זענען ביים פלעכטן שוץ־ווענטלעך פון לאַנגע קוויטשער־גראָזן באַשעפטיגט־געווען. מען האָט באַדאַרפט חברטע שרהס געצעלט אויסברייטערן, אַז עס זאָל קאָנען אונטערן דאַך אַרונטערנעמען די זעק מיט פּראָוויאַנט, די מכשירים צום קאָכן, דאָס טרינק־וואַסער צו באַהאַלטן, די עס־כלים, און איבערהויפּט האָט מען געמוזט וועגן מער „היים" זאָרגן.

אויך איז באַלד אויף דער טאָג־אָרדענונג געשטאַנען די פראַגע וועגן ברויט־באַקן. מען האָט נישט געקאָנט יעדן צווייטן טאָג שיקן אין שטאָט אַריין נאָך ברויט. מען האָט שוין אַפילו אַן אויסזיכט אויף אַ בעקער, דאָס איז חיימל מאַלאַזש. ער איז געווען אַ היימישער בחור, פון אָזאָרקאָוו אין פּוילן איז ער געקומען. ער האָט אַלעמען איינגערעדט, אַז אינדערהיים איז ער געווען אַ בעקער, דערפאַר האָט מען אים צו דער־דאָזיגער מלאכה גענומען. אינדעראמתן איז ער אַ מאַלער, דאָס הייסט, אַ קונסט־מאַלער, — נאָר כּדי צו קאָנען לעבן, האָט ער זיך דערווייל אויסגעלערנט בעקעריי. ער האָט אין לאָדזש אַ דירה געהאַט ביי אַ בעקער, זאָגט ער. דאָס הייסט, ער האָט גענעכטיגט אין אַ בעקעריי. און אַזוי ווי שלאָפן האָט ער סיי־ווי נישט געקאָנט, ווייל די בעקעריי האָט געאַרבעט ביינאַכט, האָט ער זיך דערווייל אויסגעלערנט דאָס פאַך. ער האָט אַפילו, זאָגט ער, דערביי שוין געלט פאַרדינט; ביי טאָג האָט ער זיך, זאָגט ער, אָפּגעגעבן מיט זיין קונסט, און ביי־

נאַכט האָט ער געבאַקן בייגל. איצט פּרואווט ער צוזאַמען מיט די חברים צו קאָנסטרואירן אַ באַק-אויוון פון שטיינער. דער גרויסער קאָנסטרוקטאָר איז מענדל שוואַרץ. אַלץ קאָן ער, דערדאָזיגער מענדל שוואַרץ. ער האָט שוין, זאָגט ער, ביי די וועלנער אַמאָ, „קאָנסטרואירט" אַ באַק-אויוון. נאָר גאָר דער ריכטיגער קאָנסטרוקטאָר איז דער „אינזשיניער" יאָכעלמאַן. „אינזשיניער" רופט מען אים דערפאַר, ווייל ער האָט דורכגעמאַכט צוויי יאָר אין דעם ווינער פּאָליטעכניקום, וואו ער האָט שטודירט מאַשין-בוי.

אַקאַדעמיקער האָבן זיי צווישן זיך געהאַט גענוג, אָבער לויטער דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמען, פילאָלאָגן, מאַטעמאַטיקער מיט דיפּלאָמען פון אַלע אוניווערסיטעטן פון אייראָפּע, אַזוי אַז די, וועלכע שטייען איצט אין זומפּ און רייניגן דעם קוואַל, וואָלטן געקאָנט פאַרלייגן אַן אַקאַדעמיע; נאָר קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין אינזשיניער. אַ דאָקטאָר האָבן זיי קוים געפונען, דאָס הייסט — אַ האַלבן דאָקטאָר, אַ סטודענט פון מעדיצין, וועלכן מען האָט פון סאָוועט-רוסישן אוניווערסיטעט אַרויסגעוואָרפן, ווען מען איז געוואויר-געוואָרן, אַז דער טאַטע זיינער איז אַמאָל געווען אַ סוחר, און ער אַליין האָט קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע, ציוניסטישע אָפּנייגונגען. ער זאָגט, אַז ער קען אַ טויטן פונאַנדערשניידן על פּי חכמת אַנאַטאָמיע; אַנאַטאָמיע קען ער, נאָר אַ פלאַסטער צולייגן צו אַ מכה — דאָס קען ער נישט. אַ חוץ דעם, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ חברטע, מרס. גרינשפּאַן פון אַמעריקע, וועלכע איז געווען אַ יאָר צייט אין „הדסה". נאָר קיין אינזשיניערן האָבן זיי נישט געהאַט, אַ חוץ דעם גאַליציאַנער יאָכעלמאַן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט צוויי יאָר מאַשין-בוי-שטודיום. זאָגן זאָגט ער, אַז אַ לאָקאָמאָטיוו פון אַ באַן צו קאָנסטרואירן איז פאַר אים אַ קלייניגקייט, אויך אַ שיף, ווען איר ווילט, — נאָר אַן אויוון אויף ברויט צו באַקן דאָס קען ער נישט, צו דעם באַדאַרף מען האָבן אַ מומחה. איז דער מומחה געווען דער שוסטער מענדל שוואַרץ, וועלכער האָט דאָס געטון מיט דער הילף פון חיימל דעם בעקער, דאָס הייסט, דעם קונסט-מאָלער. דערווייל האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיט

דעם אויוון ברויט צו באַקן איז נאָך אַ לאַנגע מעשה. זיי האָבן נישט קיין צעמענט, מיט וואָס די שטיינער צו באַפעסטיגן, און דער עיקר — זיי האָבן נישט קיין גיפס, מיט וואָס דעם אויוון פון אינעווייניג און אויסנווייניג אויסצוקלעפּן, און עס פעלן זיי נאָך דער ריכטיגער אויסשאַרער און די לאָפּעטע, וואָס מוז ווערן צוגעשניטן און אויסגעאַרבעט דורך אַ ספּעציאַליסט. האָט מען דאָס אַלץ פאַרשריבן אין אַ ביכל, אַלץ וואָס מען באַדאַרף האָבן פאַרן באַק-אויוון, ווען מען וועט שיקן אַ מענטש קיין חיפה איינקויפן די איבעריגע זאַכן און ברענגען צו דער נאָענטער באַן-סטאַציע. דערווייל האָט מען באַשטימט צו באַקן אַראַביש ברויט, דאָס הייסט — אַראַבישע פּלעצלעך, געבראָטן אויף שטיינער. פייער קאָן מען מאַכן מיט דעם אַראַבישן מיסט, וואָס ליגט אויבן ביי די אַראַבישע הייזלעך. מען וועט באַדאַרפן סיי-ווי-סיי צו די אַראַבישע שכנים אָנקומען נאָך אַ פּאָר קוואָרט מילך. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס האָבן זיך שוין געמאַכט צוויי קראַנקע: אמנון בן טוב, דער לערער, און אַ חברטע, שרה גוטערמאַן. זיי האָבן זיך נעכטן ביים שלעפּן די וועגענער מיט בלאָטע עפּעס געטון, זיי זענען אויפגעשטאַנען מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור און מיט אַ שווינדל אין די אויגן. דאָך זענען זיי געגאַנגען צו דער אַרבעט.

דערווייל איז חברטע שרה פאַרנומען מיטן גריינדן די „היים". ערשטנס, האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן די געצעלטן, אַז זיי זאָלן ווערן אַוועקגעשטעלט אויף טרוקענע ערטער אין אַ געוויסער סימעטרישער אויסשטעלונג. די מערסטע חברים זענען די נאַכט דורכגעשלאָפן אויף די וועגענער אָדער האָבן נאָר דורכגעטאַנצט אָדער דורכגעשומרט די גאַנצע נאַכט. מען דאַרף באַזאָרגן די מיליטער-בעטלעך. טייל באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיך מיטגעבראַכט בעטגעוואַנט פון דער אַלטער היים, קאָלדרעס, ליילעכער און איבערציג. דאָס האָט מען גלייך צעטיילט צווישן אַלעמען. איצט לויפט די חברטע שרה אַרום פון איין געצעלט צום צווייטן און זעט, צי אַלע האָבן די מאָסקיטן-נעצן אויסגעצויגן איבער די בעטן. די מאָסקיטן-נעצן זענען דאָס וויכטיגסטע. די חברים, וואָס זענען די נאַכט

געשלאָפן אָפּן, זענען אַזוי צעשטאָכן-געוואָרן, אַז זיי האָבן באַקומען היץ: דאָס זענען צוויי חברטעס צוזאַמען מיט חיים דעם שניידער, דאָס הייסט, דאָקטאָר-פילאָזאָף זילבערבוש, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די שניידעריי, מיט דער איינציגער זינגער-מאַשין, וואָס מ'האָט מיטגעבראַכט.

דערנאָך האָט זיך חברטע שרה אַוועקגעשטעלט איינריכטן די וועשעריי, צונויפלייגן די אַלע העמדער, אונטער- און אויבער-הויזן, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, און האַלטן אַלץ אין אַ סדר. אָבער די גרעסטע זאָרג האָבן איר פאַרשאַפט די סאַניטאַרישע באַדינגונגען. כאָטש דאָס האָט נישט געהערט צו איר, אויף דעם איז געווען אַ באַזונדערער חבר געזעצט, דער מעדיקער — וועלכן מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון רוסישן אוניווערסיטעט און וועלכער קען מתים שניידן, נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אַ פלאַסטער צוצולייגן, — מיט דער חברטע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער „הדסה"; זיי ביידע זענען דאָס געווען די סאַניטאַרישע קאָמיסיע. אָבער חברטע שרה האָט אויף אַלץ איר אויג. עס זענען געווען עניִים, וועלכע זענען איר נענטער אָנגעגאַנגען, ווי אַלע אַנדערע. און איינער פון די עניִים, וואָס זענען איר זייער נאָענט אָנגעגאַנגען און איבער וואָס זי האָט זיך אַממייסטן געזאָרגט, איז געווען דער סאַניטאַרער צושטאַנד. נעכטן האָט מען פּראָוויזאָריש אַלס די ערשטע זאַך באַשטימט אַן אָרט פאַר די נאַטירלעכע באַדערפענישן. מען האָט אויסגעגראָבן צוויי גריבער, איינער נישט ווייט פון אַנדערן, פאַרשטעלט זיי מיט ברעטער און אויפגעשריבן אויף איין זייט „פאַר חברים", אויף דעם אַנדערן — „פאַר חברות". עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די גריבער זענען געווען צו נאָענט פון די געצעלטן, מען האָט זיי געמוזט פאַרלייגן ווייטער אין פעלד אַרויס, אָבער דאָך צו-ווייט האָט מען נישט געקאָנט גיין, צוליב דער סכנה, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען. אויך האָט מען באַדאַרפט זאָרגן פאַר אַ ביסל צניעות און מאַכן די מחיצה, פאַרשטעלן זי אונטערן שאָטן, און דער עיקר — צוליב דער הייסער זון, און אויך זאָרגן וועגן דער נויטיגער ריינלעכקייט.

דערווייל האָט נאָך שרה גאָרנישט געטון פאַר דער קיך.

די קיך מוז ווערן ערנסטלעך אָרגאַניזירט. די צוויי העלפּעריגס, וואָס זי האָט באַקומען, האָבן די מינדסטע ידיעה נישט פון קאָכן. מען האָט זיי געמוזט לערנען. דער עיקר — מען האָט נאָך גאָרנישט געקלערט וועגן עסן. עס רוקט זיך אַוועק דער טאָג, די חברים האָבן אַ שווערע אַרבעט אין דרויסן, מען דאַרף פאַרברייטן פאַר זיי דאָס עסן. זי האָט אַוועקגעזעצט צוויי חברטעס שיילן קאַרטאָפל, האָבן זיי אַ העלפט קאַרטאָפל קאַליע־געמאַכט. האָט זי אַוועקגעשטעלט די חברטע דבורה ביי דער פּרימוס־מאַשינקע אָפּקאָכן אַ זופּ, האָט יענע קודם־כּל גע־לאָזט שטיין דעם טאָפּ אויפן פלאַם אָן וואַסער: די אַרבעס האָבן זיך פאַרברענט און דער טאָפּ האָט באַקומען אַ לאָך. איצט איז זי געגאַנגען צושטעלן אַן אַנדערן טאָפּ מיט אַ קאַרטאָפל־זופּ, האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס גרויסע אומגליק — דער נאַפט איז אויסגערונען פון דער קאַן. ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווייסט קיינער נישט. די קאַן האָט באַקומען אַ לאָך. אפשר האָט ווער נעכטן ביים טאַנצן אויף איר אַרויפגעטראָטן, אָדער זי האָט זיך אין וואָגן נאָך איבערגעדרייט. מיט איין וואָרט, די ערד אַרום געצעלט איז אָנגעזאַפּט מיט נאַפט. נאָך גוט וואָס מען האָט קיין אָנגעצונדן שוועבעלע נישט געוואָרפן, אַנישט וואָלט דאָרט געווען אויסגעבראָכן דאָס ערשטע פייער. אין דער קאַן אַליין איז נאָך איבערגעבליבן אויף אַזוי פיל נאַפט די פּרימוסן אָנצוגיסן, אַז עס זאָל סטייען אויף מיטאָג; פאַר די נאַפט־לאָמפּן וועט שוין נישט זיין. ווי אַזוי קאָן מען בלייבן אָן ליכט ביינאַכט? וואָס וועט זי טון מיטן נאַכט־עסן?

דאָן איז אויך אַנטשטאַנען אַ צווייט פּראָבלעם: צוויי חברים האָבן זיך איינדרויסן ביים גראָבן אין די בלאָטעס די פיס מיט דער שאַרף פון אַ שאָפל צעקאַליעטשעט. אין זומפּ האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי זיי טרעטן אויף די שאָפלעס. זיי האָבן זיך צעבלוטיגט און מען האָט זיי געמוזט פון דער אַרבעט אַראָפּנעמען, אין די געצעלטן ברענגען. ביים פאַר־בינדן די פיס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מעדיקער יאַ־כעלמאַן, דער סאַניטאַר, האָט וועגן אַלצדינג געזאָרגט, אייידער זיי האָבן זיך געריירט פון אָרט: ער האָט מיטגעפירט מיט זיך פונגטן גאַנצע מיט כינין פאַרן קדחת, וואָס באַדאַרף ערשט

קומען, און אַנדערע הויז-מעדיצינען, נאָר אַ פלעשל יאָד, וואָס מען באַדאַרף האָבן גלייך אַ וואונד איינצושמירן, דאָס האָט ער פאַרגעסן. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן שיקן גלייך אַ חבר אין נאָענטסטן מקום-אַריין צו ברענגען אַ פלאַש נאַפט און אַביסל יאָד.

ביי די קאַרטאָפל- און באָבעלעך-זופּ, באַפּעטיגט מיט אַמעריקאַנער געוויקסן-אייל, וואָס חברה געניסט אינדרויסן אַרום שרהס געצעלט, אין די בלאָטיגע הויזן, מיט וועלכע די ליי-בער זענען באַדעקט, דיסקוטירט מען די פראַגע פון נאַפט און יאָד. מאָרגן קומט-אָן דער גרויסער טראַנספּאָרט, וואָס דער קאָמיטעט פון גדוד האָט אַרויסגעשיקט מיט דער באַן צו דער נאָענטסטער סטאַציע. פאַרשטייט זיך, מען וועט באַדאַרפן נאָך דעם ווינטער מאַכן אַ וועג צו דער באַן-סטאַציע, דערווייל וועלן מאָרגן גאַנץ-פרי די חברים דאַרפן אַרויסגיין און אויס-בעסערן אַביסל דעם וועג, די זומפּן פאַרלייגן מיט גרעזער, אַז די פורן זאָלן קאָנען דורכפאָרן. פאַר היינט דאַרף מען שיקן וועמען אויף אַ מויל-אייזל אין נאָענטסטן מקום צו ברענגען אַ פלאַש נאַפט און אַביסל יאָד.

וועמען שיקט מען? און וואוהין שיקט מען? אויב אַ וואָגן קיין עפולה, איז דאָ אַ סכנה, אַז ער זאָל בלייבן שטעקן אין זומפּ. אפשר אָן אַ וואָגן, נאָר בלויז אויף אַ מויל-אייזל?

— איך האָב אַן עצה, — רופט זיך אָן דער קליינער יודקעוויטש, וואָס איז שוין דורך זיין ערשטער עצה וועגן פאַרלייגן דעם זומפּ מיט גרעזער, געוואָרן אַ גאַנצער מומחה איבער קאָמוניקאַציע, — קיין עפולה איז אַ מהלך-רב, און עס ליגט איבערן זומפּ. אָט-דאָ קעגנאיבער אין עמק ליגט די יידישע קאָלאָניע מרחביה, עס איז אַ האַלבער וועג ווי קיין עפולה. איך וועל נעמען אַ מויל-אייזל און וועל זיך לאָזן קיין מרחביה. אַ פלאַש נאַפט און אַביסל יאָד וועלן זיי דאָך האָבן.

— וואָס, איבער דעם עמק? — פרעגן חברים פאַרוואונ-דערט, קוקנדיג אויף דער מיט ווילד-גראָז-באַוואַקסענער אומבאַ-קאַנטער שטרעקע, וואָס ציט זיך אויס פאַר זיי.

— וואָס איז דער עמק, אַ בער? ער וועט מיך אויפ-עסן? מען וועט דאָך אַמאָל דאַרפן איבער אים דורכשפּרייזן.

און אַגב באַדאַרף מען די יידן אָנזאָגן דאָרט אין מרחביה, אַז זיי זענען נישט מער אַליין, אַז זיי האָבן שכנים.

דער עולם האָט געשוויגן.

— דעם עמק איבערשפּרייזן איז נאָך צו־פרי, — האָט געזאָגט כאַזמאָוויטש.

— פאַרוואָס צו־פרי? בעדואינער קאָנען אים דורכגיין, און מיר נישט? זענען מיר נישט אַזוי גוט ווי די בעדואינער?

דער תּירוץ האָט אַלעמען שטום־געמאַכט.

— איך האָב אַ באַז. איבעריגנס, ווען עס וועט נישט גיין, האָב איך דאָך שטענדיג צייט זיך צוריקצוקערן. וואָס קאָן דאָ זיין? איך זאָג אייך, חברים, אין צוויי שעה אַרום בין איך דאָ צוריק מיט גאַסט און יאָד. עס איז ערשט האַל־בער טאָג.

— אויף דעם תּנאַי, אַז אויב עס וועט נישט גיין, זאָלסטו זיך אומקערן, — זאָגט כאַזמאָוויטש, — און אָן קונצן!

ווען דער קליינער יודקעוויטש איז שוין געזעסן אויף דעם מויל־אייזל, איז צו אים צוגעגאַנגען דער ברודער און האָט זיך אָנגערופן:

— יאָסל, דו ווייסט, דער וועג איז אין סכנה! — און ער האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און אים דערלאַנגט: — נאַ, נעם עס מיט אויף אַלע אופנים.

און אַלע האָבן צוגעקוקט, ווי דער לאָמער יודקעוויטש שפּרייזט מיט דער פרידה, און צווישן אַ גרויסער וואָרע פון די חברים לאָזט ער זיך אריין אין אַ ים פון ווילדע הויכע גראָזן, וועלכע פאַרדעקן די אומבאַקאַנטע וועלט, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר זיי.

## קאַפּיטל 6

# יאָסל יודקעוויטש כּשרט דעם עמק

גייט ער, דער קליינער יאָסל יודקעוויטש, איבער דעם ווילדן עמק. די פרידה (מויל-אייזל) ווערט ביזן האַלבן לייב אין די גראָזן פאַרטרונקען; אָבער די פרידה האָט גוטע נאָז-לעכער, זי צעשפּרייט זיי, שניפּט-אויס, שנאָרכט און שמעקט. זי האָרכט זיך איין דורך די נאָז-לעכער, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. טיילמאָל שטעלט זי זיך אָפּ, ווי זי וואָלט זיך מיישב-געווען צו נעמען דעם ריכטיגן וועג. אַמאָל גיט זי זיך אַ קער-אָפּ אָן אַ זייט; יאָסל ציט זי אַהין, ציט זי צוריק, ער האַלט זי איין אין דער ריכטונג צום „תבור", וואָס באַווייזט זיך פון דער ווייטנס, אויפן וועג צום דאָרף שונם, וואָס דאָרט דאָרף זיך געפינען די קאָלאָניע, וואוהין ער גייט נאָך נאָפט פאַר די חברים און וואָס ער מוז נאָך די נאַכט ברענגען. אַזוי לאָזט ער די פרידה איר וועג זיך גיין. מען וואָלט, אייגנטלעך, באַדאַרפט זיך צוזינגען אַ לידל, ווען צום ערשטן מאָל נאָך טויזנטער יאָרן גייט זיך אַ יידישער בחור דורך דעם עמק; נאָר דער קאָפּ ליגט נישט צו לידער. פּונקט ווי די פרידה, האַלט ער אויך איין דעם אָטעם און וואַרט יעדן אויגנבליק, אַז עס זאָל עפּעס-וואָס געשען; אָבער עס געשעט גאָרנישט. די פרידה זוכט זיך אויס די טרוקענע שטעגן, וועלכע זי שמעקט-אויס מיט אירע נאָז-לעכער און גייט זיך איר וועג. פון צייט-צו-צייט וועקט מען אויף אַ מחנה מיט פליגעלעך פון די טיפענישן פון די גרעזער. טיילמאָל שטויסט מען

זיך אָן אויף מאָדנע פלאַנצונגען, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען און וואָס וואַקסן נאָר אין עמק; פלאַנצונגען, וואָס זענען ענלעך צו פירות, צו וואַסער-מעלאָנען, צו אָנגעשוואָלענע באַרנעס. אייגנטלעך, וואָלט מען באַדאַרפט אַראָפּגיין, אָפּרייסן עטלעכע און מיטברענגען „צו חברה אויף וואוּנדער; נאָר — „היט דיך, יאָסל, דו ביסט דאָ אינמיטן דעם ווילדן עמק, דו ווייסט נישט ווער און וואָס עס איז פאַרשטעקט אין די גרעזער, גיי דיר ליבער דיין וועג!" — טראַכט ער זיך.

גייט ער, יאָסל יודקעוויטש, און טראַכט זיך, אַז דאָס איז דער עמק, וועלכער איז אַמאָל באַזייעט-געווען מיט יידישער תבואה, — דער תבואה-שפּייכלער פון ארץ-ישראל אין די אַלטע צייטן. שטעטלעך און דערפער זענען פאַרשפּרייט-געווען איבער אים, דאָס גאַנצע אָרט האָט געווימלט פון מענטשן, גערוישט פון אַרבעט, און אויך איצט איז ער די האָפענונג פון ישוב. יאָסל גייט דורך אים צום ערשטן מאָל. ער טראַכט וועגן דעם, וואָס אַמאָל איז געווען אַ שאול המלך, וועלכער האָט דאָ מלחמה-געפירט מיט די פלשתים; שאול איז געווען אויפן באַרג גלבוע, און דער שונא — דאָ אין טאָל. דאָ ערגעץ-וואו האָט זיך געפונען דאָס אָרט עין-דור, וואו די כישוף-מאַכערין פון אוב האָט געוואוינט, צו וועלכער שאול איז געקומען ביינאַכט אין מאַנטל געהילט, אַז זי זאָל אים אַרויסרופן דעם גייסט פון שמואל הנביא. „איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואו דאָס אָרט געפינט זיך. ווער ווייסט? אפשר טרעט איך אויף דעמדאָזיגן אָרט איצט, און דאָ טאַקע האָט געוואוינט די כישוף-מאַכערין פון אוב?" — און כדי דאָס צו באַשטעטיקן, גיט אים פון אונטער די פיס פון דער פרידה אַ שפּרונג-אַפּער אַ יאַשטשערקע, אַזוי גרויס ווי אַ קליינער קראָקאָדיל, אַז די פרידה האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט פאַר שרעק און צוריקגעבריקעוועט, און יאָסל איז בלייך-געוואָרן.

אָבער מען גייט ווייטער. די פרידה ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרטרונקען אין די גראָזן. טיילמאָל גיט זי זיך אַ גליטשאַריין אין אַ זומפּיגן לאָך, אָבער אין לעצטן אויגנבליק גיט זי אַ שפּרונג-צוריק, ווי זי וואָלט מורא-געהאַט פאַר עפּעס אַ

נישט-גוטס. מיידט זי באַלד אויס דעם זומפּ און געפינט אַ טרוקענעם באָדן, אַזוי אַז יאָסל האָט ווידער צייט זיך זיינע געדאַנקען איבערצוגעבן און צו קלערן וועגן דער שטאָט יזרעאל, וואָס האָט דאָך געמוזט דאָ ערגעץ זיין, און וועגן אַלע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט אין איר אָפּגעשפּילט, אַזוי ווי עס שטייט באַשריבן אין תנ"ך. דערווייל רינגלט אים אַרום מיט אַ גרויס זשומען אַ ווילדע בין. זי וואונדערט זיך, וואָס אַ יונגערמאַן טוט דאָ אין איר רשות. און יאָסל קלערט וועגן ווילדן האָניג, מיט וועלכן די נביאים האָבן זיך געשפּייזט, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פאַר די טיראַנען און באַהאַלטן זיך אין דער וויסטע. עס באַלעקט אים אַן אַנדער אינזעקט, עס קומט אָפּטמאָל אַרויסצושפּרינגען פון די גרעזער עפּעס אַ מאָדנער פויגל מיט אַ גרויסן רויטן שנאָבל און שטעלט זיך אַוועק געגנאיבער אים אויף אַ שטאַרקן גראָז-צווייג און באַטראַכט אים פון דער ווייטנס. פּלוצלינג — סטאָפּ, די פרידה שטעלט זיך.

יאָסל קוקט זיך אום, וואָס איז דאָס? ער וויל אַראָפּגיין פון מויל-אייזל, אַ קוק צו טון, וואָס עס איז געשען. ער וואַגט אָבער נישט. צום ערשט גיט ער די פרידה אַ קאָפּע און ווייזט איר אָן מיט אַ העברעיִשן וואָרט, וואָס זי האָט צו טון: — „הלאה!". אָבער די פרידה דרייט זיך-אויס און וויל זיך אָפּנייגן אָן אַ זייט, זי וויל גיין אין אַן אַנדערער ריכטונג, נישט צו דער גבעת-המורה, וואו מרחביה ליגט, נאָר צוריק וויל זי גיין. ניין, ער וועט זי נישט לאָזן. יאָסל גיט אַ שפּרונג-אַראָפּ פון דער פרידה, נעמט זי אָן ביי דער צוים און פירט זי. „וואָס איז די מעשה? אַהאַ, אַ זומפּל! נו, וואָס איז דער מער? וואָס האָבן מיר, אַ וואָגן מיט שטיינער איבערצופירן איבער אים? פאַרוואָס קאָנען מיר נישט דורכשפּרייזן?". יאָסל ציט די פרידה הינטער זיך. דאָס זומפּל איז גרעסער ווי ער האָט געמיינט. עס איז אַ שטייענדיג וואַסער, די פיס פאַלן-אריין. „העכסטנס וועלן די הויזן נאַס ווערן, וועט מען זיי טאַקע דאַרפן אַראָפּציען", — זאָגט צו זיך יאָסל. ער שלעפּט-אַראָפּ די הויזן פון לייב. מער האָט ער, אייגנטלעך, נישט וואָס אַראָפּצושלעפּן. די שיך האָט ער אויף זיך

איבערגעלאָזט: מען ווייסט נישט אויף וואָס מען טרעט אין אַזאַ זומפּ. און ער ציט נאָך זיך די פרידה אין דער שטייענדיגער בלאָטע אַריין.

אומגעזעענע חיהלעך, יאַשטשערקעס, זשאַבעס צעלויפן זיך, שפּרינגען-אַוועק מיט קוואַטשערייען; אויך אַנדערע חיהלעך, וואָס ער קען נישט און האָט זיי נישט געזען ביז-איצט. אַ צוויי רויב-פייגל, וואָס האָבן דאָרט מיט זייערע לאַנגע שנאָבלען אין דעם זומפּ געזוכט, זענען ווי אויפגעוועקט-געוואָרן פון זייער שלאָף, געלאָזט פאַלן זייערע אָנגערויבטע שרצימלעך פון די שנאָבלען אַרויס און אָנגעהויבן אַרומצוקרייזן איבערן זומפּ. אַ מחנה מיקן האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי אַ קליינער וואָלקן, און יאָסל שלעפּט די פרידה צווישן די חיהלעך און אינזעקטן הינטער זיך. דער פייכטער שליים דערלאַנגט אים שוין ביז איבערן האַלבן בויך. עפּעס-וואָס באַוועגט זיך דאָרט אין דעם זומפּ, עס באַקט זיך און עס קאָכט זיך איבער דער אויבערפלאַך פון געמויזעכץ. די פרידה קאָרטשעט זיך איין פאַר שרעק, זי לויפט פאַר יאָסלען פאָרויס און שלעפּט שוין יאָסלען נאָך זיך. יאָסל קוקט זיך נישט אום, וואָס דאָרט איז. וואָס איז זיין עסק? גאָט צו דאַנקען — אַרויס פון זומפּ. איצט איז שוין דער וועג אַ גלייכער, און אין אַ ווייל אַרום זעט מען שוין דעם קליינעם וואַסער-טורעם פון דער קאָלאָניע.

אַ פרייד, אַן איבעררעאַשונג, אַ שמחה! מען ווייסט נישט, וואָס מיט יאָסלען צו טון! די פּאָר ווייבער און קינדער, וועלכע זענען געווען אינדערהיים, זענען אים געקומען אַנטקעגנצולויפן. די מענער האָבן געאיילט אַהיים פון די פעלדער. „ווען אָנגעקומען בשלום?” — „נעכטן זענען מיר אַרויף אויפן פלאַץ אַ מאַן זעכציג, זיבעציג!” — „מיט מזל און ברכה זאָל עס זיין! דערלעבט, מרחביה קריגט שכנים, מען וועט מער נישט זיצן אָפּגעריסן אין נאַקעטן פעלד!” ניין, קיין טיי וועט ער נישט טרינקען און עסן וויל ער אויך נישט, און אויך אויפהאַלטן וויל ער זיך נישט, ער באַדאַרף נאָר אַ האַלבע קאַן נאַפט און — אפשר האָבן זיי אַ פלעשעלע יאָד? אַ פּאָר חברים האָבן זיך ביים גראָבן די פיס-צעקלאַפּט. מאָרגן קומען

זייערע פּראָוויאַנטן אַוודאי. מען גיט אים דאָס לעצטע ביסל נאַפט, מען גיסט-אויס די לאָמפּן אין דער קאַן אַריין. זאָל ער נאָר ווערן אַזוי פיל נעמען! זיי זעגנען אויפן פלאַץ, ווערן זיי אַ נאַכט אין דער פינסטער זיצן, אָבער די בחורים שטייען דאָך אין נאַקעטן פעלד. וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, מוזן זיי ליכט האָבן. אפשר וועט ער דאָך אַ גלאָז טיי טרינקען, אַ פּאָר אייער עסן? ניין, ער מוז גלייך צוריקקריכן, מען וואַרט אויף אים דאָרטן, די חברטעס קאָנען נישט דאָס אָוונט-עסן צושטעלן.

— אַ גלאָז מילך? יאָ, נאָר אויף געשווינד!

— דורך וועלכן וועג גייט ער? איבערן אַראַבישן דאָרף?

— וואָס באַדאַרף איך דאָס אַראַבישע דאָרף? ס'איז אי-בעריגע צוויי שעה!

— ווי אַזוי דען אַנדערש? איר האָט דאָך אויפן וועג אַ זומפּ!

— טאָ וואָס איז, וועט ער מיך אויפעסן? איך וואַרף-אַראָפּ די תחתונים און קריך-אַריבער איבערן זומפּ.

— איבער דעם זומפּ וואָלט איך אייך נישט געראָטן.

— פאַרוואָס?

— מ'קאָן אַמאָל אויף עפּעס אומאָנגענעמעס אָנטרעפן.

— גייט שוין, וואָס קאָן מיך דאָרט אָנטרעפן, אַ שד? סיידן די כישוף-מאַכערין פון אוב... — שלום!

— שלום! שלום!

באַלאָדן מיט אַ האַלבער קאַן נאַפט און אַ שטיק ברויט אין מויל, איילט יאָסל אויף דער פרידה צוריק אַהיים.

„ווערן זיי דאָס דאָרט גרויסע אויגן עפענען! איך וועל האָבן די גאַנצע נסיעה אין צוויי שעה דורכגעמאַכט."

און יאָסל רייט. ער האַלט די קאַן נאַפט אין דער האַנט, ווי אַ גרויסן אוצר, און ער טראַכט זיך אַזוי וועגן דעם שיינעם עמפּפאַנג, וואָס עס דערוואַרט אים מצד די חברים. „אָבער דעם עמק בין איך דער ערשטער אַדורך, יאָסל מיט דעם לאָמפּן פוס!" — און ער באַמערקט נישט, ווי דער וועג גייט זיך לייכט, אָן יעדער שטערונג, אַזוי ווי ער וואָלט גע-ווען געשפּרייזט נישט דורך דעם ווילדן עמק, נאָר ביים טאַטן

אין וויינגאָרטן. נישטאָ קיין לעכער אַפילו, די גראָזן ווערן וויניגער שאַרף, אויסגעטראָטענער... — „וואו בין איך? וואו איז דער זומפּ? איך האָב דאָך שוין לאַנג באַדאַרפט זיין ביים זומפּ?" ער קוקט זיך אום — וואָס איז דאָס? ער געפינט זיך אויף אַן אויסגעטראָטענעם שטעג, און דער שטעג פירט גלייך אין דעם אַראַבישן דאָרף אַריין. „וואו האָט זי מיך פאַרפירט, די פרידה?" — בייזערט זיך יאָסל אויפן מויל-אייזל און וויל אים קירעווען אויף צוריק, מיטן פּנים גלייך אין די גרעזער פון עמק. אָבער די פרידה לאָזט זיך נישט. זי בלייבט שטיין אויפן וועג און רירט זיך נישט פון אָרט. צוערשט פּרואווט יאָסל זי איינגעמען מיט גוטן. ער רעדט צו איר הארץ אויף אַלע לשונות, אויף העברעיִש, אויף רוסיש, אַראַביש, יידיש און אוקראַיִניש — וואָס ער איז נאָר געוואוינט-געווען צו רעדן צו אַ בהמה זיין גאַנץ לעבן-לאַנג און צו באַנוצן, אַלע ליבע ווערטער וועדנט ער אָן אויף איר, נאָר זי רירט זיך נישט פון אָרט. ער הייבט-אָן מיט בייזן, צו בייזערן זיך, צו שרייען, אונטערצוקאָפּען מיט די פיס. דערמאָנט זיך די פרידה, אַז זי שטאַמט-אָפּ עפּעס פון אייזל-יחוס, און זי גיט זיך אַ שטעל-אויף אויף אירע פאָדערשטע פיס און מיט די הינטערשטע — אַן אייזלשן שפּרונג אינדערלופטן, און יאָסל מיט דער קאָן נאַפּט ליגט שוין אונטן צווישן די גרעזער. נאָך גוט, וואָס ער האָט געדענקט, בשעתן פאַלן, וועגן דעם נאַפט צו האַלטן די קאָן אינדערהויך, אַז זי זאָל זיך נישט אויסגיסן. יאָסל ציט די פרידה אין עמק אַריין, אָבער זי רירט זיך נישט פון אָרט. אַלע פאַרשאַלטענע עקשנותן פון איר לאַנגן יחוס, פון אַלע אייזלשע דורות, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט האָבן אויף צו מישן זיך מיט פערד, כדי אַרויסצוגעבן אַ מויל-אייזל, האָבן זיך אין איר דערוועקט. יאָסלען שלאָגן שוין אַנגסטן אַרויס אויפן לייב. יאָסל זוכט עצות, פּרוּווט-אויס פאַרשידענע מיטלען און פּאָרטלען. ענדלעך פאַלט אים איין אַ פּשוט מיטל, די בהמה אָפּצונאַרן, זי כלומרשט צוריקצופירן: דער יידישער קאָלאָ-ניע אַריין און אין מיטן וועג צו געבן אַ קירעווע-אויס. דאָס געלינגט אים, די פרידה גייט נאָך. צו אַ ישוב וויל זי גיין, אָבער אין עמק נישט.

יאָסל איז אָבער קליגער פאַר דער בהמה. ווי זי גייט זיך אַזוי רואיג און מיינט מיט איר בהמהשן געדאַנק, אַז יאָסל פירט זי צוריק צו אַ ישוב, גיט ער זי אַ פאַרנאַר־אַריין אין עמק, און — היידאַ, זי גייט! יאָסל איז גליקלעך, זײַ קומען־אָן צום זומפּ.

„איצט קענען מיר דאָך שוין דאָס און מיר ווייסן וואויל, אַז עס איז קיין סכּנה נישט, קאָנען מיר דאָך שוין דורכ־שפּרייזן!" — זאָגט יאָסל צו דער בהמה. ער גייט־אַראָפּ פון איר, טוט זיך אויס די הויזן און וויל זי אַריבערשלעפּן איבערן זומפּ. אָבער ווידער דאָס זעלבע: די פרידה שפּאַרט זיך איין און נישט צו רירן פון אָרט.

שטייט ער, דער יונגערמאַן, מיט דער קאַן נאַפט אין דער האַנט. דאָרט וואַרט אַן עדה הונגעריגע חברים אויף אים, ער זאָל דעם נאַפט ברענגען, מען דאַרף די קיך־לאָמפּן אָנ־צינדן, און דאָ וויל די פרידה זיך נישט רירן פון אָרט. און דאָ ווערט שוין שפּעט אויך, די ערשטע שאָטנס לויפן־אַריבער איבערן עמק, און ער, יאָסל, שטייט איינער אַליין אין פעלד.
אָבער די פרידה וויל פון גאָרנישט וויסן.

ער נעמט די קאַן נאַפט אין איין האַנט אַריין, די פרידהביים צוימל אין דער צווייטער, און ער בעט זיך ביי איר מיט אַ יידישן קרעכץ: „מיר מוזן דאָך אַהיימקומען, די חברים וואַרטן דאָך אויפן נאַפט. וואָס שטייסטו? נו, קום, לאָמיר אַריבערגיין דעם זומפּ, מיר קענען דאָך אים שוין!"

אָבער די פרידה גיט אַ טריט צום זומפּ, ציט־אויס די נאָזלעכער, גיט אַ שמעק אין געמויזעכץ אַריין און אַ שפּרונג צוריק.

יאָסל האַלט מיט אַלע כּוחות ביים צוימל און שלעפּט די פרידה הינטער זיך. די פרידה שלעפּט אים צוריק מיט אַלע כּוחות. פאַרשטייט זיך, די פרידה איז שטאַרקער פון דעם יידישן בחור יאָסל.

„נו, וואָס וועט זיין, וועלן מיר דאָ איבערנעכטיקן?"

יאָסל דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטן מיטל, וואָס ער האָט אָנגעווענדט די פרידה אָפּצונאַרן. ער חזרט עס איבער. עס וועט קאָסטן אַן איבעריגע האַלבע שעה — פאַרפאַלן! ער

זעצט זיך אויף דער פרידה און ער הייבט זי אָן צוריקצוטרייבן צום ישוב. זי גייט גערן. אינמיטן וועג פאַרקירעוועט ער זיך, נויגט-אָפּ, און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער ווידער דאָ ביים זומפּ — פון אַן אַנדערער זייט, אָבער עס איז דערזעלבער זומפּ. יאָסל זיצט אויף דער פרידה, די פרידה גייט אין זומפּ אַריין. „גאָט צו דאַנקען, אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען מיר אינדרויסן!”. פּלוצלינג בלייבט זי שטיין, די פרידה, קוקט זיך גוט איין אויף אַן אָרט. זי קוקט מיט גרויס שרעק, שטעלט-פאָרויס די נאָזדרעס, שמעקט און שמעקט און באַוועגט זיך נישט פון אָרט.

„נו, וואָס איז ווידער? האָסט די כישוף-מאַכערין פון אובדערזען? וואָס שטייסטו, קום!” — און יאָסל גיט אַ גוטן קאָפּע די פרידה, אַז זי זאָל זיך באַוועגן.

פּלוצלינג גיט די פרידה אַ שפּרונג, ווי עס וואָלט זי ווער מיט אַ פייערדיגער שפּיז אַ ברי-געטון. אין אַ סעקונדע איז שוין יאָסל אונטן אין געמויזעכץ מיט איין פוס, אָבער די קאַן נאַפּט אין דער האַנט, דאָס געדענקט ער. די פרידה — וויפל כוחות זי האָט נאָר פאַרמאָגט — איז אַרויס פון זומפּ אויף יענער זייט. יאָסל כאַפּט זיך אויף פון געמויזעכץ (די קאַן נאַפּט אין דער האַנט, דאָס געדענקט ער), ער וויל נאָך — נאָך דער פרידה. פּלוצלינג דערזעט ער עפּעס פאַר די אויגן. דאָס געדיכטע באַדעקעכטס פון זומפּ האָט זיך געשפּאָלטן, און אַ חזיר מיט אומדערהערטע האָרנדיקע ציין פון דער שנאָבל-נאָז איז אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. עס ליגט נאָך הינטער זיך, אָבער עס שטייט אויף די צוויי פאָדערשטע פיס און דער געהאָרנטער שנאָבל אויסגעשטרעקט אויף אים, נאָר צו שפּרינגען.

מענטש און חיה האָבן זיך אָנגעקוקט און באַטראַכטעט איינער דעם אַנדערנס באַוועגונג. יאָסל האָט נישט קיין צייט צו קלערן. ער זעט, ווי דאָס חזיר פאַרמעסט זיך אויף אים, און דאָ האַלט ער אין דער האַנט די קאַן נאַפּט (די קאַן נאַפּט טאָר ער פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן). יאָסל דערמאָנט זיך אָן רעוואָלווער, וואָס ער האָט אין טאַש פון די הויזן, ער איז זיכער נישט נאַס-געוואָרן, ער שלעפּט אים

אַרויס. ער נעמט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּ די אויגן פון חזיר, אַנגסטן זעצן אים אַרויס אויפן לייב. ניין, דער רעוואָל־ווער איז נישט נאָס־געווען, דאָס לעדערנע שייטל האָט אים פּאַרהיט. די קאָן נאָפּט אין איין האַנט, און די צווייטע האַנט שטעלט ער אָן אויפן חזיר. דאָס חזיר קוקט אים נאָך אָן מיט דעם האָרן־שנאָבל. אַ קנאַל, נאָך איינעם — דאָס חזיר פאַר־שווינדט אונטער דעם געמויזעכץ, און ער — פלינק אַרויס פון זומפּ!

פונוואַנען קומט דאָ אַהער אַ חזיר? ער האָט געהערט, אַז ווילדע חזירים זענען פאַראַן אין עמק. אָבער פונקט מוז ער זיין דער ערשטער אויף זיי אָנצוטרעפן. אפשר איז עס די כישוף־מאַכערין פון אוב?... יעדנפאַלס, האָט ער דאָס חזיר פון עמק געטויט!

אָבער וואו איז די פרידה? נישטאָ קיין פרידה! יאָסל איז אָן דער פרידה אין עמק, יאָסל וועט אַהיימקומען אין דער קבוצה אָן דער פרידה! אָבער קיין צייט עגמת־נפש צו האָבן איז נישטאָ; איבערצובלייבן אויף ביינאַכט אין עמק איז אויך נישט קיין עסק. יאָסל גייט און טונקט זיך אין די גרעזער, צווייגן, שטעכעכץ, געוויקסן קלעפּן זיך אַרום זיינע פיס, ווילן אים פאַרהאַלטן, אָבער יאָסל גייט. יאַשטשערקעס, זשאַבעס שפּרינגען־אַרויס פון אונטער זיינע פיס. יאָסל גייט. מען מוז זען פון עמק זיך אַרויסצוקריגן איידער די נאַכט פאַלט צו. און ער שניידט־דורך זיך אַ וועג דורך דעם ים פון גראָזן. אין דער האַנט כסדר די קאָן מיט נאָפּט (אָן איר טאָר ער נישט פאַרגעסן). פאַרפאַלן, וועט ער אַהיימקומען אָן דער פרידה! אָבער דאָס חזיר האָט ער געטויט!

איידער ער קומט נאָך צום צווייטן ברעג פון עמק, איז שוין טונקל; אָבער ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט געזען די ווייסע געצעלטן צופוסנס פון באַרג. דאָס ווייזט אים דעם וועג. און באַלד דערהערט ער די שטימען פון די חברים. מען איז אים אַנטקעגנגעקומען ווייט־אַרויס אין עמק אַריין, און מען רופט פון אַלע זייטן:

— יאָסל! יאָסל!

ער ענטפערט נישט־אָפּ. „וואָס זענען זיי מיר אַנטקעגנ־

געקומען? אויף מײנע בײזע װאונדער? זײ האָבן נישט געקאָנט צוװאַרטן, ביז איך װעל אָנקומען?"

— יאָסל! יאָסל! — הערן זיך די געװאָלדן פון די חברים העכער; זײ לויפן־אַרום איבערן עמק.

איצט איז זיך שוין נישטאָ װאָס צו באַהאַלטן, ער איז שוין באַלד נעבן זײ.

— גיט נאָר אַ קוק, װי זײ זענען מיר אַנטקעגנגעקומען! װאָס איז געשען? אָן אײך װאָלט איך דעם װעג אין דער קבוצה אַרײן נישט געטראָפן? — בײזערט זיך יאָסל אויף די חברים.

— די פּרידה איז אַלײן אַהײמגעקומען, מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַר דיר.

— פאַר מיר? װאָס האָט איר זיך געהאַט צו דערשרעקן? איך האָב געהאַט אַ שטיקל סכסוך מיט אַ חזיר, האָב איך זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיגט.

— מיט אַ חזיר? װאו האָסטו אָנגעטראָפן אויף אַ חזיר?

— אונטן אין זומפּ.

— נו, װאָס האָסטו געטון?

— געטויט.

חברה האָט געהאַט אַ געלעגנהײט פאַר אַ ריקוד. סײ־חי־סײ איז שוין שפּעט־געװען עסן צו קאָכן, האָט מען פאַר־קײט טרוקנס, אָנגעצונדן די לאָמפּן, און כאָטש מען איז מידי געװען נאָך אַ גאַנצן טאָג שװערער אַרבעט, אָבער די געלעגנהײט האָט מען נישט געקאָנט דורכלאָזן. יאָסל איז געװען דער העלד פון טאָג, מען האָט פאַר זײן כבוד־װעגן געזונגען דאָס ליד פון עמק:

— מי יבנה הגליל?
יאָסל! יאָסל!

— װאָס האָב איך אײך געזאָגט, חברים? אַז עס װעט קומען אַ צײט און אַ לאָמער װעט דורכשפּרײזן דעם עמק! — האָט געשריען יוחנן הסנדלר.

— װאָס עפּעס בלויז דורכשפּרײזן? בשעת מיר האָבן גערײניגט דאָ דעם קװאַל, האָט יאָסל אויסגערײניגט דעם גאַנצן עמק! ער האָט געטויט דאָס חזיר פון עמק. איצט איז דער עמק כשר!

קאַפּיטל 7

# מען ברית זיך

צומאָרגנס באַגינען, — עס איז געווען אויפן דריטן טאָג זינט מען האָט דאָס נייע אָרט באַזעצט, — זענען אַרויסגעגאַנגען בחורים און בחורות מיט מויל-אייזלען און מכשירים און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַ וועג אויסצוטרעטן צו דער נאָענטסטער באַן-סטאַנציע. זיי האָבן באַנוצט דעם בעדואינישן שטעג, נאָר אים אויסגעברייטערט, זיי האָבן אויסגעהאַקט גרעזער, קאַקטוסן, געדיכטע קזשאַקעס און פאַרטרוקנטע זיי אין די זומפּן, פאַרוואָרפן די לעכער מיט שטיינער, פאַרשאָטן די גריבער, און ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט — אויסגעבעסערט דעם שטעג. אַזוי אַז אויפן פערטן טאָג האָבן די וועגענער מיט די מויל-אייזלען געקאָנט אַרויספאָרן צו דער באַן-סטאַנציע, אויסלאָדענען דעם וואַגאָן פּראָוויאַנט, וואָס דער גדוד האָט צוגעשיקט. מיט גרויס מי און שוועריגקייט האָבן זיי דעם פּראָוויאַנט געקאָנט אויפן אָרט אַהיימברענגען, ווען די זון האָט זיך געזעצט.

אויפן אַנדערן טאָג באַגינען האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט. די „אינזשינירן" האָבן זיך גענומען, לויט די אינסטרוקציעס פון מענדל שוסטער, דעם באַק-אויוון אויפשטעלן. דאָס איז געווען דאָס נויטיגסטע. אויך האָט מען נאָך אין זעלבן טאָג געקאָנט מתקן-זיין מיט די פּאָר ברעטער, ואָז מען האָט געפונען אין וואַגאָן, די „סאַניטאַרישע איינריכטונגען". וועגן אָט-די ברעטער איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער וכוח, צי מען זאָל זיי נישט בעסער פאַרווענדן אויף טיש און

בענק פאַר חברטע שרהס געצעלט. וואָרים מען האָט די מאָל־צייטן געגעסן, ווי אַמאָל אין אַלטן ארץ־ישראל, אָנגעלענט אויף דער ערד. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אויף וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אויף איבערגעדרייטע בלעכן, אויף שטיינער — אויף דער פרייער אָפענער זון, מיט דעם טעלער צווישן די פיס. איניגע האָבן געזאָגט, אַז דער ערשטער און וויכטיגסטער אָנשטאַלט אין אַ הויז איז אַ טיש מיט בענק, דאָס מאַכט די שטוב. און זיי האָבן באַלד אַ ראיה געבראַכט פון דער גמרא. זענען אָבער אַנדערע מיט דער חברטע שרה אין דער שפּיץ געווען געגן דעם און האָבן געטענהט, אַז יענץ אָרט, דאָס הייסט, די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען", גייט פריער פאַרן טיש. און עס האָבן זיך געפונען אויך צווישן דעמדאָזיגן צד אַזעלכע חכמים, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרשטאַרקן זייערע אַרגומענטן מיט ראיות פון דערזעלבער גמרא. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען, ווי די חברטע שרה האָט געוואָלט: מען האָט די איינצעלנע ברעטער פאַרווענדט אויף די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען". דעם טיש מיט די בענק האָט מען אָפּגעלייגט פאַר דעם נאָענטסטן טראַנספּאָרט, און מ׳האָט זיך דערווייל באַגנוגן־געלאָזט מיט אַריינהאַקן פאַר שרהס געצעלט פיר דרענגער, מיט שנורן און דראָטן פאַרבונדן אַ נעץ און איבער דער נעץ אויסגעשפּרייט פאַרשידענע פלאַנצונגען און זעק, און געמאַכט אַ שטיקל שאָטן. און עס האָט אויסגעזען, ווי אַ „ריכטיגע היים".

אויפן פינפטן טאָג האָט מען שוין געגעסן ברויט פון דעם אייגענעם אויוון. אמת, עס איז נאָך געווען צוגעבּרענט פון אויבן, און אינעווייניג איז דאָס טייג געווען נישט דערבאַקן, אָבער חיימל דער קונסט־מאָלער, וואָס איז געווען דער הויפּט־בעקער, און זעליג־געצל דער מאַטעמאַטיקער, זיין געהילף, האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז צוליב דעם פייכטן ליים האָט דער פלאַם ביים ערשטן מאָל פאַרכאַפּט, שפּעטער וועט שוין זיין אמתדיג ברויט, אַזוי ווי מען קריגט ביים בעקער. און נישט נאָר ברויט, נאָר אויך פלעצלעך, זאָגט חיימל, וועט ער באַקן, דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט ביים בעקער אין לאָדזש, ביי וועמען ער האָט גענעכטיגט. דערווייל האָט די שמחה, וואָס מ׳האָט זוכה־געווען צו עסן ברויט פון דעם אייגענעם אויוון,

געהאָלפן פאַרדייען דאָס ווייכע קלעפּיגע טייג מיט דעם פאַר־ברענטן ראַנד פון אויבן, און מען האָט געחלומט דערביי פון דער צייט, ווען מען וועט די זכיה־האָבן צו עסן ברויט נישט נאָר פון אייגענעם אויוון, נאָר אויך פון אייגן מעל. מען האָט געפּרואווט טרעפן, ווען דאָס וועט געשען.

עס זענען שוין אויך אַלע פעלד־בעטן אין די געצעלטן באַזאָרגט־געוועזן מיט מיקן־נעצן. נישט אַלע האָבן געהאַט קאָל־דרעס זיך צוצודעקן, אָבער מיקן־נעצן האָבן אַלע געהאַט. [און ביז די רעגנס — איז נאָך צוויי חדשים, קאָן מען מיט די קאָלדרעס צואוואַרטן. דערפאַר אָבער איז חברטע שרהס געצעלט אויסגעברייטערט־געוואָרן. געשטיצט אויף די האָלצערנע דרענגער און באַהאָנגען מיט זעק, האָט מען איין טייל געקאָנט אָפּזונ־דערן פאַר דעם פּראָוויאַנט, וואָס מען האָט געמוזט האַלטן אונ־טערן דאַך, אַ צווייטן טייל פאַר דער וועשעריי, וואָס האָט פרי אָנגעהויבן צו מאַכן זאָרגן. וואָרים ווי די חברים האָבן זיך וויייניג באַנוצט מיט די קליידער און באַגנוגן זיך געלאָזט מיט אדמס קאָסטיומען, וואָס די בלאָטע, אין וועלכער זיי האָבן גע־שטעקט ביזן האַלבן לייב, האָט געדינט פאַרן פייגנבלאַט צו פאַרשטעלן זייער שאַנד, סיי ביי זכר און סיי ביי נקבה (און מער האָט מען נישט באַדאַרפט), — האָבן זיי דאָך זיך גענויטיגט אין הויזן און העמדער נאָך די אַרבעט־שטונדן.

די זאָרג וועגן באַקליידונג האָט געהאָלפן טראָגן דער דאָקטאָר־פילאָזאָפיע חיים זילבערבוש מיט זיין זינגער ־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אין חברטע שרהס געצעלט. אויך האָט זיך אין דער נאָענט פון חברטע שרהס געצעלט, אָדער טאַקע אין דעם געצעלט אַליין, פאַרקליבן מענדל שוואַרץ אָדער יוחנן הסנדלר, וועלכער האָט אויסגעלייגט זיין שוסטער־וואַרשטאַט און אויסגעזוכט פאַר אַ געהילף דעם „אינזשיניער" יאָכעלמאַן, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך צוויי יאָר פּאָליטעכניקום. עס האָט זיך אויך פאַרקליבן אין שרהס געצעלט דער „ועד־הפועל", דאָס הייסט — די פאַרוואַלטונג פון דער קבוצה, וועלכע האָט אין די אָוונטן פאַנאַנדערגעלייגט די אַרבעט אויפן צווייטן טאָג און אויף אַ טאָוול אויפגעשריבן, וואָס יעדער איינער האָט צו־מאָרגנס צו טון. דער עיקר אָבער האָט חברטע שרהס געצעלט

נעדינט פאַר אַ זאַמלפּונקט פון די חברים אין די אָוונטן, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן די פאַרזאַמלונגען און די דיסקוסיעס איינגעאָרדנט. דאָס „פּרעזידיום" איז געזעסן אין דער טיר פון געצעלט, אויף די פּאָר ליידיג-געוואָרענע נאַפט-קאַנען, אַרום וועלכע עס האָט געברענט דער איינציגער נאַפט-לאָמפּ, און חברה זענען געזעסן אינדרויסן פאַרן געצעלט. אַ חוץ דעם האָט דאָס געצעלט באַדאַרפט דינען צום צוועק, צו וועלכן עס איז אייגנטלעך געשאַפן-געוואָרן — אויף קאָכן די מאָלצייטן, אויף וואַשן דאָס געפעס, אויף באַהאַלטן די כלים, אויף אָפּרו, אויף אַ מקום-מקלט פאַר קראַנקע, אויף בריוו-שרייבן. עס איז אין משך פון די פּאָר טעג, איצט נאָך מיט דעם פאַרשאָטענטן פּלאַץ אינדרויסן, פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַ ריזיגער „געביידע", אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּילט און זיך קאָנצענטרירט דאָס לעבן פון דער קבוצה.

דורך די פּאָר טעג איז אויך אויסגעוואַקסן די שטיינערנע וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די מושבה פון רשות-הרבים. די וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודרייען און האָט פאַרכאַפּט איצט צוויי ווינקלען, איינעם צום באַרג-צו און דעם צווייטן צום עמק. די אַנדערע צוויי זייטן זענען פּאַרלויפיג אויף ביי-נאַכט פאַרשטעלט-געוואָרן דורך אויסגעגראָבענע גריבער, מיט בערגלעך שטיינער, און דער עיקר — מיט זעק ערד, אַז וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, זאָל זיין אַ באַשיצונג, הינטער וועלכער מען קאָן דעם קאָפּ אַרונטערשטעקן פאַר אַ בלאָנדזשענדיגער קויל און פון הינטער וועלכער מען קאָן אַ קויל פון אַ ביקס אַרויסשיקן... די „סאַניטאַרישע איינריכטונגען" זענען אינגאַנצן אויסגעפּאַרטיגט-געוואָרן. און איצט מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג צו דער נאָענטסטער באַן-סטאַנציע און מיט דעם אויסגערייניגטן קוואַל, פון וועלכן די שטייענדיגע וואַסערן זענען אָפּגעפירט-געוואָרן אין עמק אַרויס, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו נעמען פאַר דער ריכטיגער אַרבעט — אויסצולייגן פּלענער ווי אַזוי צו באַפעסטיגן די קאַרטע פון דעם טייכל און אָפּצוציִען דורך קאַנאַלן די פליסנדיגע וואַסערן פון די קוואַלן פון די בערג אין טייך אַריין. דערווייל האָט דאָס שטיק פעלד אַרום דעם קוואַל, פון וועלכן מען האָט אָפּגעצויגן דורך גריבער דאָס

שטייענדיגע וואַסער, אָנגעהויבן צו טריקענען אונטער דער האַנט. דורך די פּאָר טעג איז דאָס פעלד אויסגעטריקנט-געוואָרן, דאָס שטעכעכץ אויסגעבּרענט און די גרויסע שטיינער אַוועקגעקליבן. און וויפל דאָס פעלד איז נאָך געווען פאַרזייעט מיט קליינע שטיינדלעך, איז עס געלעגן פריי ווי אויף דער האַנט און עס האָט איינגעלאַדן, אַז מען זאָל עס באַאַרבּעטן.

חברטע שרה איז איינמאָל אינדערפרי אַרויסגעקומען פון איר געצעלט. וויפל איר קאָפּ און האַרץ זענען נישט געווען פאַרנומען מיט די זאָרגן פון די טאָג-טעגלעכע באַדערפעניש, צוצוגרייטן דאָס נויטיגע פאַר די חברים דעם טאָג איבּערצוּלעבן, האָבּן אָבּער אירע אויגן נישט געקאָנט פאַרפעלן צו זען דאָס גלייכע אויסגעשטרעקטע שטיק ערד, וואָס איז געלעגן ווי אַ פאַרלוירענער אוצר אויף דער גאַס, און איר האַרץ האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן זיך פון פאַרנעמען דאָס געבּעט פון דער ערד, אַז מען זאָל עס באַאַרבּעטן. „אוי, מאַמע-קרוין, — האָט זי זיך געטראַכט, — זיי האָבּן דאָך שוין אַ גאַנץ שטיק פעלד פון דער מדבּר אַרויסגעריסן! אוי, וועט דאָס אָרט גוט-זיין אויף אַ גרינס-גאָרטן!” און ווי זי איז נישט געווען פאַרנומען מיט טויזנטער אַנדערע זאַכן, האָט זי אָבּער אַזאַ חשק אָנגעכאַפּט צו פאַרזוכן די נאַקעטע ערד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו איר, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. אירע הענט האָבּן געפלאַמט נאָך דעם פּיאָש, איר האַרץ איז אָנגעפילט-געוואָרן מיט אַזאַ דורשטיגן באַגער, מען קאָן זאָגן—תּאווה, טועם-צו-זיין דאָס נייע שטיק ערד, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן אַ גרויסער גליקלעכער עבירה צו טון, וואָס עס שטייט איר דאָ פאָר. זי האָט געוואוסט, אַז זי גיט דערמיט אַ שלעכטן ביישפּיל און עס איז נישט ריכטיג פון איר זייט—זי האָט אָבּער דערפון גאָרנישט געקלערט, זי איז ממש אָנגעשיכּורט-געווען פון דעם תּאוההדיגן הונגער, וואָס דער אָנבּליק פון דער שוואַרצער ערד האָט ביי איר אַרויסגערופן. און נישט זאָגנדיג קיינעמען קיין וואָרט, האָט זי זיך אַריינגעגנבעט אין דעם ווינקל פון געצעלט, וואו עס זענען געשטאַנען די כּלים, אויסגעזוכט אַ פּיאָש און זיך בּגנבה אַוועקגעשטעלט אויף דעם

ליידיגן פלאַץ און צום ערשטן מאָל דאָס אייזן אין דעם טיי־גיגן לייב אַראָפּגעלאָזט.

דער ערשטער שפּאַדעל האָט אויפגעוואָרפן אַ שוואַרצע, פון הונדערטער יאָרן אויסגערוטע, דורך וואַסער און הערים אָנגעזעטיגטע חיותדיגע פּאַלכע (ערד פאַר תבואות). זי איז גע־ווען ווייך צוזאַמענגעקנאָטן, נאָך דער אויסגעטריקנטער פייכט־קייט געקלעפּט זיך, ווי זי וואָלט געווען אַדורכגעזאַפּט מיט לעבן און מיט שאַפונגס־לוסט... חברטע שרה האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אירע הענט און איר אייזן אַרבעטן אין אַ לעבע־דיגן לייב. זי איז געוואָרן אָנגעפולט מיט אַזאַ פרייד, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, אויפגעהויבן אַ פויסט שוואַרצע ערד, וואָס זי האָט אויסגעגראָבן, באַטראַכט עס מיט ליבע. זי האָט עס צוגעדריקט צו איר האַרץ, באַרירט עס מיט איר מויל, ווי זי וואָלט דאָס שוואַרצע, לעבעדיגע לייב מיט איר אָטעם באַהויכט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז סענטימענ־טאַל, ווייבעריש און נאַריש, זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַהערשן. פון אירע אויגן האָבן אַ שפּראָץ־געטון טרערן און מיט אַן אויסגעבענקטער תאווה האָט זי זיך גענומען ווייטער צו דער אַרבעט.

זי איז געשטאַנען אין דער זון, באַגאָסן מיט אירע שטראַלן; אירע האָר, וואָס זענען שטאַר־און־שטייף־געווען פון זאָרגן, האָבן צוריק איר מיידלשן קאָליר באַקומען, זיי זענען לעבעדיג, געדיכט, שוואַרץ און שיינענדיג־געוואָרן. דאָס פּנים, אויסגעטריקנט און אָפּגעברענט, איז ליכטיג, פריילעך און יונג־געוואָרן, דאָס גליק האָט זיין יוגנטלעכע שיין געוואָרפן אויף איר און האָט זי פאַריונגערט און באַנייט. אַזוי איז זי געשטאַ־נען, ווי אַ פּאַרגעסענע, אַ פאַרשיכּורטע פון פרייד און געוואָרפן איין לייב ערד אויפן אַנדערן.

— דאָס איז שוין נישט שיין, חברטע שרה! — הערט זי הינטער זיך אַ שטימע רופן. — די ערשטע המוציא אויס־געכאַפּט און קיין ברכה נישט געמאַכט?

זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. זי האָט געוואוסט, אַז עס שטייט הינטער איר דער חבר כאַזמאַוויטש און קוקט אויף איר מיט באַגייסטערטע אויגן פון זיין אויסגעדאַרט און אויסגעהאָ־

רעוועט פּנים אַרויס. זי האָט געפילט און געוואוסט, אַז ער איז אַזוי גליקלעך ווי זי, און ער פאַרגינט עס איר פון גאַנצן האַרץ.

— איך ווייס, עס איז נישט שיין, אָבער איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפן, איך האָב געמוזט טועם-זיין די ערד, — זאָגט זי אין פאַרלעגנהייט. נאָך אַ מינוט, פילט זי, אַז זי וועט זיך נישט קאָנען באַהערשן און די טרערן וועלן איר ווידער אַרויסשפּראָצן פון די אויגן, און דאָס קאָן זי נישט צולאָזן. וואַרפט זי דעם שפּאַדעל, זאָגט: זייט מוחל! און גייט-אַוועק פון פעלד צוריק אין איר געצעלט אַריין.

— איר האָט עס כשר פאַרדינט, אייך קומט טאַקע די ערשטע המוציא, — וויל זי חבר כאַזמאָוויטש צוריקהאַלטן, נאָר זי הערט אים שוין נישט און גייט-אָפּ מיט פלינקע טריט.

בלייבט ער שטיין אויף זיין אָרט, דער אַלטער בחור, פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין:

— האָב איך אָפּגעטון אַ נאַרישקייט!

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זי געוואָלט וועגן עפּעס זען, וועגן אַ וויכטיגן ענין. ער האָט ספּעציעל פאַרלאָזט דאָס אַרבעט-פעלד און איז זי געגאַנגען אויפזוכן. אייגנטלעך, האָט ער באַדאַרפט מיט איר איבעררעדן וועגן נאָך אַן ענין, אויך אַ וויכטיגן, וואָס ער קלויבט זיך שוין די גאַנצע צייט, וואָס זיי זענען דאָ, מיט איר איבערצורעדן, נאָר ער האָט אַלץ קיין צייט נישט דערצו. ער האָט זיך אַפילו אַנומלט געקליבן וועגן דעם ענין צו איר צו גיין קיין כנרת, ער האָט אָבער אַלץ קיין צייט נישט געהאַט. ער האָט עס אָבער אָפּגעלייגט, ביז זיי וועלן זיך אַמאָל צוזאַמענקומען. און אָט זענען זיי שוין זיך צוזאַמענגעקומען, זיי זענען שוין זעקס טעג דאָ צוזאַמען, און נאָך קיין איין מאָל האָט ער נישט צואוויסן-געגעבן וועגן יענעם עסק, כאָטש עס איז דאָך זייער וויכטיג, אַז זי זאָל וויסן דער-פון. אָבער ער לייגט עס אַלץ אָפּ, ביז ער וועט אַמאָל מער צייט-האָבן. איצט איז ער געקומען צו איר וועגן אַן אַנדערער זאַך, און אָט — אָנשטאָט זיך צו פרייען מיט איר, האָט ער זי גאָר באַליידיגט, און דאָס האָט ער דאָך נישט געוואָלט, אדרבא...

נאָר איצט איז נישטאָ קיין צייט צו קלערן וועגן פער־זענלעכעס, ער באַדאַרף זי זען, יאָ, מכּוח דעם קליינעם יודקעוויטש! און ער גייט איר נאָך אין קיך־געצעלט אריין.

אין קיך־געצעלט געפינט ער זי שוין אינגאַנצן אַן אַנ־דערע. ניין, דיזעלבע, ווי זי איז שטענדיג. אַן אַנדערע איז זי געווען אינדרויסן ביים ערשטן שאָפעל ערד. אין קיך־געצעלט איז זי די אייביגע חברטע שרה, וואָס רוט קיין מינוט נישט און גייט שטיל פון איין אַרבעט צו דער אַנדערער. שטענדיג זענען אירע הענט מיט עפּעס פאַרנומען, און שטענדיג איז דער קאָפּ מיט נאָך עפּעס אַנדערש פאַרנומען. און אויף איר פּנים זעט מען גאָרנישט אַן, וואָס זי טראַכט. זי טראַכט גאָר־נישט, זי איז נישט מער נאָר די חברטע שרה, קיין איין שפּור שוין נישט פון די עמאָציעס, פון איבערגעפּולטן הארץ מיט פרייד, פון די טרערן, וואָס ווילן זיך גיסן פון די אויגן — גאָרנישט מער, נאָר די חברטע שרה.

— וועגן דעם קליינעם יודקעוויטש האַנדלט עס זיך! — זאָגט כאַימאָוויטש.

— וואָס איז מיט יודקעוויטשן?

— ער פיבערט, דאַכט זיך.

— קדחת?

— ווער קען וויסן, עס זעט אַזוי אויס. מען דאַרף פאַר־ברייטן אַ געצעלט און אַ בעט!

— וואו איז ער?

— ער שטייט אין זומפּ, ער וויל נישט פאַרלאָזן דאָס פעלד פון אַרבעט.

— וואָס הייסט, אין זומפּ? וואָס הייסט, נישט פאַרלאָזן דאָס פעלד פון אַרבעט? קדחת?

— מען באַדאַרף אים מעסטן די היץ!

און זי איז שוין נישטאָ. זי לויפט פאַראויס, און כאַי־מאָוויטש נאָך איר צום ראָוו, וואו די חברים נעמען־ארויס די בלאָטע.

דערווייל שטייט חבר יודקעוויטש ביז איבער די קני אין אַ ראָוו און שעפּט מעכאַניש אין אַ בלעכערנער גאַזאָלין־קאַן בלאָטע מיט וואַסער פון זומפּ אַרויס, און דערלאַנגט זי אַרויף

רעם חבר, וואָס שטייט אויבן. נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער געפילט זײַן קראַנקן פוס, און ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער געקלערט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שלימזל ער איז, אַז פונקט אים מוז די ערשטע קדחת פּאַקן. נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער זיך געקאָנט ווערן געגן די חברים, וועלכע האָבן באַמערקט ווי זײַן פּנים גליט און ווי ער וואַקלט זיך, און האָבן אים געראַטן ער זאָל אַרויסקריכן פון ראָוו. אויך איצט נאָך ווערט ער זיך און וויל נישט אַרויסגיין פון ראָוו, וויל נישט אויפהערן צו שעפּן די בלאָטע אין דער בלעכערנער קאַן, אָבער איצט טוט ער דאָס מעכאַניש, ער ווייסט שוין נישט מער, צי ער האָט היץ, דעם פוס פילט ער שוין נישט, גאָרנישט טוט אים נישט וויי, און די מידקייט האָט אים אויך פאַרלאָזן. שטאַרק איז ער, ווי שמשון הגיבור, ער קאָן אַלע חברים אַריבעריאָגן מיט דער אַרבעט, און ער וועט ווײַזן, אַז ער וועט מער גריבער אויסגראָבן און מער קאַנען בלאָטע אַרויסשלעפּן פון ראָוו, ווי אַלע צוזאַמען. נאָר דעם קאָפּ פילט ער נישט מער, דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זײַן גוף, אומאָפּהענגיג, פרײַ זיך געמאַכט, הפקר אַ וועלט, און פליט אַזוי אַרום אין דער לופטן. זינקען די פיס וואָס אַמאָל טיפער אין דער בלאָטע אונטן, און ער ווייסט נישט, וואו ער איז, ער הענגט אינדערמיטן, צווישן דעם קאָפּ און די פיס. נאָר איין זאַך געדענקט ער נאָך, אַז מען דאַרף זיך ווערן געגן עמיצן, וואָרים די חברים ווילן מאַכן פון אים אַ שוואַכלינג, ווילן אים אײַנרעדן אַ קרענק — קדחת, כּדי אים צו קאָנען אויסלאַכן, אַז אַלע שלימזלען שלעפּן זיך נאָך יודקעוויטשן. און מען דאַרף זיך ווערן, קיין קדחת האָט ער נישט, דאָס איז געוויס, והא ראיה — עס איז אים נישט הייס, נאָר קאַלט, די קעלט גייט אים אַדורך אַלע גלידער, עס קלאַפּט אַ צאָן-אין-אַ-צאָן, מען דאַרף זיך נאָר גוט אָנוואַרעמען בײַ דער אַרבעט, ער וועט זיי באַווײַזן, צי מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ, — ער וועט מער גריבער אויסגראָבן פון אַלע. און ווי דער קליינער יודקעוויטש שלאָגט זיך מיט זײַן קאָפּ אַרום און וויל אים דווקא אָנכאַפּן און אַרויפזעצן אים צוריק אויפן האַלז, און זאָל ער אײנמאָל-פאַר-אַלעמאָל אויפהערן אַרומשפרינגען

אין דער לופטן, — דערהערט ער ארום זיך א גערודער, א ווייבערישע שטימע. פאר ווייבער האט ער מורא, מיט ווייבער האט ער פיינט זיך ארומצושלאגן. „ווייבער מוז מען באהאנדלען ווי קינדער, מען מוז זיי אלץ נאכגעבן" — פלעגט דער קליינער יודקעוויטש זיין לעבנס-קלוגהייט און דערפארונג מיט ווייבער די חברים איבערגעבן. הערט ער, ווי די ווייבערישע שטימע צעשרייט זיך: „וואס לאזט איר אים ארבעטן? איר זעט דען נישט, אז ער האט היץ? נעמט אים ארויס פון דעם זומפ!" און שוין שלעפן אים אייזערנע צוואנגען, שלעפן און שלעפן. יודקעוויטש ווערט זיך מעכאניש און שרייט: „וואס האט איר זיך אנגעזעצט אויף מיר? איך בין נישט קראנק! אט זעט איר דאך, איך שטיי אויף די פיס" — זאגט ער, ווען מען האט אים פון ראוו ארויסגעשלעפט. „נו, שטיי איך נישט גלייך?" און דער ארימער יודקעוויטש גיט זיך א וואקל-אהין און א וואקל-צוריק, און אט ליגט ער שוין אויפן נאקעטן פעלד און ווערט זיך נאך אלץ: „שטיי איך נישט גלייך?". און אט שלעפן אים שוין חברים אויף די אקסלען אהיים. דער קליינער יודקעוויטש שרייט אלץ: „שטיי איך דען נישט גלייך, וואס האט איר זיך אנגעזעצט אויף מיר?"

און שוין האט חברטע שרה א געצעלט אויסגערייניגט, א בעט פריי-געמאכט. זי ווייסט גארנישט, וואס זי האט צו טון מיט דעם קליינעם יודקעוויטש. ער שטייט און וויל זיך נישט אויסטון, וויל זיך נישט אפוואשן פון דער בלאטע אין דעם ווארעמען וואסער, וואס זי האט אנגעגרייט פאר אים.

— וואס שעמט איר זיך? אז מען איז קראנק, שעמט מען זיך נישט! — זאגט חברטע שרה.

טענהט ער אלץ, אז ער וועט זיך נישט אויסטון. ער וויל צוריקגיין צו דער ארבעט. די חברים ווארטן דארט אויף אים, די בלעכענע קאן האט ער אין דער בלאטע איבערגעלאזט, מען באדארף זי ארויסנעמען.

— אויב ער וויל זיך נישט אליין אויסטון, וועט זי אים אויסטון! — זאגט חברטע שרה, און זי שלעפט פון דעם קליינעם יודקעוויטש די פייכטע בלאטיגע הויזן אראפ. צוערשט ווערט ער זיך, נאר שפעטער ווערט ער זיך שוין נישט מער.

זי וואַשט פון אים אראָפּ די בלאָטע, רייניגט אים, טוט אים אָן אַ פריש העמד, לייגט אים אין בעט אַריין, דעקט אים צו. זי גיט אים נאָך און נאָך קאָלדרעס. „יאָ, עס איז אַזוי גוט אונטער די קאָלדרעס צו ליגן, ווען דער פראָסט אינדרויסן רייסט זיך אין דער טיר אַריין! אָבער וואָס איז דאָס? דער ווינטערדיגער פראָסט האָט זיך צו אים אונטער דער קאָלדרע אין בעט אַריינגעגנבעט!" — טראַכט ער, און ער לאָזט שוין מיט זיך אַלץ טון און גיט זיך איבער אין די הענט פון חברטע שרה, ווי אַ קליין קינד אין דער מוטערס אָרעמס...

קאַפּיטל 8

# דער ערשטער שבת אין עמק

עס איז אָנגעקומען דער שבת, דער ערשטער שבת אין עמק. אויף דעם פרייטאָג-צונאַכטס האָט מען אָפּגעלייגט אַלע דיסקוסיעס און טענץ. וואונדער איבער וואונדער! — אַ גאַנצע וואָך איז פאַרביי, און מען האָט קיין איין דיסקוסיע-אָוונט נישט איינגעאָרדנט. דער עולם איז צו מיד-געווען. אַז עס איז גע-קומען דער אָוונט, איז מען פשוט פון די פיס געפאַלן און מען האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן וואו מען איז געשטאַנען. סיידן ווער פון די חברים האָט אָנגעהויבן אַ האָראַ צו טאַנצן. דאַן האָט זיך דער עולם אויפגעהויבן איינציגווייז און איז אַריינגעצויגן-געוואָרן אין ראָד.

פרייטאָג-צונאַכטס אָבער האָט מען רעזערווירט פאַר דעם גרויסן דיסקוסיע-אָוונט. נאָכדעם, ווי מען האָט אַרומגערעדט די נאָענטסטע זאָרגן — וועגן דער אַרבעט און פּראָוויאַנטן, וועגן ביידלעך און זיכערקייט, האָט מען אָנגעהויבן צו דיסקו-טירן לשם שמים. אויפן טאָג-אָרדענונג איז געשטאַנען די ברע-נענדיגע פראַגע, ווי אַזוי מען זאָל איינאָרדנען אין דער קבוצה די צוקונפטיגע קינדער-דערציאונג. כאָטש די פראַגע איז נאָך נישט געווען אַקטועל און האָט זיך נישט גענויטיגט אין אַ באַלדיגער לייזונג, דאָך האָט מען אויף דער פאַרזאַמלונג הייס דיסקוטירט איבער איר און זי באַטראַכט פון אַלע שטאַנדפּונקטן — פון סאָציאַלן, פּעדאַגאָגישן און וועלט-דערליייזערישן. עס איז אַפילו געפאַלן אַ פאָרשלאָג, אַז נישט יעדע מוטער זאָל זויגן

איר אייגן קינד אין קינדערהיים, נאָר כּדי איינצופלאַנצן דעם קאָלעקטיוון גייסט אין די קינדער מיט דער „מוטערס מילך", זאָלן די מוטערס זויגן בשותּפות די קינדער, אַז די קינדער זאָלן זיין אַלעמענס. דערדאָזיגער פאָרשלאָג, וואָס איז געפאַלן דווקא פון אַ חברטע, וועלכע איז פאַר „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע" אידעען פאַרפאָלגט־געווען אין רוסלאַנד, איז נישט אָנגענומען־געוואָרן. אַזוי ווייט איז מען נאָך נישט דערגאַנגען. מען האָט נאָך געלאָזט די מאַמעס דידאָזיגע פרייד פון זויגן זייערע אייגענע קינדער, ווייל בעונותינו הרבים איז נאָך די וועלט נישט רייף צו אַזאַ קאָלעקטיוויזם און מען באַדאַרף ערשט דעם מענטש דערצו צוגעוויינען. יעדנפאַלס, האָט זיך די ערנסטע דיסקוסיע איבער דער צוקונפטיגער קינדער־דערציאונג ווי תּמיד פאַרענדיגט מיט אַן ענטוזיאַסטישער האָרע, וועלכע האָט זיך געטראָגן איבער דעם וויסטן עמק און פאַרשטומט דאָס געוויין פון די שאַקאַלן און איבערגעשראָקן די קוואַקענדיגע זשאַבעס.

אָבער דער שבת איז נישט בלויז געוואָרן באַשטימט פאַר דיסקוסיעס און טענץ, דער שבת איז אויך באַשטימט־געווען פאַר חלומות, וועלכע זענען אַרויסגעדרונגען פון די טיפע וואונטשן. נאָכדעם ווי מען האָט דעם פלאַן פון אַרבעט פאַר דער קומענדיגער וואָך אויסגעאַרבעט, האָט זיך אַ גאַנצן שבת אַרומגעדרייט נירקעס, דער אַגראָנאָם, אַרום דעם צופוסנס פון דעם באַרג גלעד און געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אָפּצואווישן די שאַנד פון דעם נאַקעטן שטיינערנעם באַרג, אויף וועלכן די אַראַבישע קאָזעס האָבן זינט דורות רעאַליזירט דודס קללה און האָבן אָפּגעגריזשעט פון אים יעדעס גרעזל און צווייגל. ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי דעם באַרג צו באַקרוינען מיט דעם קראַנץ פון ביימער, ווי אַזוי צו באַקליידן זיין קללהדיגע נאַקעטקייט מיט וואַלדיגן גרינעם מלבוש.

נירקעס אַליין שטאַמט פון אַן אַסימילאַטאָרישער פאַמיליע פון רוסלאַנד. ער איז אויפגעהאָדעוועט־געוואָרן אין אַ פרעמדער סביבה, פרי אַריינגעצויגן־געוואָרן אין דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אים שפּעטער — ווי טויזנטער זיינס גלייכן — אויסגעשפּיגן. פאַרוואָרפן אַלס קינד פון בורזשואַזע עלטערן, האָט ער אַפילו נישט די מעגלעכקייט־געהאַט זיינע שטודיעס

צו פֿאַרענדיגן. ער האָט זיך אַרויסגעקראָגן פֿון גיהנום, אַ יאָר אָדער צוויי אין פֿראַנקרייך שטודירט אַגראָנאָמיע, געקומען קיין ארץ-ישראל נישט צוליב עפּעס אַנדערש, ווי נאָר צו געפֿינען אַ פֿעלד פֿון טעטיגקייט אין דעם אַלט-יונגן לאַנד. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין גדוד, אַביסל צוליב אידעאַלע גרונדן — געוואוינט-געוועזן צו אַ סאָציאַליסטיש לעבן — מער אָבער צוליב „עגאָיסטישע צוועקן", צו זעטיגן זיין טעטיגקייטס-הונגער. די ארץ-ישראלדיגע וויסטע לאַנדשאַפֿט האָט גערייצט זיין אַפּעטיט, געשטייגערט זיין פֿאַנטאַזיע. וואו ער האָט געזען אַ וויסט שטיק לאַנד, האָט ער עס געוואָלט באַפֿלאַנצן, באַוועלדערן די נאַקעטע בערג, באַפֿרוכפּערן מיט שרענגעס פֿרוכט-ביימער די טאָלן, ארץ-ישראל אין אַ גאָרטן צו פֿאַרוואַנדלען. פֿאַר זיך האָט ער גאָרנישט באַדאַרפֿט, אַ חוץ צו שטילן זיין הונגער נאָך טעטיגקייט. ער האָט געהאַט אַ משוגעת ביימער צו פֿלאַנצן. פֿונוואַנען האָט ער זיי געקראָגן? ער האָט געקאָנט דערשמעקן אַ ביימעלע, פֿאַרלוירן צווישן די ווילדע גרעזער, אַרויסנעמען עס און איבערפֿלאַנצן. אומעטום האָט ער שוין איבערגעלאָזט ביימער-שולן הינטער זיך. איצט קריכט ער אַרום דעם שבת נאָכמיטאָג איבער דעם באַרג גלעד, שמעקט און לעקט. דאָ גראָבט ער אויף אַ גריבל, פֿאַרזוכט די ערד, צי זי איז לייכט אָדער שווער, בלאָטיג אָדער זאַמדיג. ער כאַפּט אַ צווייגל, וואָס די אַראַבישע ציגן האָבן פֿאַרגעסן אָפּצולעקן, באַקוקט, באַטראַכט עס און דרינגט דערפֿון אַרויס, וואָס פֿאַראַ ביימער דאָ קאָנען וואַקסן.

ער האַלט אין איין אויסאַרבעטן פּלענער אין קאָפּ: אָט דאָ וועט ער אַרומנעמען אַ פּאַס מיט אייקאַליפּטוס-ביימער, אויף אויסצוטריקענען די בלאָטע. זיי וועלן שאַפֿן שנעלן שאָטן; און דאָ וועט ער לאָזן קריכן אויף דעם משופּעדיגן באַרג שרענגעס נאָדל-ביימער. יונגע ציפּרעסן. אויסגעגלייכטע, ווי די בחורים און בחורות, וועלן זיי שטייגן אויפֿן רוקן פֿון באַרג, העכער-און-העכער וועלן זיי שטייגן, אַז מען זאָל זייערע גרינע קרוינען זען פֿונדערווייטנס, פֿייגל זאָלן זיך אין זיי נעסטן. זיי וועלן באַגרינען, אויפֿפֿרישן, פֿאַריונגערן דאָס גאַנצע ארץ-ישראל-לאַנד. און דאָ אונטן, אין דער קבוצה, וועט ער

קודם-כּל דעם טייך איינבעטן אין ציפּרעסן-אַלייען, באַהאַלטן אים, אַז ער זאָל רוישן מיט טויזנטער זינגענדיקע סודות אין זיין גרינער באַהעלטעניש. די קבוצה אַליין וועט ער באַריי-כערן מיט פּאַלמען פון יריחו, פון דמשק וועט ער זיי ברענ-גען, פונדערוויטנס זאָל מען זיי זען, און זאָל מען וויסן, אַז דאָס איז ארץ-ישראל, דאָס לאַנד פון שיר-השירים. אָ, ווידער וועט ער פאַרוואַנדלען די פּאַלמע אין אַ יידישן בוים; וואו אַ יידישער ישוב, דאָרט וועלן פלאַטערן ווי הייליקע פענער די פּאַלמען-צווייגן פון צווישן די רויטע דעכער-אַרויס.

און אַזוי ווי נירקעס מיט זיין חלום וועגן ביימער, אַזוי גייען-אַרום אַנדערע מיט זייערע חלומות. חברטע שרה זיצט אויף דער שוועל פון איר געצעלט. היינט קאָן זי זיך דאָס דערלויבן. ס'איז שבת היינט. חברה האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעבאָדן אין קוואַל-וואַסער, וואָס זיי האָבן אויסגערייניקט, איבערגעטון זיך אין ריינע וועש, אין גאַנצע הויזן, אין פאַר-ריכטע העמדער. פאַרשפּרייט און פאַרזייעט איז דער גאַנצער מקום מיט יוגנט און לעבן. פון דאָ-און-דאָרט הערט מען אַ ליד זינגען. טייל חברים האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט צו חבר-טעס און אין פאַרלעך געאָרעמט פאַרבלאָנדזשעט מען אַזש אין ווילדן עמק אַריין. זיצט שרה אויף דער שוועל פון איר גע-צעלט און קוקט זיך צו צום רעשיקן לעבן און הערט זיך צו צו די יוגנטלעכע געזאַנגען. זי זעט, ווי די פּאָרלעך פאַר-שווינדן צווישן דעם הויכן שטעכעכץ פון עמק. פאַר זיך אַליין האָט זי אויך באַגערן, נאָר זי האָט קיינמאָל קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן זיי. שטענדיק איז זי מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען. איצט, אין דעם מאָמענט פון מנוחה, אין דעם ערשטן שבת נאָכמיטאָג אין דעם וויסטן עמק, וועט זי דאָך נישט קלערן וועגן זיך. זי קוקט מיט אירע אויגן אין דער לאַנגער ווייטער וויסטעניש, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר איר, און טראַכט זיך: זיין זוים האָבן מיר באַטראָטן, אָבער ער אַליין ליגט נאָך ווילד און גרויס און אומבאַצווינגבאַר. וויפיל קרבנות וועט ער נאָך פאַרלאַנגען, אָט דער עמק, פאַרן שטיקל ישוב! צוויי חברים ליגן שוין מיט פערציק גראַד היץ אין געצעלט. דער אָרימער יאָסל איז דער ערשטער געווען. ווי ער האָט

זיך דאָס געוועדט געגן דעם! אַ פּאָר וואָכן אינגאַנצן ביז צו די רעגנס, און אַז די רעגנס וועלן קומען, איז זיך אויף מער צו ריכטן. קודם-כל וועט מען באַדאַרפן אַ ריכטיגן שפּיטאָל איינאָרדנען, אַ פּלאַץ אויסקלײַבן, אַז די קראַנקע זאָלן נישט אויף דער הוילער ערד ליגן. נאָך פאַר די רעגנס וועט מען באַדאַרפן פאַר די קראַנקע האָלצערנע צריפים אָנגרייטן. צי וועלן די אַראַבער אויפן באַרג דעם פּלאַץ אָפּרוימען ביז צו די רעגנס?

אָ, זי וואָלט נישט געוואָלט קלערן וועגן די אַלע נויטן, זי האָט אויך אירע פריידן. זי וואָלט געוואָלט קלערן וועגן דער ביימער-שולע, מיט וועלכער זי פרייט זיך שוין, אַז זי וועט מיט דעם חבר נירקעס איינריכטן. זי פרייט זיך שוין אויף די יונגע פלאַנצן, וואָס זי וועט קאָנען מיט אירע הענט צערטלען און העלפן צום לעבן אַרויסרופן! אָבער זי פאַר-גינט זיך נישט די פרייד פון די ליכטיגע געדאַנקען. אַ חוב ליגט אויף איר, טויזנט חובות! מען וועט באַדאַרפן אויפן אָרט אַ ריכטיגן דאָקטאָר האָבן, אַ קופּת-חולים אָרגאַניזירן, די חברים וועלן פרי פיבערן. און היינט וואָס איז מכּוח אַ וועש-שערײַ איינצוריכטן? מאָרגן מוז זי באַלד אָנהייבן די וועשערײַ איינצוריכטן. ניין, זי וויל היינט נישט זאָרגן. די ערשטע מי-נוט מנוחה אויפן נײַעם אָרט וויל זי, ווי די אַנדערע, אין פריידיגע געדאַנקען פאַרברענגען. זי וויל קלערן וועגן די הינער-הײַזער, וועגן די קי-שטאַלן. און וואָס עפּעס מכּוח די נײַע ערטער, וואָס וועלן זיך דאָ אין דעם ווײַטן אומבאַ-צווינגטן מדבר אויסשפּרייטן? אַ שעה, אַ האַלבע שעה גאַנג וועט אַ צווייטער ישוב זײַן. חברה פון דער קבוצה וועלן יעדן שבת אויפן נשף קומען. אָבער די טאָג-טעגלעכע זאָרגן שטייען נעבן איר, ווי די שלעכטע הינט, און לאָזן זי נישט אָפּ. מען וועט באַדאַרפן אַ קו אָדער צוויי באַלד אַרויסברענ-גען. די קראַנקע חברים מוזן מילך האָבן. עס איז קיין עסק נישט בײַ די אַראַבער מילך צו קויפן, און קודם-כל באַדאַרף מען זיך מאָרגן אַוועקשטעלן דעם גרינס-גאָרטן צו פאַרלייגן. דער פּלאַץ ביים קוואַל איז גענוג אָפּגערייניגט, זאָלן באַלד אייגענע גרינסן זײַן.

אָבער זי וואָלט נאָך געוואָלט וועגן עפּעס אַנדערש קלערן. שאַ, וואָס איז עס? אַ נאַרישקייט, אַמאָל האָט ער זיך כאָטש נאָכגעפרעגט, כאַימאָוויטש, צי זי האָט שוין אַ בחור. זינט זי איז דאָ, באַדאַרף ער זיך שוין נישט צומאָל נאָכפרעגן!... „קיין אַנדערע זאָרגן האָב איך שוין נישט?" — וואַרפט זי זיך באַלד פּאַר. און אָט קומט ער טאַקע אָן, כאַימאָוויטש אַליין. מיט חברים פֿון די ווילדע גרעזער פֿון עמק קומט ער אַרויס. זיי זענען געגאַנגען אויספאָרשן די קאַרעטע פֿון טייך, וואָס גיסט זיך פֿון קוואַל, כּדי אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פֿון די אויסגראָבונגען. מיט שמחה קומט ער אָן, און, ווי זיין געוואוינהייט, לויפט ער פֿאָראויס מיט יוגנטלעכע שפּריינז. „ער איז צו דין, — טראַכט זיך שרה, — בלויז הויט און ביינער. עס וואָלט געווען אַ יושר, ער זאָל מער פֿלייש אויף זיך אַרויפקריגן". איבערהויפּט וואָלט מען באַדאַרפט זאָרגן וועגן נאַרהאַפטע שפּייזן. פֿון די קאַרטאָפֿלעס מיט באָבעלעך קאָנען די חברים נישט אַרבעטן, די בלאָטעס פרעסן זיי אויף. אָבער פֿונוואַנען וועט זי נעמען נאַרהאַפטע שפּייזן? אפשר קויפן פּרעמדע מילך? ניין, אַ שטאָל מיט קי ווערט נויטווענדיג נאָך פּאַר די רעגנס!...

— חברטע שרה, חברטע שרה! מיר האָבן אים געפֿונען! — קומט־אָן כאַימאָוויטש.

— וואָס האָט איר געפֿונען?

— דעם קוואַל ישורין. דאָרט אָט ווייטער, אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פֿון דאַנען גיסט ער זיך. מיר וועלן קאָנען די קאַרעטע צוציען ביז צו אים, — זאָגט ער מיט פֿרייד.

— ווייסט איר, וועגן וואָס איך קלער, חבר כאַימאָוויטש? אַז אַ שטאָל מיט קי וואָלט אונז נויטיגער־געווען איצט, ווי אַ נייער קוואַל. איר פֿאַלט דאָך שוין אַרויס פֿון די קליידער!...

— חברטע שרה, אַ שטאָל מיט קי וועט אויך זיין. און נישט נאָר אַ שטאָל מיט קי. איר זעט אָט דאָ די ווילדע פּוסטקייט, וואָס קוקט צו אונז אַהער, וואָס זעט־אויס ווי אַ ווילדע מויד, וועלכע מען קאָן נישט איינגעמען? אָט די מויד וועט חתונה־האָבן מיטן יידישן פֿאָלק, זי וועט קינדער

געבוירן און דעם גאַנצן מקום מיט יידישע ישובים פאַרזייען.

— אָ, איר זענט דאָך גאָר אַ פּאָעט, כאַימאָוויטש! אָבער איידער די ישובים וועלן אויסוואַקסן, וואָלטן מיר באַדאַרפט אַ צוויי-דריי גריבער אויסקאַלכן און אַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע פאַרברייטן, די חברים ליגן מיט פעברציג גראַד היץ אויף דער הוילער ערד.

— חברטע, וואָס איז די מעשה מיט אייך? פאַרוואָס עפּעס אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען? מיר דאַכט זיך, אַז אַנ-שטאָט אַ שפּיטאָל, וועט מען אַלס דעם ערשטן בנין באַדאַרפן אויפשטעלן אַ קינדער-היים! איר זעט, ווי די חברים גייען מיט די חברטעס געאַרעמט?...

זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט. אַזעלכן האָט זי אים נאָך נישט געקענט. דאָס גליק האָט אים אַרויסגעשטראַלט פון די פייכטע אויגן און באַלעבט זיין טרוקן אויסגעמאַטערט פנים.

— און ווייסט איר וואָס, חברטע שרה? אַז עס וועט זיך מאַכן אַ פרייע מינוט, באַדאַרפן גאָר מיר חתונה-האָבן. עס איז שוין אויף אונז אויך צייט — זאָגט ער — נישט וואָר, שרה?

זי קוקט אים אָן ערנסט און דערשטוינט. אין איר פאַר-ברענטן ברוינעם פנים פון אַרבעט און זון זענען געשטאַנען צוויי מיידלשע אויגן.

— בערל, וואָס איז די מעשה מיט אייך היינט?

— עס איז די פרייד פון עמק! — האָט ער אָפּגעענט-פערט און גענומען איר אויסגעאַרבעטע האַנט אין זיין אויס-געאַרבעטער האַנט אַריין.

און זי האָט זיך געלאָזט.

## קאפיטל 9

# דער פקדון ווערט צוריקגעגעבן

די זון און די אַרבעט האָבן צעשמאָלצן דאָס פלייש אויף זייערע לייבער און אָפּגעצאַפּט עס אין שווייס־טראָפּנס, וואָס זענען געראָנען פון זייערע שטערנס, פון זייערע הענט, געשלאָגן מיט הייסער פּאַרע פון זייערע גופים, אַז זיי זענען דורך די פּאָר וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף דער אַרבעט ביי די בלאָטעס, דין־געוואָרן ווי די שטעקנס. מיט באַוואַקסענע בערד, מיט אויפגעפּראַלטע ברוסטן, און די האַלבע לייבער אין די בלאָטעס פאַרשטעקט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי פאַרשיקטע שקלאַפן, וואָס עפּעס איבער אַ זינד וויל מען זיי פאַרפּייניקן צום טויט. אָבער דאָס איז געווען אַ שקלאַפנטום, וואָס זיי האָבן אויף זיך מיט ליבע גענומען. עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, עס האָט אויסגעזען, ווי אַ פרום גאָטעס־דינסט, צו וועלכן מען גיט זיך איבער מיט אַנטציקונג און אומפאַרשטענדלעכן ענטוזיאַזם. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט וועגן דעם, זיי האָבן אַפילו נישט דערמוטיקט די אָפּגעשוואַכטע, ערנסט און אין שטילשווייגן, מיט פאַרשלאָפענע פּנימער, זייערע לייבער די הייסע שטראַלן צום שמייסן און שמעלצן איבערגעגעבן, זענען זיי געשטאַנען — אַזוי מאַן־און־ווייב, בחור־און־מיידל, — און האָבן, וויפל כוחות עס איז זיי נאָר איבערגעבליבן, געגראָבן די בלאָטעס און דערלאַנגט די אָנגעפּולטע בלעכן פון די זומפּן אַרויס, אַרויף צו די אויבער־שטע חברים.

עס איז נישט געווען קיין ארבעט פאַר באַלוינונג, עס איז נישט געווען קיין ארבעט פאַר קיין אידעאַל אפילו — עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען אַרבעט פאַר אַ זינד-אָפּקומעניש. זיי, די קינדער פון קרעמער, סוחרים, מעקלערס און געשעפטס-מענטשן, האָבן געוואָלט אָפּווישן די זינד פון די עלטערן, פאַרטיליגן די שאַנד און שמאַכט פון דורות. כּדי צו מאַכן אַן ענדע פון אַ פאַרשעמט, געפּלאָגט לעבן, כּדי אָנצו-הייבן אַ ניי קאַפּיטל פון זיך אַליין, כּדי צו גראָבן אַ טיפן גרוב צווישן די פּאַטערס און זיי — האָבן זיי גענומען אויף זיך די פאַרשקלאַפונג, ווי אַ באַפרייאונג, ווי אַ חירות! און וואָלט די אַרבעט געווען נאָך פיל שווערער און מיאוסער, וואָלטן זיי עס מיט ליבע געטון. די אויסלייזונג קאָן נאָר קומען דורך דער אַרבעט.

און אַ חוץ דעם איז שוין קיין אַנדערע ברירה נישט איבערגעבליבן. מען האָט אַלע באַנדן מיט דעם פאַרגאַנגענעם לעבן אָפּגעשניטן, געוואָרפן פרייוויליג אָדער געצוואונגענערהייט די אוניווערסיטעטן, די פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע. ביי פיל פון זיי זענען די עלטערן פאַרארימט-געוואָרן אין דער מלחמה, ביי אַנדערע זענען די היימען צעשטערט-געוואָרן, אַזוי אַז צו זייער גייסטיגער נויט איז צוגעקומען די ריין-פיזישע, זיי האָבן קיין אַנדערע אויסזיכט אויף צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט אויף צו לעבן נישט געהאַט. ווייט אָפּגעשניטן פון אייראָפּע, אָן יעדן קאָנטאַקט מיט די זייעריגע, זענען זיי געווען אָנגע-וויזן דאָ אויף דעם שמאָלן און ענגן שטריף פון דעם אינזל, וואוהין זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם ים פון פאַר-פלייצנדיגער פאַרניכטונג. אַנדערע, וואָס האָבן יאָ געקאָנט אַן עצה געפינען (זיי האָבן נאָך פאַרמעגלעכע עלטערן אָדער קרובים געהאַט אינדערהיים, וואוהין זיי האָבן זיך געקאָנט ווענדן נאָך הילף), האָבן דאָס נישט געטון צוליב פּרינציפּ. פיל פון זיי האָבן זיך נאָך געקענט פון דער אַלטער היים, זיי האָבן זיך געהאַט אויפגעהאַלטן צוזאַמען אין פּיאָנערן-קבוצות, וואו זיי האָבן זיך געהאַט פאַרבונדן מיט זייערע חברים און חברטעס און אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו צעשיידן זיך. אַ קליינער טייל, אמת, האָט נישט אויסגעהאַלטן. אינדערשטיל,

אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָבן זיי פאַרלאָזט די קבוצה און אַוועק, וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן, און מ׳האָט מער נישט געהערט פון זיי. עס זענען נישט געווען קיין סך, איינגאַנצן אַ דריי-פיר, וועלכע האָבן פאַרלאָזט מיטן אייגענעם ווילן די קבוצה; איינעם, צי צוויי, האָט מען פון דער קבוצה אַוועקגעשיקט, מען האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער סביבה, זיי האָבן אַרויסגערופן געשלעגן און קריגערייען צווישן די חברים. עס זעט-אויס, אַז זיי האָבן געוואָלט אַוועק.

אין יעדן יידישן מענטש, מעג ער נאָך ווי ווייט און פאַרפרעמדט-זיין פון זיין שטאַם, איז אויפבאַוואָרט אַ טראָפּן פון דעם אייביגן קדמון- (אור-) יידנטום, וועלכעס ווערט לעבעדיג אין אים און הייבט-אָן צו ווירקן בשעת ער באַגעגנט זיך מיט אַנדערע יידן. די יונגע מענטשן, דערצויגן אונטער פאַרשידענע אומשטענדן און אין סביבות, וואָס האָבן געהערט צו פאַרשידענע קלאַסן, האָבן זיך נישט געקענט און זענען נישט געווען געוואוינט איינער צום אַנדערן, אָבער קוים זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן גובר-געווען די ערשטע שוועריגקייטן פון זייער באַזונדערער דערציאונג, זענען זיי אויף דער אַלגעמיינער ערד, ביי דער אַרבעט פאַר אַן אַלגעמיינעם אידעאַל, צונויפגעקלעפּט-געוואָרן אין איין גאַנצעס, ווי מען וואָלט גלידער פון איין קערפּער, וואָס באַלאַנגען איינס צום אַנדערן, צוריק צונויפגעפּאַרט. די טראָפּנס קדמון-יידישקייט, וואָס האָבן געשטעקט אין זייער בלוט, האָבן אויפגעוועקט אין זיי אַלגעמיינע זכרונות פון אַ בשותּפותדיג לעבן, וואָס איז ערגעץ-וואו אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט צווישן זייערע אבות געפירט-געוואָרן. די פּאָר וואָכן פון קאָלעקטיוון בויען אַ היים פאַר זיך און פאַר אַנדערע האָבן שוין די חברים און חברטעס פון דער נייער קבוצה צוזאַמענגעגליט אין איין משפחה.

די נויט און די אַרבעט האָבן די טעג געשלונגען. דער זומער האָט זיך גערוקט, אָבער ווי אַ לעבעדיגע ווילדע חיה האָט זיך דער עמק אויסגעצויגן, געלעגן מיט די לאַפּעס אויסגעשפּרייט איבער דער לענג-און-ברייט, און געווערט זיך

געגן ישוב מיט זיינע שטעכעדיגע קרייטעכצער, מיט זיינע מחנות מיקן און פארשידענע אַנדערע אינזעקטן, וואָס ער האָט ארויסגעשיקט פון זיינע טיפע גראָזיגע באַהעלטענישן, מיט זיינע פאַרהוילענע, אָפּנאַרנדיגע זומפּן, לעכער מיט אויבנאויף פאַרטריקנטע בלאָטעס, וואָס ער האָט אָפּנאַרעריש פאַרשטעקט צווישן זיינע איילן-הויכע שטעכעכץ און דערנער, כדי מענטש-און-חיה צו פאַנגען אין זיינע באַהאַלטענע נעצן און שטרויכ-לונגען, און דאָרט זיי צו פאַרפייניגן. דאָך איז דער מענטש געקראָכן וואָס אַמאָל אַלץ טיפער אין די אומבאַקאַנטע גע-היימנישפולע רעגיאָנען און אין באַגראָזטן צודעק, אריינגעשניטן זיך מיט זיינע לאָפּעטעס, שאָפעלן און בלעכערנע קאַנען וואָס אַמאָל טיפער-און-טיפער אין דעם עמק, אויסגעשפּיאָנירט די קאָרעטע פון טייך, וואָס איז צעגאָסן איבער דער ווילדעניש, געדרעפּטשעט אין די אומבאַקאַנטע זומפּן, געשעפּט די בלאָטע און אָנגעוואַליעט װענט, געגראָבן טיפע גריבער און געלאָזט אָנזאַמלען די אויסגעגאָסענע פאַרפלייצונגען, געצויגן רערן און צוגעפירט צו דער קאָרעטע פון טייך.

אָפטמאָל זענען זיי פאַרלוירן-געגאַנגען אין דעם ים פון ווילדעניש און פאַרלאָזנקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז בחינם ראַנגלען זיי זיך מיט אַ משחית, וואָס איז דאָ איינגעזעסן און איינגעפונדעוועט פון דורות. דער משחית האָט זיך געווערט מיט פאַרצווייפלטן מוט. ער האָט צעריסן זייערע לייבער מיט דעם אומצאָליגן שטעכעכץ, די זומפּן האָבן אויסגענאָגט דאָס חיות פון זייערע לייבער, די אינזעקטן האָבן זיי געשטאָכן און אריינגעטון אין זייער בלוט דעם סם פון מאַלאַריע. איינער נאָך דעם אַנדערן זענען זיי געפאַלן פון די פיס; נאָך דעם קליינעם יודקעוויטש איז געקומען דער לערער אמנון בן-טוב, דערנאָך אהרן סיביריאַק און מענדל שוואַרץ און דער טאַל-סטאָיאַנער, דער „אומבאַקאַנטער" און די חברטע דבורה. אין דעם זומפּ האָט זיך זיי אָנגעהויבן דער קאָפּ צו דרייען, דער קאָפּ איז זיי אָוועקגעפלויגן פון קערפּער, די פיס זענען שווער-געוואָרן און געזונקען אין דער בלאָטע, און די הענט זענען געוואָרן מאַט. זיי האָבן דעם שפּאַדל נישט געקאָנט אויפהויבן. מען האָט זיי געמוזט פון זומפּ מיט גוואַלד אַרויסנעמען. איצט

איז שוין נישט געווען אין איין געצעלט דער „שפּיטאָל“, נאָר אין פינף, זעקס... די געזונטע חברים האָבן נישט געהאַט וואו זיך אַוועקצולייגן, זענען געלעגן צו פינף אין איין געצעלט. דריי חברים האָבן זיך געטיילט מיט איין פעלד-בעטל. מען האָט באַדאַרפט די געצעלטן פאַר די קראַנקע. מען האָט אויסגעקאַלכט גריבער און לייוונטן אויסגעצויגן איבער זיי.

חברטע שרה איז געפאַלן פון די פיס. ווי שטייט איר קאָפּ איצט צו דער קיך? די קיך האָט זי איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט, דאָס הייסט, אויף די צוויי העלפּערינס אירע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פאַרברענען דאָס ריישעכץ, אין איין פאַרזאַלצן די קאַרטאָפלעס, וואָס די חברים האָבן נישט געקאָנט אין מויל אַריינגעמען. זי האָט געהאַלטן אין איין לויפן פון דעם קיך-געצעלט אין דעם קראַנקן-געצעלט, כינין איינגעגעבן, אַן אַנדערן די היץ געמאָסטן, פון אונטער דער ערד מילך פון די אַראַבישע שכנים געשאַפן, די קראַנקע חברים געבויט אין בעט צו ליגן, וואָרים זיי האָבן זיך געריסן צו דער אַרבעט. קוים האָט דער קליינער יודקעוויטש געקאָנט אָטעמען, קוים האָט די היץ אַ ביסל נאָכגעלאָזט, מיט לויזע גלידער אין קערפּער, וואָס האָבן נישט געהאָרכט זיין ווילן, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, האָט ער זיך אויפגעריסן פון בעט און געשלעפּט זיך צו די חברים צום ראָוו. מען האָט אים געמוזט צוריק ברענגען צו שלעפּן אויף די פּלייצעס. די פיס האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַנג. חברטע שרה האָט זיך צום ערשטן מאָל נישט געקאָנט קיין עצה געבן. און ווי שטיל און באַהאַלטן זי איז נישט געווען, ווי אויסגעהאַלטן אין איר אויסדויער נישט צו פאַרלאַנגען קיין הילף, נאָר צו טון איר אַרבעט ביז צום פאַלן, האָט זי עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און געפאָדערט פון ועד פון דער קבוצה הילף. מען האָט זיך געמוזט ווענדן צום גדוד — כאָטש מען האָט געוואוסט, ווי שווער די לאַגע איז אויך ביי זיי — נאָך אַ דאָקטאָר, וואָרים די קראַנקע האָבן זיך געמערט פון טאָג-צו-טאָג.

איצט האָט מען שוין נישט געזונגען אין די אָוונטן, די האָראַ-טענץ זענען ווינציגער-געוואָרן. מען האָט שוין נישט

פאַרשטומט די זשאַבעס און נישט איבערגעשראָקן די שאַקאַלן מיט די הויכע געשרייען. חברים האָבן נאָך דער אַרבעט, זיצנדיגערהייט אויף די שטיינער און אויף די „שעל״-קאַנען, אַריינגעבראָקט דאָס טעפּעלע טיי מיט דעם היימיש-געבאַקענעם ברויט, וואָס חיימל קינסטלער האָט דאָך סוף-כל-סוף זיך אויס-געלערנט וויניגער צו פאַרברענען די ראַנד און מער אויסצו-באַקן אינעווייניג דאָס טייג. קוים האָט מען נאָר פאַרקייעט דאָס שטיקעלע ברויט, וואָס מען האָט געהאָלפן אַראָפּשווענקען מיט דעם נישט-געצוקערטן טיי (פּאַפּיראָסן האָט מען, צוליב עקאָ-נאָמיע, אויסגעטיילט פינף שטיק אויף אַ מענטש טעגלעך, און אויסגערויכערט האָט מען זיי נאָך איידער די זון איז געשטאַ-נען אינמיטן הימל), קוים האָט מען דאָס שטיקעלע ברויט געהאַט אין זיך, האָט מען זיך מיט די לעצטע כוחות דער-שלעפּט צום געצעלט, און ווי מען שטייט-און-גייט — זיך געוואָרפן אויף דעם בעטל אָדער אויף דער ערד. די ערשטע האָניג-וואָך נאָך דער חתונה מיטן עמק איז פאַרביי. איצט איז נאָר איבערגעבליבן די אומדערטרעגלעכע אַרבעט, די שלעכטע נאַרונג, און אַחוץ דעם האָט דער וואָרעם פון ספק אָנגעהויבן צו פּיקן מיט זיין קופּערנעם שנאָבל אין דעם סאַמע אָנגעוויי-טיגסטן אָרט פון האַרץ: „צי איז דאָס טאַקע דער צוועק? און וואָס וועט זיין דער תכלית?״

אָט שטייט אין דעם ראָוו דער חבר שלמה מוראַווסקי מיט חברטע לאה זילבערמאַן. חבר שלמה, ביזן האַלבן לייב אין געמויזעכץ, וואַליעט-אָן קאַנען מיט בלאָטע און דערלאַנגט זיי אַרויס דער חברטע לאה, וועלכע לייגט-אָן איינע אויף די אַנדערע און מאַכט אַ וואַנט אַרום דער קאָרעטע פון טייך. חבר שלמה און חברטע לאה קומען ביידע פון פּוילן. חבר שלמה מוראַווסקי, מיט זיינע דריי-און-צוואַנציג יאָר, האָט פיל אין זיין לעבן געאַרבעט און ווייניג געגעסן. ער קומט-אַרויס פון אַן אָרימער שטוב. אינדערהיים איז דער דלות געווען אַזוי גרויס, אַז ווינטער-צייט איז נישט געווען גענוג האָלץ און קאַרטאָפלעס די גרויסע פאַמיליע פון זיין פאָטער דעם שוס-טער און דער מאַמען דער מאַרק-גייערין צו דערוואַרעמען און צו דערנערן, אַז זיי זאָלן קאָנען אַרומגיין אין שטוב אָדער

גאָר אַרויסקומען אויף דער גאַס און עפעס פאַרדינען. איז אַ האַלבע משפחה, דער טאַטע מיט אַ טייל בנים, געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף דעם פאַרפוילטן שטיק אין בעט און צוגע־דעקט מיט אַלע שמאַטעס פון שטוב (סיי־ווי־סיי איז נישט געווען וואָס צו אַרבעטן, אויפן דאָרף אַרומגיין איז געווען צו־קאַלט). אין בעט ליגנדיק האָט מען געדאַרפט ווינציקער עסן און עס איז אויך געווען וואַרעמער. די הויזן מיט די שטיוול האָט ער דער מאַמען אַוועקגעגעבן, אַז זי זאָל קאָנען אַרומגיין אין די הייזער מיט אַ קאָרב ציבעלעס, כדי אַ ברויט אַהיימצוברענגען.

פון ניין יאָר אָן פאַרדינט חבר שלמה זיין אייגן שטיקל ברויט פאַר זיך, צוערשט מיט פעקלעך טראָגן פון דער באַן, שפּעטער מיט העלפן דער מאַמען די פויערישע פורן אָפּוואַרטן, איידער זיי קומען נאָך אין שטאָט אַריין אויפן מאַרק, און די פּאָר אייער אָדער אַ פּאָר הייפּטלעך קרויט, אַ פּאָר קערץ קאַרטאָפלעס אויפקויפן און אין די הייזער אַרומשלעפן. אין מלחמה־צייט איז ער אַלס זעכצן־יעריג ייִנגל פון די דייטשן פאַרשלעפּט־געוואָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט אין די קוילן־גרובן געאַרבעט. שפּעטער, ביים סוף פון דער מלחמה, האָט ער זיך געפונען אין אַ בלאָטיגן לאַגער איינגעזעצט אין האָלאַנד, וואו ער האָט די גרעניץ געגנבעט מיט דער דעה קיין לאָנדאָן אָדער קיין אַמעריקע זיך צו דערשלעפּן. דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט נאָך אַ פּאָר חברים, יונגע מענטשן פון פוילן, וועלכע האָבן זיך אין דעם אינטערניר־לאַגער אין האָלאַנד אויפגעהאַלטן. פון זיי האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט דעם חשק קיין ארץ־ישראל צו גיין. עס איז אים אייגנטלעך געווען אַלצאיינס וואוהין. זיי האָבן ביינאַכט געפּרואווט זיך אַרויסקריגן פון לאַגער דורך די גריבער און שטעכיגע דראָטן, אַ פּאָר וואָכן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די האַפנס פון האָ־לאַנד און בעלגיע. פון דאָרט האָבן זיי זיך מיט שלעפּ־שיפן אַלס הייצער איבער ימים אַרומגעוואַלגערט, ביז ער איז אַראָפּ־געוואָרפן־געוואָרן אין אַ גריכישן פּאָרט. דאַן האָט ער זיך קיין סיריע געלאָזט, אין ארץ ישראל אָן פּאַפּירן זיך אַריינגע־גנבעט.

צוערשט איז ער געווען אַ „בודד", דאָס הייסט, ער האָט געאַרבעט פאַר זיך ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט. „זיפזיף" (ים-שטיינדלעך, זשוויר) געשלעפּט אויף קעמלען פאַר נייע הייזער, ברונעמער געגראָבן. ער האָט אַפילו געפּרואווט זיין אַ שטרייק-ברעכער, ער האָט ביי אַ ייד, צוזאַמען מיט אַראַבישע שיקסעס, געגראָבן אַ פרדס, ביי וועלכן עס איז געווען אַ שטרייק. ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף חברטע לאה. זי איז אויך געקומען פון פוילן. זי איז געווען אַ דינסט אין אַ קליינעם האָטעל אין תל-אביב. זי האָט אים צוריקגעבראַכט אויפן דרך-הישר. זי האָט אים אויך אַריינגעבראַכט אין גדוד, פון וועלכן מען האָט באַהאַלטן זיין פאַרגאַנגענהייט. פון דענסטמאָל-אָן זענען זיי צוזאַמען. זיי זענען מאַן-און-ווייב. זי טראָגט אַפילו איצט אַ קינד אונטער איר האַרץ פון אים. זיי האָבן מורא-געהאַט דאָס אַרויסצוגעבן, טאָמער וועט מען זיי דערפאַר נישט וועלן אויפנעמען אין דער נייער קבוצה, וואו מען האָט ענדלעך אַמאָל די בלאָטעס אויסצוטריקענען פאַר זיך אַליין און אַליין זיך צו אַ שטיקל תכלית דערשלאָגן. באַהאַלט מען דאָס אויס, נאָר ווי מען קאָן, קומט מען זיך צוזאַמען. מען פאַרט זיך צוזאַמען ביי דער אַרבעט. מען כאַפּט אויך אַריין אַ האַלבע שעה אין אָוונט נאָכן עסן פאַרן שלאָפן-גיין, מען גנבעט זיך אַרויס צווישן די גרעזער... שפּעטער, ווען מען וועט זיך האָבן אַביסל איינגעאָרדנט, אָדער עס וועט אַזוי ווייט קומען מיטן קינד, אַז אַלע וועלן שוין דערקענען, וועלן זיי זיך מעלדן אין ועד אַלס מאַן-און-ווייב און בעטן אַ געצעלט פאַר זיך. דערווייל שלאָפט ער צווישן די בחורים, און זי מיט די בחורות. אַרבעטן, אַרבעטן זיי אָבער צוזאַמען. שלמה איז אָבער נישט קיין גלויביגער. ער האָט זיך געגוג אָנגעזען אין זיינע דריי-און-צוואַנציג יאָר, אַז ער זאָל האָבן צוטרויען צו מענטשן. אויך איצט, ווי ער שטייט אַזוי אין דער בלאָטע און מיט זיין טשופּרינע שוואַרצע האָר, צוזאַמענגעקלעפּט אין שווייס ביז אין די קליינע אויגן אַריין, וועלכע קוקן-אַפּער מיט אַרויספאָדערנדיגער פרעטענזיע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „פון מיינעטוועגן..." און מיט זיינע אויפגעריסענע ליפּן, איבער וועלכע עס שוועבט נאָך דער טעם פון ביטערקייט וואָס זיין

מזל האָט אים געגעבן צו פאַרזוכן, — דערלאַנגט ער זיין בחורה לאה די קאָנען בלאָטע און זאָגט צו איר:

— שלעפּ, לאה, שלעפּ די ארץ־ישראל־סחורה!...

— שווייג, שלמה, זיי וועלן דערהערן.

— וואָס זאָל איך שווייגן? פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין. מיר וועלן האָבן ס׳קדחת. די ערד וועלן סיי־ווי־סיי די רייכע באַקומען.

— וואָס רעדסטו? דאָס איז דאָך אונזער קבוצה. פאַר אונז שלעפּסטו דאָך די בלאָטע!

— וואָס איז דיינס, דער דלות? וואַרט, וואַרט, זאָלן מיר נאָר די בלאָטע אויסטריקענען, וועלן זיי דיר אַ פייג ווייזן. מען וועט די ערד פאַרצוקערן פאַר די גבירים. דיר וועט מען געבן ס׳קדחת!

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן. כאַימאָוויטש און נירקעס... עס איז דאָך אונזער ערד!

— כאַימאָוויטש, נירקעס, חברטע שרה — גיי, ס׳איז איין באַנדע! דער גדוד, דער קאָמיטעט אין ירושלים, מען פאַר־קויפט שוין אין גלות די ערד, וואָס מיר טריקענען אויס.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

— איך זאָג דיר, לאה, לאָמיר מאַכן פיס פון דאַנען, איידער מיר פּטרן דאָס געזונט, אַזוי לאַנג ווי די פיס טראָגן אונז נאָך. ווען דאָס קדחת וועט דיך אָנכאַפּן, וועט שוין זיין צו־שפּעט!

— די טראַקטאָרס זענען דאָך שוין דאָ אויף דער סטאַנציע, דער גדוד האָט צוגעשיקט. אין אַ פּאָר טעג אַרום שטעלן מיר זיך שוין אָקערן. כאַימאָוויטש האָט עס דאָך נעכטן אויף דער אסיפה דערקלערט.

— דאָס וויל מען דיך אַזוי אָפּנאַרן מיט די טראַקטאָרס, כדי דו זאָלסט האָבן מער חשק די בלאָטעס צו שלעפּן. אַז עס וועט קומען דערצו, וועלן זיי די ערד פאַרקויפן אויפן דונאַם, און דו וועסט בלייבן אינדרויסן, ווי זיי האָבן עס שוין אַזוי פיל מאָל געטון.

— שלמה, הער־אויף! דו ווייסט, אַז איך האָב נישט ליב, ווען דו רעדסט אַזוי. אַלע חברים אַרבעטן און האָבן

צוטרוי צו כאַזמאַוויטשן און צום ועד, האָבן מיר אויך צוטרוי. וואָס ס'וועט געשען מיט אַלע, וועט אויך מיט אונז געשען. ביסט אַ חבר פון גדוד אָדער ביסט נישט?

פאַר ווּעמען ער האָט נישט מורא — פאַרן ועד נישט, פאַר די ירושלימער גדולים און פאַר דעם גאַנצן גדוד מיט כאַזמאַוויטשן אין דער שפּיץ אויך נישט, — אָבער פאַר זיין בחורה האָט דער יונג פּחד. וויפל דאָס לעבן איז נישט גע־ווען ביטער צו אים און האָט ביי אים אָפּגעסמט דעם צוטרוי צו מענטשן, איז עס נישט געווען בכוח אויסצוראָטן פון אים דאָס געפיל פון ליבע. וואָרים זי איז די איינציגע, וואָס האָט אים באַשאַנקען מיט דעם געפיל פון צוגעהעריגקייט, וואָס די נויט האָט אַזוי פרי ביי אים צוגערויבט. צו זיין אייגענער משפּחה און אַפילו צו זיין אייגענער מוטער האָט ער קיינמאָל נישט פאַרמאָגט דאָס צוגעהעריגקייטס־געפיל ווי צו איר. פון דאַמאָלסט־אָן, פון יענעם אָוונט אָן ביים ברעג ים אין תל־אָביב, ווייט־אַרויס צום ירקון־צו, וואָס איז דאַמאָלסט געווען אַ זאַמד־וויסטע, ווען זי האָט זיך אים איבערגעגעבן אָן יע־דער פאַרשפּרעכונג, איז זי זיינע. זי האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען און געפירט אים צום „רויטן הויז", וואָס שטייט אויפן ברעג פון ים אין תל־אביב, וואו דער ועד איז געזעסן, אים פאַרשריבן אַלס חבר פון גדוד, און געזאָגט צו אים אויפן וועג אַזוי: „שלמה, אַ מענטש מוז צו ווּעמען געהערן, מער נאָך אונזערס איינער, וואָס האָט קיינעם נישט", — פון דענסטמאָל־אָן ווייסט ער, אַז ער איז נישט מער אַליין, ווי ער איז עס ס'גאַנצע לעבן געווען, נאָר ער געהערט זיך צו ווע־מען אָן. ער בריקעוועט זיך נאָך, פון צייט־צו־צייט קומט צו־ריק דער ים פון פאַרלאָזנקייט און וויל אים מיטנעמען צוריק מיט זיינע כוואַליעס, אָבער עס איז גענוג, אַז זיין בחורה זאָל אויף אים איין בליק געבן מיט אירע פייכטע ביר־אויגן און דערמאָנען אים מיט אַ שטומען שווייגן פון אירע פאַר־מאַכטע ליפּן דאָס, וואָס ער איז געווען, אַז ער זאָל דערזען דעם טיפן אָפּגרונט, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען און פון וועלכן זי האָט אים אַרויסגעשלעפּט, — און ער באַרואיגט זיך.

— איך זאָג דען עפּעס? איך זאָג דאָך גאָרנישט. איך

מיין גאָר, אַז ווען עס וועט קומען דערצו און מיר וועלן שוין האָבן דעם עמק אויסגעטריקנט...

– גאָרנישט זאָגסטו. שווייג! – האָט זי אים באַפוילן מיט יענער קראַפט פון צווינגענדער ממשלה, וואָס זי האָט געוואונען איבער אים דורך איר איבערגעגעבנהייט. – וואָס אַלע חברים וועלן טון, וועסטו אויך טון.

– שוין, נאַ, כאַפּ דעם אוצר, וואָס די אבות האָבן דיר איבערגעלאָזט! – דערלאַנגט ער איר אַרויס די קאַן בלאַטע, וואָס ער האָט אָנגעפּולט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען די פּייערונג פון דער גרויסער מאורה. ווען מען האָט מבער-חמץ-געווען דעם עמק, האָט זיך חבר שלמה מער באַטייליגט מיטן שרייען אויפן קול און מיטן טאַנצן די האָראַ, ווי אַנדערע חברים.

נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעצויגן די שטייענדיגע וואַסערן אין דער פעסט-געלייגטער קאָרעטע פון דעם טייכל, האָט די ערד געטריקנט אונטער זייערע הענט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן שוין אַזאַ גרויסן שטח פון עמק אויסגעטריקנט, אַז זיי קאָנען אויף אים פאַרזייען די ווינטער-תבואות נאָך איידער די רעגנס קומען-אָן. דענסטמאָל האָבן זיי אַרומגעשניטן די גרענעצן פון אויסגעטריקנטן שטח, אָוועקגעשטעלט היטערס פון אַלע זייטן און אונטערגעצונדן די גראָזן. די אויסגעשטעלטע וואַכן און די אויסגעגראָבענע גריבער האָבן געהאַלטן אין קאָנטראָל דאָס פייער, אַז עס זאָל נישט אונטערצינדן זייערע געצעלטן מיטן גאַנצן דערוואָרבענעם „משק”, אָדער עס זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויף דעם נישט-אויסגעטריקנטן שטח און אונטערצינדן דעם גאַנצן עמק.

עס איז געווען אַן אַנבליק, וואָס האָט אַרויסגערופן די פאַרשלאָפענע אַראַבער פון זייערע הייזלעך אויפן באַרג. שכנים זענען זיך געקומען צוזאַמענצולויפן פון אַלע ראַנדן פון עמק – פיל אַראַבערקעס באַהאַנגען מיט אומצאָליגע געלט-קייטן אויף העלזער און הענט, מיט אַן אַ שיעור קמיעות, מיט נאַקעטע פיס און פאַרשטעלטע און אָפענע פנימער; און אַראַבער אויף פערד זענען געקומען פון ווייט; בעדוואינער, פאַרזונקען צווישן

די גראָזן פון עמק, זענען אַרויסגעיאָגט-געוואָרן מיט זייערע סטאַדעס שאָף. דאָס פייער איז געגאַנגען אין הימל אַריין. עס האָט געברענט די טויזנט-יעריגע פאַרווילדונג, וואָס דער מדבר און די פאַרלאָזנקייט האָבן פאַרזייעט. דאָס פייער האָט גע-קנאַקט און געקנאַלט מיט טויזנטערליי משונהדיגע קולות, ווי די רוחות, וועלכע האָבן געוואוינט אין אים, וואָלטן אויסגע-קלאָגט זייער ווידוי-געשריי אין דער פאַרניכטונג פון דער וויסטע. בינען, פליגן און אַנדערע אינזעקטן האָבן זיך געהויבן פון פייער, געבילדעט וואָלקנדלעך און זענען צוריקגעפאַלן אין די פלאַמען. עס זענען געשפרונגען מאָדנע באַשעפענישן פון די פייערן אַרויס, גרינע יאַשטשערקעס, זשאַבעס און אַנדערע שרצים. זיי זענען געשפרונגען און צוריקגעפאַלן אין די פלאַמען. גאַנצע סטאַדעס שוואַרצע קראָען, ווי פליענדיגע טיי-וואָלים, האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך אָוועקגעטראָגן, ווי זיי וואָלטן געוועזן די רוחות פון פאַרוויסטונג, וואָס טרעטן-אָפ זייער אָרט פאַרן ישוב. ביינאַכט האָבן זיך געהויבן די צונגען-פייער און באַלויכטן די געגנט אַרום און אָנגעזאָגט די שטומע וויסטע בערג, אַז דער מענטש איז געקומען צוריק אין זיין מקום, און פון די פייערן אַרויס האָבן די שאַקאַלן אַרויסגע-וויינט זייער לעצט געוויין איבער דעם טויט פון דעם מדבר...

גאַנצע נעכט איז מען געשטאַנען אויף דער שמירה אי-בער דעם פייער פון דער וויסטע. אין אַ פאָר טעג אַרום, ווען די פלאַמען-צונגען האָבן נישט מער געהאַט קיין נאַרונג, זע-נען זיי פאַרשוואונדן-געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן, און עס האָט זיך אַנטפלעקט דאָס פנים פון דער ערד, מיט אירע פיל-פאַר-שפרעכנדיגע האָפענונגען און ברכות. זי איז געלעגן אויסגע-שפרייט, ווי אַ נאַקעטע בתולה, און האָט זיך געבעטן מקודש-צו-ווערן צום מענטש... אויף איר אויבערפלאַך האָבן זיך אַרומ-געוואַלגערט שטיינער, גרויסע און קליינע, סקעלעטן פון שטי-קער אברים פון חיות, וואָס זענען פאַרברענט-געוואָרן, רעשטן פון חורבות. אָבער זיי זענען נאָר געווען אינזלען פון פאַרוויסטונג אין דעם ים פון פרוכטבאַרער שוואַרצער פאַלכע, און מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער מדבר האָט צוריקגעגעבן דעם פקדון, וואָס די פריערדיגע דורות האָבן אים אָנפאַרטרויט אויף

איבערצוענטפערן זייערע קינדער, ווען זיי וועלן צוריקקומען אין לאַנד אַריין.

צוויי טראַקטאָרס און זעקס אַקעראײַזנס, צוגעשפּאַנט צו פּרידות, זענען צום ערשטן מאָל אַרויס איבערן נאַקעטן קערפּער פון טאָל און האָבן מיט זייערע אײַזערנע מעסערס זיך אַרײַנגעשניטן אין דעם טיפן בתולהדיגן לײַב פון דער אויפגעדעקטער ערד, — צו דער דערשטוינונג פון די אַראַבישע שכנים, וועלכע זענען אַרויסגערופן־געוואָרן פון זייערע פאַרשלאָפענע כאַטנעס דאָס בייזע וואונדער צו זען, ווי דער „נאַקעטער שבט" באַאַקערט די ערד מיט אײַזערנע פערד.

אין דעם אָוונט פון טאָג, אין וועלכן מען האָט די זכיה־געהאַט צום ערשטן מאָל דעם אַקער־אײַזן אין דעם לײַב פון עמק אַרײַנצושנײַדן, איז געפײַערט־געוואָרן אַ גרויסע שמחה. די חברים האָבן זיך נישט געקאָנט באַרואיגן, ווי זיי וואָלטן דאָס געשריי פון דער עוולה אין גלות און דאָס געזאַנג פון אויסלייז געוואָלט אויסשרייען און אויסזינגען אין דעם חלל אַרײַן פון דעם באַפרייטן עמק. די לײַבער, צוגעשמידט איינס צום אַנדערן דורך שנירן פון איין עבר און איין עתיד; די לײַבער, צוגעשמידט איינס צום אַנדערן דורך שנירן פון איין מזל און איין גורל, האָבן זיך געהאָלזט און געאָרעמט און געשפּרונגען אין אַ ווילדן טאַנץ. די שטערן זענען גרויס־געווען און די נאַכט איז געווען טרוקן אין דער שפּעטער חשוון־צײַט. דער הימל איז געווען זייערער, דער אַלטער ארץ־ישראל הימל. איצט איז אויך די ערד געוואָרן זייערע...

קאַפּיטל 10

# דער גשם

איבער דעם בלויען הימל פון עמק, וועלכער האָט תמיד זיין חשמל־ליכט פאַרשפּרייט מיט אַ פאַרשווענדערישער האַנט איבער דער ערד, איבער דעם בלויען אומבאַפלעקטן הימל האָבן אָנגעהויבן אָנצוציִען שווער־באַלאָדענע, ווייס־בלוי־לעכע, מיט זילבער־אָפּגעזוימטע וואָלקנדלעך. זיי האָבן געוואָרפן זייערע שאָטנס איבער דעם טאָל. פון ים זענען זיי אָנגעקו־מען, נאָר דאָסמאָל זענען זיי נישט געגאַנגען זייער וועג צום ירדן און פאַרשוואונדן הינטער די בערג, ווי תמיד. ניין, דאָס־מאָל זענען די וואָלקנדלעך געבליבן הענגען איבער דעם עמק, ווי סטאַדעס שאָף, וואָס וואָלטן געפונען גוטע פּאַשע און זיך אָפּגעשטעלט דאָ פּיטערן...

חברה איז געווען פאַרשפּרייט אינדרויסן אויפן פעלד, וואָס מען האָט פון הארץ פון עמק אַרויסגעשניטן. נאַקעטע, אָנגעסט־באַגאָסענע, גלאַנציקע רוקנס און ברוסטן האָבן זיך גע־בויגן, געהויבן, זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די אַקערס. גרויסע שטחים זענען שוין געלעגן אויפגעפּראַלטע און האָבן מיט שוואַרצער ערד געקוקט אין הימל אַריין. איבער דעם פעלד איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערישע טעטיגקייט. טייל האָבן געאַקערט, אַנדערע האָבן געזייעט, פיל זענען געווען פאַרנומען מיט אויפ־קלויבן שטיינער, נאָך אַנדערע זענען ווייטער געווען פאַרנומען מיטן אויסטריקענען די בלאָטעס, מיט אָפּציִען שטייענדיגע וואַסערן אין פליסנדיגע קאַרעטעס. אינמיטן פון דערדאָזיגער

אַרבעט האָט זיך חבר כאַ:מאָוויטש אויסגעגלייכט פֿון הינטער דעם אַקער, אויפֿגעהויבן זיין דאַר פּנים מיט דער עקיגער באָרד און פֿאַרוואָרפֿן אין הימל אַריין, אָנגעוויזן די חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אים אין שכנות:

— איר זעט, ווער עס קומט אָן? — דער גשם! דער רעגן שטייט שוין הינטער אונזער טיר!

ביז צום רעגן האָט מען נאָך געמוזט פֿיל זאַכן, פֿיל וועלטן מתקן-זיין. קודם-כּל האָט מען באַדאַרפֿט די טויזנט דו-נאָם לאַנד, וואָס מען האָט אויפֿגעאַקערט, פֿאַרזייען מיט האָ-בער און ווייץ, עס זאָל זיין ברויט פֿאַר מענטש-און-בהמה. פֿאַרן גרינס-גאָרטן זאָרגן די בחורות, אָבער וואָס טוט מען מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ? די אַראַבער, וועלכע האָבן געזאָלט אָפּריינִיגן די פֿאַרלויזטע כאַנען אויפֿן באַרג, רירן זיך נישט פֿון אָרט, אַז מען זאָל צום ווינציגסטן קאָנען די פּאָר קראַנ-קע, וואָס געפֿינען זיך אין דער קבוצה, אונטער אַ שוץ ברענ-גען. דער קליינער יודקעוויטש פֿיבערט אַלץ, ער האָט זיך געפּרוּאווט אַרויסרייסן צו דער אַרבעט אין פֿעלד און מ'האָט אים געמוזט צוריקברענגען, אַראָפּטראָגן אים פֿון דער אַרבעט. אַזאַ מזל האָט ער שוין! און וואָס וועט זיין מיט חברטע שרהס געצעלט? חברטע שרהס געצעלט איז אויסגעוואַקסן צו אַ כּרך גדול, עס איז אַרומגעיוירן-געוואָרן מיט קליינע בייד-לעך און געצעלטלעך. נישט נאָר האָבן זיך אין דעם געצעלט געפֿונען די קיך און די פּראָוויאַנט-קאַמער, די וועשעריי, דער שניידער-וואַרשטאַט, די זיצונגען פֿון ועד, די ביוראָ פֿון דער קבוצה, דער שפּייז-זאַל, דער טאַנץ-זאַל, נאָר עס איז אויך געוואָרן די היים פֿון אַלעמען. חברים קלעפּן זיך צו דעם געצעלט, ווי הינדלעך אונטער דער מוטערס פֿעדערן בשעת אַ רעגן. זיי ווילן נישט אָפּטרעטן פֿון חברטע שרהס קיך. און דאָס גאַנצע געצעלט שטייט נאָך דערווייל אויף הינערשע פֿיס-לעך פֿון אַריינגעקלאַפּטע פּלאָקנס אין דער ערד, פֿון איין זייט אַ ווענטל מיט געפֿלאָכטענע צווייגן און בלעטער, און באַדעקט איז דאָס אינגאַנצן מיט אַ גרויסן לייוונט. אַזוי, אַז ווען דער ערשטער ווינט קומט, הייבט ער אויף די לייוונט, צעפֿירט די ווענטלעך און עס איז אויס היים!

דעם אָוונט נאָך דער אַרבעט איז אויף דער אסיפה פיל דיסקוטירט-געוואָרן וועגן דעם ערשטן צריף (באַראַק), וואָס איז נויטיג אויפצושטעלן, איידער די רעגנס קומען-אָן. אַלע האָבן מסכים-געווען, אַז מען מוז די היים פאַרזיכערן. אַז חברטע שרהס געצעלט איז דער וויכטיגסטער פונקט פון דעם ישוב, ער נעמט אַלעמען אַריין אונטער זיינע פליגל, ווי אַ הון אירע הינדעלעך. און מען דאַרף שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דעם לייוונטן געצעלט מיט די אָנגעוואַקסענע און אָנגעווירענע דעכלעך און ווענטלעך, וואָס זענען אַרום אים אָנגעוואַקסן און וואָס דער ערשטער ווינט וועט זיי אַראָפּטראָגן. מען דאַרף אויפשטעלן אַן אמתן צריף פון האָלץ, מיט אַן אָפּטיילונג פאַר דער קיך, אַז עס זאָל זיין אַ גרויסער מקום-מקלט פאַר די חברים, וואו זיי זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקומען און אָפּעסן ווי מענטשן און אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג אָדער שפּילן אַ דאָמינע, לעזן אַ בוך, שרייבן אַ בריוו נאָך דער אַרבעט, מיט איין וואָרט — אַ ריכטיגע היים. דאָס וועט אויפעסן אַ גרויסע טייל פון בודזשעט, וואָס דער קאָמיטעט אין ירושלים האָט פעסטגעשטעלט פאַר דער ערשטער צייט, ביז די תבואות וועלן רייף-ווערן. וואָרים מען האָט זיך גערעכט אויף די אַראַבישע הייזלעך, אַז מען וועט פון זיי קאָנען אויסשטוקעווען אַ קיך מיט אַ פאַרזאַמלונגס-אָרט; אָבער, ערשטנס, זעט מען נישט, אַז די אַראַבישע כאַנען זאָלן ווערן אָפּגערוימט נאָך פאַרן רעגן, און צווייטנס, זענען זיי אַזוי פאַרלויזט, מיט אַזויפיל פליי און ווערים, אָן טירן און פענסטער, און אַזויפיל מיסט איז אַרום זיי אָנגעוואָרפן, אַז חברים, וועלכע האָבן זיי באַטראַכט, האָבן באַשלאָסן ליבערשט איינדרויסן אויפן רעגן צו הויזן, איידער אין אַזאַ הייזל איינצוויניג. פאַרפאַלן, מען וועט מאַכן עקאָנאָמיע אויף עפעס אַנדערש, מען קאָן אויסשטרייכן דאָס רויכערן. ניין, רויכערן נישט, אַ פאַפּיראָסל דערהאַלט דאָס חיות אין אַ רעגנדיגן טאָג; מען קאָן איינשפּאָרן אויפן עסן. מען וועט זיך באַגנוגן-לאָזן מיט ברויט און טיי, אָן קאַרטאָפּלעס און באָבעלעך; מוחל דאָס אָנרייסעכץ פון די ציבעלעס, וואָס זענען סיי-ווי-סיי שטענדיג פאַרברענט און מען קאָן עס נישט נעמען אין מויל

אַריין, אַבי צו האָבן אַ שטיקל ריכטיגע היים, נאָך וועלכער אַלע בענקען.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די חברטע שרה, וועלכע איז געווען אַ מומחהטע אויף די זאַכן. זי האָט געזאָגט, אַז איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעגעסן צו דער זאַט מיט באָבעלעך און קאַרטאָפלעס, האָבן זיי גרויסע מיילער. אַז די חברים וועלן נישט עסן, וועלן זיי נישט האָבן קיין כּוח צו אַרבעטן. ניין, אויף עסן קאָן מען קיין עקאָנאָמיע נישט מאַכן. איז דעריבער געגרעדט-געוואָרן, אַז אַ טייל חברים זאָלן גיין אין שטאָט אַריין אויף פאַרדינסט און אַרבעטן ביי וואָס עס וועט זיך לאָזן, און אונטערשטיצן די קבוצה. „ניין, דאָס איז אויך נישט קיין פּלאַן", – האָט זיך אָנגערופן כאַימאָוויטש. — „אין די רעגנס וועט מען באַדאַרפן זאָרגן וועגן דעם וועג צו דער באַן-סטאַנציע, וואָרים אַנישט וועט מען ווערן אָפּגעשניטן פון אַ ישוב. און ווער זאָגט דאָס, אַז מען קאָן נישט אין רעגן פעלד-אַרבעט טון? וואָס זענען מיר, פון צוקער? מיר וועלן צעגיין? טאַקע אין די רעגנס קאָנען מיר ווייטער ציען דעם קאַנאַל פון טייכל."

הידד פאַר כאַימאָוויטשן! ער זאָל מאָרגן פאָרן קיין חיפה אַדורכרעדן זיך מיטן ועד און טאַקע באַלד ברענגען די ברעטער פאַרן צריף. אָבער וואָס עפּעס איין הייזל? און וואו זענען די קראַנקע? אַז די אַראַבער זאָלן טאַקע נישט אָפּרוימען די כאַנען, וועט אויסקומען די קראַנקע איבערצוהאַלטן די רעגנס אין די קאַלך-גריבער, אין וועלכע זיי ליגן. צי ווייסן זיי נישט, אַז אַ חוץ דעם קליינעם יודקעוויטש געפינען זיך שוין פינף חברים און דריי חברטעס אין די קראַנקן-געצעלטן?— „ניין, דאָס ערשטע הייזל באַדאַרף מען אָוועקשטעלן פאַר אַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע", — רופט זיך אָן דער סאַניטאַר. אַלע חברים גיבן אים גערעכט מיט פאַרשעמטקייט, וואָס מען איז אַזוי עגאָיסטיש-געווען און צוליב דער אייגענער היים פאַרגעסן אָן די קראַנקע. ניין, דער ערשטער צריף מוז ווערן אויפגעשטעלט פאַר די קראַנקע, ווערט באַשטימט.

— און איך מיין, אַז דאָס ערשטע הייזל מוז מען גאָר

אויפשטעלן פאַר קימפּעטאָרינס! — רופט זיך אָן יוחנן הסנדלר.

אַלע קוקן אָן דעם שוסטער יוחנן הסנדלר און מיינען, אַז ער מאַכט אַ שפּאַס. וואו האָט ער דאָ קימפּעטאָרינס? וואו וועט ער נעמען די קינדער פאַר דער קינדער־היים? אָבער דער שוסטער איז דאַסמאָל טויט־ערנסט.

— איידער, חברים, איר וועט אייך אומקוקן, וועלן מיר דאָס ערשטע קינד האָבן אין דער קבוצה. איך ווייס, וואָס איך רעד, און איך וואָלט אייך געעצהט, אַז איר זאָלט שרייבן צום ועד, אַז אָנשטאָט אַ רב, זאָלן זיי אונז בעסער שוין שיקן אַ מוהל!

חברים מיינען נאָך אַלץ, אַז יוחנן הסנדלר וויצלט זיך.

— ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט! — רופט זיך אָן עמיצער.

— איך ווייס שוין גאַנץ גוט! — ענטפערט־אָפּ דער שוס־טער און חורט־איבער נאָכאַמאָל: — עס געפינען זיך צווישן אונז חברטעס, וועלכע זענען שוין אין די הויכע חדשים. זיי מוזן זיך געפינען אונטער אַ שוץ בעת די רעגנס!

און אייניגע חברטעס, וועלכע קענען זיך אויף די זאַכן, זענען מסכים צום שוסטערס ווערטער שווייגנדיגערהייט. און חברטע לאה, דעם חבר שלמה מוראַווסקיס ווייב, הויבט זיך אויף און פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג. נאָך אַ חברטע אָדער צוויי טוען איר נאָך דאָסזעלבע. עולם מאַכט זיך נישט באַמערקן. אָבער עס איז שוין מער קיין סוד נישט: עטלעכע חברים האָבן מיטגעבראַכט זייערע ווייבער מיט „די בייכער צווישן די ציין". אַ הויז פאַר די טראָגעדיגע חברטעס — דאָס איז דער ערשטער חוב. הידד פאַר יוחנן הסנדלר! ער האָט טאַקע אָן אויג אויף אַלעם.

— איך האָב שוין, — זאָגט ער, — די ערשטע קינדער־קאַפּאָטע צוגעשניטן!

— הידד פאַר די קינדער פון אונזער קבוצה!

און דאָס גיט אַ געלעגנהייט פאַר אַ טאַנץ.

ניין, מיט דער „היים", זעט־אויס, וועט מען דאַרפן אַביסל צואַוואַרטן. דאָס ערשטע הייזל מוז מען צונויפקלאַפּן

פאַר אַ שפּיטאָל, פון דעם איז אָפּגערעדט. און ווען עס האַלט שוין אַזוי ווייט מיט אונזערע בחורות, באַדאַרף מען האַלטן אָנגעגרייט אַ הייזל פאַר די טראָגעדיגע ווייבער, זיי קאָנען זיך נישט געפינען אין די ביידלעך בעתן רעגן.

כאַזמאָוויטש איז געפאָרן אין שטאָט אַריין אַדורכרעדן זיך מיטן ועד. אין אַ פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען דער טראַנספּאָרט ברעטער. חברה האָט זיך גענומען אויפשטעלן די צריפים. צום ערשטן איז פאַרטיג-געוואָרן דאָס ביידל פאַר די קראַנקע, באַדעקט האָט מען עס מיט צינקבלעך, און אַהין האָט מען אַריינגעטראָגן די קראַנקע. מען האָט עס אַ נאָמען-געגעבן „קופּת-חולים". מ'האָט אַ צווייט הייזל אויפגעשטעלט, אין וועלכן די צוקונפטיגע מוטערס פון נייעם ישוב האָבן אַריינגעשטעלט זייערע בעטלעך. פון די איבעריגע ברעטער און דרענגלעך האָט מען, ווי ס'האָט זיך געלאָזט, מתקן-געווען דער חברטעס שרהס געצעלט. קודם-כל האָט מען די ווענטלעך פון צווייגן אויסגעטוישט אויף ברעטער, — פון איין זייט ברעטער און פון די אַנדערע זייטן מיט לייוונט, — אַ שעטנז, האַלב-דירה, האַלב-סוכה. און אַזוי אויך דער דאַך: האַלב האָט מען אים פאַרדעקט מיט צינקבלעך, — דאָס איז געווען פאַר די פּראָוויאַנטן צו באַהאַלטן; פאַר זיך, פאַר דער קיך און עס-צימער האָט מען זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט לייוונט, באַלייגט מיט געפלאָכטענע גראָזן, ראָגאָזשעס און זעק. קיין היים איז טאַקע נאָך נישט געווען, אָבער אַ הרחבה איז געקומען. די קיך איז צוויי מאָל אַזוי גרויס-געווען, און בשעת הדחק האָט זיך אַ העלפט חברים געקאָנט געפינען אינעווייניג. דערפאַר אָבער האָט מען אָפּגעשפּאָרט אַ פאָר ברעטער פאַר אַ פּראָוויזאָרישן טיש און פאַר צוויי לאַנגע בענק. אָבער דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס מ'האָט אויך איינצייטיג אָנגעלעגט אויף חברטע שרהס געצעלט (וואָס חברטע שרהס געצעלט האָט אַלץ געמוזט אויסהאַלטן!) די ערשטע שטאַל פאַר די מויל-אייזלען איבערצווינטערן, — די שטאַל איז באַשטאַנען פון פיר פלאָקנס אין דער ערד אַריינגעקלאַפּט, מיט אַ פּראָוויזאָרישן דאַך פון ראָגאָזשעס און זעק. און אַזוי אויסגעשטאַטעט, מיט די צוקונפטיגע

מוטערס און קראַנקע אונטער אַ שיצנדיגן דאַך, האָט מען זיך געריכט אויף די רעגנס.

דערווייל האָבן זיך די וואָלקנדלעך אין הימל אַלץ גע־קליבן, וואָס אַמאָל זענען זיי דיקער־געוואָרן, יעדעס מאָל זענען נייע אָנגעלאָדענע, אָנגעבלאָזענע בייכיגע וואָלקנס אָנ־געקומען, געוואַליעט זיך איינס אויפן אַנדערן, געמישט זיך, צוזאַמענגעפּאַרט זיך, באַהאַפטן זיך און געוואָרן איין „געדיכט־קייט..." אַ טונקעלער שאָטן האָט שוין איצט צוגעדעקט דעם עמק, סיי דאָס שטיק, וואָס איז געלעגן מיט זיין אויפגעדעקטן ערד־לייב, און סיי דאָס שטיק, וואָס איז נאָך געווען פאַרהוילן אונטער דער גראָזיגער דעק. די וואָלקנס אין הימל זענען גע־גאַנגען וואָס אַמאָל ווייטער. זיי האָבן שוין דערגרייכט איצט די שפּיצן בערג און באַהאַפטן זיך מיט זיי, און מיט זיי איז מיטגעגאַנגען דער שאָטן איבער דער ערד און געוואָרפן זיינע פליגלען וויט־אַרויס צו בית־שאן. אַ שטילקייט איז געקומען איבער דער וועלט און אַ געשפּאַנטע וויכטיגקייט, דער חלל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט עלעקטריציטעט. מען האָט געמיינט יעדעס מאָל, אַז אָט ברעכן־צוזאַמען די וואָלקנס איבערן הימל און עס פאַלט דער רעגן אַראָפּ, נאָר קיין טראָפּן האָט מען נישט געזען.

איינמאָל ביינאַכט, ווען חברה זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף די פעלד־בעטלעך אין זייערע געצעלטן און געשלאָפן דעם שלאָף פון די געריכטע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, האָט זיך דערהערט אַ רעש. מען האָט צוערשט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז. מען האָט געמיינט, אַז אינדרויסן האָט אַ וואַלד גע־קראַכט און איז צוזאַמענגעבראָכן. עס איז געווען איין־איינצי־גער קוויטש, וועלכער האָט געטראָגן אין זיך דאָס געשריי פון די בערג, דאָס ברומען פון די גרעזער אין עמק, אַ געוויין פון חיות, אַ מיאַוטשען פון שאַקאַלן, אַ זשומען פון אינ־זעקטן, — אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען אין איין ווילדן ווירבל־דיגן געוואַלד. דערנאָך איז שטיל־געוואָרן, און אַ פינסטערניש, ווי דאָס פינסטערניש פון פאַר־דעם־באַשאַף, האָט צוריק די ערד באַדעקט, און אויך אַ שטילקייט — ווי פאַרן באַשאַף. מיט אַמאָל האָט זיך דער הימל געעפנט, ווי אַ פייערדיגע שווערד

וואָלט מיט אַ בליץ־שניט זיין האַרץ אויפגעעפנט, אַ ווירבלדי־גער דונער מיט אַן אויסלייז־געשריי איז איבער דער וועלט אַדורכגעגאַנגען, און שוין איז עס געשען...

הונדערטער רוחות האָבן זיך אַנגעטשעפּעט אין די פיר פלאַקנס פון די געצעלטן און זיי געטרייסלט, אויפגעפּראַלט די לייוונט און אויפגעדעקט זייער באַדעקעכץ. נאָר איידער די בחורים האָבן נאָך צייט־געהאַט צו קומען צו זיך, האָבן זיי גע־הערט, ווי הונדערטער פויסטן קלאַפּן איבער זייערע לייוונטענע געצעלטן, און שוין זענען זייערע בעטן געשטאַנען אין קאַלו־זשעס וואַסער. עס איז נישט געווען קיין רעגן, עס איז געווען אַ מבול, ווי די הימלען וואָלטן זיך אויפגעעפנט און אַלע ימים וואָלטן זיך פון זיי אויסגעגאָסן אויף דער ערד אַראָפּ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין אַלץ נאַס־געווען, די ליילעכער, די קאָלדרעס און די קישנס אַדורכגעווייקט, און מען איז געצוונגען מיטן בעט אין אַ טייך. מען איז אויפגעשפּרונגען אינדערהויך, געזוכט אַ שיצונג, אָבער דער ווינט האָט געטראָגן די לייוונטן פון די געצעלטן. מען האָט פלינק געכאַפּט אויף זיך די הויזן, די שיך, די העמדער, — אַלץ איז געווען אַדורכגעווייקט פון רעגן, — מען האָט זיי נישט געקאָנט אויפן נאַסן לייב אַרויפ־שלעפּן. און אַזוי ווי מען איז אַרויסגעשפּרונגען פון די נאַסע בעטן נאַקעטע, איז מען אַנטלאָפן פון די געצעלטן, טייל נאַ־קעטע, טייל אַרומגעוויקלטע אין די קאָלדרעס, און געזוכט שוץ אין חברטע שרהס געצעלט.

חברטע שרהס געצעלט איז שוין איבערפולט־געווען מיט אַדורכגעווייקטע בחורים און בחורות. טייל האָבן געהאַט אויף זיך אָנטועכץ, אַנדערע זענען געווען איינגעהילט אין קאָלדרעס. פון אַלע הויזן און ספּאָדניצעס איז דאָס וואַסער געראונען אין די שיך אַריין. חברטע שרהס נעסט איז באַלד אָנגעפולט־געוואָרן מיט אַדורכגעצוואָגענע גופים, וועלכע האָבן געזוכט איינס דאָס אַנדערע צו דערוואַרעמען. יוחנן הסנדלר האָט צו דער חברה געשריען:

— נו, וואָס שטייט איר ווי די לעמעלעך און ציטערט?

אַנו, לאָמיר פּרואוון, ווער עס וועט וועמען איבערשרייען, מיר דעם ווינט אָדער דער ווינט אונז?

און ווי עס איז נישט געווען קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ, האָט זיך שוין געהערט דאָ-און-דאָרט אַ ברומען: „עם ישראל חי", און אַ פלעכטן זיך פון נאַסע אָרעמס און לייבער צוזאַמען. חברטע שרהס געצעלט איז באַלד פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַ קאַלוזשע פון וואַסער, אין וועלכער אַדורכגעצוואָגענע מענטשן האָבן זיך געדרייט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. אָבער אינמיטן דעם איז אַריינגעקומען צו לויפן חבר כאַזמאָוויטש, אַן אָפּגע-צוואָגענער, מיט אַ צוגעקלעפּטער טשופּרינע צו זיין שטערן, און האָט הויך אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ טאַנצן, חברים, דער ווינט וועט אונז די געצעלטן אַוועקטראָגן, קומט-אַרויס! — און ער איז שוין נישטאָ.

באַלד האָט זיך דאָס טאַנצן איבערגעריסן, דאָס געזאַנג איז פאַרשטומט-געוואָרן, און איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי אַרויס אין דער שטורעמדיגער נאַכט, געקראָכן אין די קאַלו-זשעס וואַסער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף דעם ליימיגן פעלד. זיי האָבן זיך איינגעוויקלט אין דעם געצעלט-ליוונט,—וואָס דער שטורעם האָט אָפּגעריסן פון די פלאָקנס, — כדי דער ווינט זאָל עס נישט אַוועקטראָגן, און אַזוי איז מען געשטאַנען אויף שמירה איבער די געצעלטן. דער שטורעם האָט געפליאַסקעט מיט רעגנדיגע בייטשן איבער די נאַקעטע לייבער. אָבער ביי אַלע-מען איז געווען דאָס געפיל, אַז די קראַנקע חברים און די צוקונפטיגע מאַמעס געפינען זיך אונטערן שוץ...

מיטן אויפברעכן פון מאָרגן האָט זיך דער רעגן איינגע-שטילט. באַרואיגטע וואָלקנס האָבן זיך פריי געצויגן איבער דעם הימל, די דורשטיגע ערד האָט מיט הונדערטער מיילער איינ-געזויגן אין זיך די פייכטקייט. די ערשטע זאַך האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן אין „משק", צי דער שטורעם האָט, חלילה, קיין שאָדן נישט געמאַכט. מען איז בלויז אָפּגעקומען מיט אַ פאָר אָפּגעריסענע לייוונטן און פלאַכטעס, וועלכע דער ווינט האָט פאַרטראָגן. אויך האָט דער ווינט אַוועקגעריסן די גאַנצע געפלאָכטענע וואַנט פון דער חברטע שרהס געצעלט און אויפ-געהויבן דאָס דעכל פון ראָגאָזשעס און זעק. מען האָט זיך גענומען די היזקות צו פאַרריכטן.

נאָכן טיי-און-ברויט, וואָס חברטע שרה מיט אירע צו-העלפערינס האָבן אין דעם מאָרגן בשפע צעטיילט, האָבן חברה אין אַ פּאָר טרוקענע זעק, — וואָס זענען געבליבן געשווינט אין דער פּראָוויאַנט-קאַמער, — איינגעהילט זייערע לייבער, גענומען די שפּאַדלעס און די בלעכענע קאַנען און זענען אַרויסגעגאַנגען אין וויטן עמק די קאָרעטע פון טייכל באַפעסטיגן. קריכנדיג אין די קאַלוזשעס וואַסער, וואָס דער רעגן האָט אָנגעזאַמלט אין די גריבער, האָט איין חבר ציטערנדיג פאַר פייכטער קעלט און נישט אויסגעשלאָפענערהייט געברומט דאָס געזאַנג פון דער ביינאַכט-איבערגעריסענער האָראַ:

„עם ישראל חי! עם ישראל חי!“

— לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיין „עם ישראל!“ דאָס עם ישראל באַדאַרף דיך מיטן גאַנצן עמק אויף טויזנט שאָק כּפּרות! — האָט עמעץ אויסגערופן.

קאַפּיטל 11

# צוויי חברים

חבר שלמה מוראַווסקי איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַטריאָט פון דער קבוצה. פּאַטריאָטן זענען זיי אַלע געווען. כאָטש עס איז, אייגנטלעך, נאָך נישט געווען צו וואָס — נאָר צו דעם בלויזן דרויסן, אין וועלכן מען האָט געוואוינט — אָבער דאָך האָט מען זיך צוגעבונדן צו דעם שטיק ערד, אויף וועלכן מען איז געזעסן. יעדער דונאָם פּאָלכע, וואָס מען האָט פון דער וויסטע אַרויסגעקראָגן, יעדער פלאָקן, וואָס מען האָט אַריינגעשלאָגן אין דער ערד, האָט געשאָפן דאָס געפיל ביי אַלעמען פון אייגנס און בויענדיגס, וואָס האָט געגערט זייער אַמביציע. אָבער ביי שלמה מוראַווסקי איז אָט דער אַרומיגער דרויסן, אויף וועלכן מען האָט זיך באַזעצט, געוואָרן „היים", אַ זאַך, וואָס ער האָט ביז-איצט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. דאָס געפיל פון „היים" האָט זיך געשטייגערט ביי אים מיט דעם וואַקסן פון דער קבוצה. און זינט זיין ווייב, חברטע לאה, איז טראָגעדיג און אַלע האָבן גענומען קוקן אויף איר, ווי אויף דער צוקונפטיגער ערשטער מוטער, וואָס וועט געבוירן דאָס ערשטע קינד פון דער קבוצה (און צוליב דעם האָבן אַלע געהויכט איבער איר און אַכטונג-געגעבן אויף איר און מען האָט זי באַהאַנדלט ווי אַן איידל איי), האָט שלמה מוראַווסקי געוואוסט, אַז אָט דאָ געפינט ער אַן אָנלען און אַ צוגעהעריגקייט, ווי דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך מיט זיין חברטע פאַרבונדן אויף דעם ברעג ים פון תל-אָביב, ביים

ירקון. עס איז אַ צווייט חתונה־האָבן... דעריבער האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען און נישט באַדאַרפֿט די אַלע הויכע ווערטער, וואָס די „אינטעליגענטן” און די גדולים, — אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן — די אַריסטאָקראַטן, – האַלטן אין איין רעדן אויף די פֿאַרזאַמלונגען וועגן אויפֿלעבן דאָס פֿאָלק און בויען דאָס לאַנד און נאָך אַנדערע שמאָכטעס. ווער דאַרף דאָס? געווייינלעך האָט ער געשוויגן אָדער מיטגעבאָמקעט, ווייל זיי ווייסן וואָס זיי רעדן. אָבער אין האַרצן האָט חבר שלמה מוראַווסקי זיך גאַרנישט געגוויטיגט אין די אַלע זאַכן. אין וואָס ער האָט זיך יאָ געגוויטיגט, איז געווען אין אַ דאַך איבערן קאָפּ פֿאַרן ווייב און פֿאַר דעם, וואָס וועט קומען; אַ דאַך, פֿון אונטער וועלכן מען זאָל דיך שוין מער נישט אַרויסיאָגן, ווי אַ הונט, און עס זאָל זיין ברויט צו עסן און אַ פּאָר הויזן די שאַנד צו פֿאַרדעקן. און דאָס, האָט ער געוואוסט, ווערט דאָ געשאַפֿן. דאָס איינציגע, וואָס מען דאַרף טון דערצו, איז — אַרבעטן. אַרבעטן, ברידער, נישט רעדן, גאָר מיט דעם רוקן אין כאָמעט אַריין, און צי דעם וואָגן! און דאָס האָט ער געטון.

חבר שלמה מוראַווסקי האָט זיך מיט אַן אימפּעט און אַ ברען געוואָרפֿן אין דער אַרבעט אַריין. ער האָט זיך מיט חשק אויפֿגעריסן פֿון שלאָף אין די פֿרימאָרגנס, געווען פֿון די ערשטע. די רעגנס, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין נאַכט, אַז מען זאָל קאָנען שלאָפֿן אין מנוחה, האָבן פֿאַר אים ווינציג־וואָס אויסגעמאַכט. צו רעגנס איז ער געוואוינט־געווען. אַ האַלב לעבן זיינס האָט ער פֿאַרבראַכט אויף דער גאַס, דער דרויסן איז געווען זיין שטוב, און דער הפקר – זיין מוטער, וואָס האָט אים אויפֿגעצויגן. וואָס איז אַ רעגן, אַ שטורעם? זיין לייב איז געווען ווי אויסגעקנאָטן אויס ווינט מיט רעגן. דאָס בלוט זיינס – צעמענט, זיינע אָדערן – פֿון אייזערנע דראָטן – האָבן גענוג געוויטער אויסגעהאַלטן. אין וואָס פֿאַר אַ זאַווערוכעס און שנייען האָט ער זיך שוין נישט געבאָדן? ווי טיף דער רעגן האָט זיך נישט איינגעגעסן אין זיינע ביי־נער מיט דער דעמפּיגקייט, וואָס האָט אַרומגענומען די לייבער, ווי אַ פּאַרע, האָט דאָס אים געאַרט, ווי דער פֿאַר־

יאָריגער שניי. ביינאַכט, ווען עס האָט געכליאָפּעט אויפן ביידל, דאָס בעטל איז געזונקען אין דער בלאָטע, האָט ער געצויגן די אויסגעווייקטע קאָלדרע איבער זיך און דורכגעשנאָרכט די נאַכט. אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ פרישער, אַ לע־בעדיגער, — אַבי דאָרטן נישט ווייט שטייט חברטע שרהס געצעלט, וואו מען קאָן קריגן אַ טעפל וואַרעמס און עס אין די קאַלטע געדערים אַריינגיסן, און דאָרטן — דער „צריף“, אין וועלכן עס שלאָפט איצטער זיין לאה מיט נאָך אַ פּאָר בחורות. און ער ווייסט אויך, אַז דאָס קליינע יאַטל, וועלכעס געפינט זיך איצט ביי דער מוטער אין די געדערים, ווען עס וועט אַרויסקומען אויף דער ליכטיגער שיין, וועט האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. זיין דאַך, זיין צריף! מיט אַ שפּאַדעל איבערן קאָפּ וואָלט ער געגעבן דעם, וועלכער וואָלט געוואַגט איצט דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן אָפּגערייניגט, ביי אים צוצונעמען. עס איז זיין היים, מיט אַלע חברים בשותפות. פיל האָט ער טאַקע אין דער שותפות נישט אַריינגעלייגט, ער האָט אָבער אַריינגעלייגט אַזוי פיל וויפל די אַנדערע, און ער איז גרייט אַריינצולייגן דערינען זיינע פּאָר הענט און זיין ביסל כוחות— וויפל עס וועט סטאַיען! און ער פילט, אַז ער איז קונה די שותפות דורך זיין אַרבעט. און אַרבעטן וויל ער, ווייל ער אַרבעט נישט פאַר קיין פרעמדע, נאָר פאַר זיך און פאַר דעם קליינעם יאַטל שוין... וואָס גייט אים אָן רעגן, בלאָטע?

פון אַ גאַנץ אַנדערן טייג איז געקנאָטן־געווען זיין געצעלט־חבר און זיין אַרבעטס־חבר, זיין קבוצה־ברודער הערשל פּערלמאַן, וואָס האָט זיך דאָ דעם נאָמען איבערגעמאַכט אויף ריין לשון־קודש — צבי בעל מרגליות. חברים רופן אים אין שפּאַס צביעלע, ווייל צבי אַליין פּאַסט נישט פאַר אים, צוליב זיין וואוקס און אויסזען, וועלכע בעטן זיך צו פאַרקלענערן זיין נאָמען.

צבי בעל מרגליות איז אַליין אַן אינטעליגענט, אַ משכיל און אַ ציוניסט פון זיין קינדהייט, און ער איז אַ זון פון אַן אינטעליגענט, אַ משכיל און אַ ציוניסט. מיט זיין מוטערס מילך, קאָן מען זאָגן, האָט ער איינגעזויגן אין זיך דעם ציוניזם. זיין פאָטער דער שניט־סוחר אין דער פּוילישער פּראָווינץ־

שטאָט האָט געחלומט זיין גאַנץ לעבן אַוועקצואוואַרפן די קראָם, צו גיין קיין ארץ־ישראל און אַוועקשטעלן זיך מיטן שפּאַדעל און רידעל אויף „ציונס ערד" און צו זינגען „ציונס לידער". די פּרנסה, דאָס ווייב און קינד און די וועקסעלעך האָבן אים געהאַלטן צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן צום געוועלב, אָבער חלומען האָט ער געקאָנט. איז ער געשטאַנען, משה־אריה, דער גרויסער משכיל פון שטעטל, הינטער דעם קרעמער־טיש, האָט אָפּגעמאָסטן פאַר פּויערטעס און וויבער שניט־סחורה, און גע־חלומט וועגן שניט־צייט אין ארץ־ישראל. עס איז ביי אים אין הויז געווען אַ זאַמלפּונקט פון ציוניסטן און משכּילים פון זיין שטעטל, ביי אים האָט מען געקאָנט געבן אַ כאַפּ אַ קוק־אריין אין דער „הצפירה", וואָס ער האָט אויסגעשריבן, און אַ שמועס־טון מכּוח חיבת־ציון, פון וועלכן ער האָט געהאַט אַ ידיעה. ער איז אַפילו בימי רוסלאַנד געזעסן צוויי וואָכן אין דעם שטאָטישן קאַרצער צוליב זיין „ציוניסטישער משוגעת", ווי זיין ווייב האָט עס אָנגערופן. ער האָט זיך געשוואוירן, אַז אָט אין אַ ליאַדע־טאָג, ווען עס טרעפט זיך אים נאָר אַ קונה אויפן געוועלבל, מאַכט ער איינס־און־צוויי — און ער איז שוין נישטאָ. אָבער די פּרנסה, דאָס ווייב און קינד, און דער עיקר — די וועקסעלעך, וואָס ער האָט געהאַט צו צאָלן, האָבן אים גע־האַלטן צוגעשמידט צום גלות. דערפאַר אָבער האָט ער זיין עלטסטן זון הערשל, אָדער צביעלע, ווי דער פאָטער האָט אים שוין גערופן, אויפגעצויגן פאַר „אַן ערד־אַרבעטער פאַר ארץ־ישראל". דאָס הייסט, ער האָט אים נאָך אַלס קינד אַריינגעגעבן אין אַ „חדר־מתוקן", דעם ערשטן און איינציקן אין שטעטל, וואָס אַ ליטווישער מלמד האָט אויפגעעפנט, אויף דער געפאַר דאָס גאַנצע שטעטל, חלילה, אָפּצושמדן... ווען צביעלע האָט געענדיגט דעם חדר־מתוקן, האָט זיך דער פאָטער געקליבן אים צו שיקן קיין יפו אין גימנאַזיום. דערווייל האָט ער דעם פאָ־טער געהאָלפן אין געשעפט און געגרינדעט אין שטעטל דעם ערשטן ציוניסטישן יוגנט־פאַראיין.

בינו־לבינו איז די מלחמה אויסגעבראָכן, ארץ־ישראל איז געווען פאַרמאַכט, דערפאַר אָבער איז צביעלע געווען אַ פאַר־ברענטער ציוניסט אינדערהיים, האָט זיך געהאַלטן אין איין

פאַרבאַרייטן צו ווערן אַ „חלוץ אין ארץ-ישראל", אַ חלוץ אָדער אַ שומר. ער האָט געלעזן העברעיִשע ביכלעך און פאַרשפּרייט זיי אין שטעטל, געגרינדעט אַ חברה „חובבי שפת עבר" און געגעבן לעקציעס אויף העברעיִש אין די אָוונט-שטונדן בחינם. ער האָט געשאַפן אַ מאַסע נייע ווערטער, געשריבן שירים און איינציקע קאָרעספּאָנדענצן אין דער „הצפירה", און איז באַקאַנט-געוואָרן אַלס דער סופר פון שטעטל. באַלד נאָך דער מלחמה, ווי נאָר דער וועג קיין ארץ-ישראל איז פריי-געוואָרן, איז צביעלע מיטן פאָטערס ברכה אַראָפּגעפאָרן פאַרצוברייטן אַ היים פאַר דער משפחה. אין ארץ-ישראל אָבער איז צביעלע געוואָרן אַ גאַנצער אַרבעטער-פירער. נאָך אינדערהיים האָט ער געהערט צו די „פועלי-ציון". צביעלע האָט מקיים-געווען מצוות אַרבע-טער אין אַ פּאָר קאָלאָניעס ביי פּרדסים אין דער סעזאָן-אַרבעט. געלעבט האָט ער אָבער דערפון, וואָס דער טאַטע האָט צוגע-שיקט חיונה פון דער היים. געאַרבעט האָט ער נאָר פון צייט-צו-צייט „לשם שמים", „צוליב דער הייליגקייט פון דער אַר-בעט", אָבער דערפאַר האָט ער מאמרים געשריבן איבער אַר-בעטער-פּראָבלעמען. צבי בעל מרגליות איז געוואָרן אַ גאַנצער עקספּערט איבער אַרבעטער- און נאַציאָנאַלע-פראַגן, געווען אַ ידען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אינטערעסירט זיך מיט די ציוניסטישע פּראָבלעמען, געלעזן איבער סאָציאַל-עקאָנאָמישע ענינים, גענומען אַ וואָרט בעל-פה און בכתב (לשון-קודש האָט ער געקענט — אַ געוואַלד!) איבער די פראַגן, וואָס זענען דענסטמאָל דיסקוטירט-געוואָרן אין די ציוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטייען — וועגן דער געשטאַלטונג פון די צוקונפטיגע יידישע ישובים: צי פּריוואַטע איניציאַטיוו אין אייגענערווירטשאַפט, צי מיט בשותפותדיגער הילף, אָדער גאָר קאָלעקטיוון, קבוצות לויטן שטייגער פון כנרת. ער האָט דאָס געשטורעמט איבער דעם „אויסלייז דורך אַרבעט", איבער דער „רעליגיע פון אַר-בעט"! דאָס וואָרט „אַרבעט" איז נישט אַראָפּ פון זיין מויל און האָט נישט פאַרלאָזט קיין איין טראָפּן פון זיין פעדער. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד אין גדוד פון ערשטן טאָג-אָן, ווען ער איז געגרינדעט-געוואָרן. און ווען כאַז-מאָוויטש איז געגאַנגען גרינדן דעם גרויסן קיבוץ, וואו דער

קאָלעקטיוו זאָל אַריינגעמען אַ ברייטע מאַסע, וועלכע זאָל טראָגן די זאָרגן איבער אַלע נויטן פון דעם קיבוץ, און מען האָט זיי אויף פראָבע איבערגעגעבן דעם עמק אויסצוטריקענען, האָט זיך צבי מרגליות באַלד אָנגעשלאָסן.

ער איז געווען פון די ערשטע ענטוזיאַסטישע טוער אין דער קבוצה, איינער פון די ראש-המדברים אויף אַלע פאַרזאַמ-לונגען פון דער קבוצה (לשון-קודש האָט ער גערעדט ווי אַ וואַסער!). האָט ער גענומען אַ שטעלונג אין אַלע פּראָבלעמען און ענינים, וואָס זענען באַהאַנדלט-געוואָרן אויף דער פאַרזאַמ-לונג פון דער קבוצה — פון אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פאַר דער מאָרגנדיגער אַרבעט, פון פּראָבלעם וועגן פאַרגרעסערן חברטע שרהס געצעלט, ביז דער צוקונפטיגער קאָלעקטיווער קינדער-דערציאונג.

אין די ערשטע טעג פון טריקענען די בלאָטעס איז צבי בעל מרגליות געווען איינער פון די בעסטע אַרבעטער. ער האָט מיט זיין אייפער אָנגעשטעקט די אַנדערע חברים. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט אַזאַ ברען און פייער, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט ביי אים אַן אַרטיקל פאַר דער צייטונג אָנצושרייבן — אָפּגעשריבן און אויס! ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, פון די לעצטע אָפּצולאָזן אַ האָרע-טאַנץ. אין אַ וואָך צייט אַרום אָבער, ווען מען האָט געהאַלטן אין איין קריכן אין די גריבער און מען האָט נאָך גאָרנישט אָנגעזען, איז ער אַביסל מיד-געוואָרן. ער האָט געשלעפּט די קאַנען מיט בלאָטע פון די גריבער לאַנגזאַ-מער און איז געווען אויך איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אויף די פאַרזאַמלונגען געקלאָגט זיך איבערן עסן. אָבער דאָך איז דער ברען און פייער פון דער אַרבעט, און נאָך מער ביי די האָרע-טענץ, געווען אין לשער. אַז די אַרבעט האָט אָנגע-האַלטן פיר וואָכן, זעקס וואָכן, און קיין ענדערונג איז נישט געקומען, האָט זיך צבי בעל מרגליות געמעלדעט אַ פּאָר מאָל קראַנק און איז געבליבן אין געצעלט איבערן טאָג. שפּעטער איז ער אַביסל אויפגערוימט-געוואָרן, ווען מען האָט דעם ערשטן אַקער איבערגעפירט איבער דער ערד, ער האָט צו דער גע-לעגנהייט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל, מיט פיל פּאָעזיע

דערינגען, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט פאַר די חברים, איידער ער האָט עס אָפּגעשיקט צום דרוקן. אָבער זינט עס זענען גע־קומען די רעגנס, איז צבי בעל מרגליות געוואָרן אויס מענטש. נאָך איינער, צוויי נעכט נישט שלאָפן און כאַפּן די נאַסע קאָלדרע אויף זיך און אַנטרינען אונטער דעם דעכל פון חברטע שרהס געצעלט, איז ער אויפן צווייטן טאָג געווען שלאַבריג, די ביינער פייכט און פויל, און ער האָט געמוזט גאַנצע טעג ליגן אויפן בעטל. מען האָט עס טאַקע אויף אים אָנגעזען אויך. זיין קליינער אויסגעהויכטער גוף, איבער וועלכן די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, אין איין פּאַשען און קאָרמען קליי־נערהייט, איז אויסגעמאָגערט־געוואָרן. אויך אַנדערע זענען אויסגעמאָגערטע געווען, אָבער פון אונטער זייער הויט האָבן אַרויסגעקוקט גלידער און ביינער. ביי אים איז דאָס אויך נישט געווען, און דער עיקר — ער האָט פאַרלוירן דעם מוט, וואָס מען האָט אָנגעזען פון זיין האַלטן־זיך. אויף די אסיפות האָט ער שוין ווינציגער גענומען דאָס וואָרט, און האָט ער גענומען אַ וואָרט, איז עס שטענדיג געווען נאָר צו קריטיקירן און פּרעטענזיעס צו האָבן.

ער האָט זיך געשעמט פאַר די חברים, און עס האָט אים אויך וויי־געטון, וואָס ער איז אַזאַ ווייכער, ער קאָן נישט אַזוי אויסהאַלטן, ווי די אַנדערע. און אָט האָט ער זיך היינט איני־דערפרי, נאָכדעם ווי דער רעגן האָט די נאַכט נישט גענאָסן, געמאָלדן צו דער אַרבעט און איז אַוועק מיט זיין געצעלט־ברודער, חבר שלמה, אין עמק אויסצוטריקענען ווייטער די בלאָטעס.

זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ברויט אויף איבערן טאָג, וואָרים זיי וועלן נישט קאָנען אַהיימקומען צום עסן, עס וועט זיך נישט לוינען, עס האָט ביי זיי גענומען אַ שעה צייט, איידער זיי זענען צוגעקומען צום פּלאַץ פון דער אַרבעט. באַלד נאָך די ערשטע רעגנס האָט זיך דער גאַנצער שטח פון עמק, וועלכן זיי האָבן אָפּגערוימט פאַרוואַנדלט אין איין קלעפּנדיגער בלאָטע. איבער דעם טייל, אויף וועלכן עס זענען נאָך געוואַקסן די ווילדע גראָזן, האָט מען ווי־עס־איז נאָך געקאָנט שפּריינגען, אָבער די אויפגערוימטע באַאַרבעטע פעלכע איז פון רעגן אַזוי

צעווייקט-געוואָרן, אַז מען איז געזונקען אין דער בלאָטע ביז איבער די קני. די פייכטע בלאָטעס האָבן פאַרפלייצט דעם גאַנצן מקום, פון דעם ווייטן עמק ביז אין „משק" אַריין און זענען אויך אַריין אין די געצעלטן. פון פרימאָרגן-אָן, ווען מען האָט נאָר אַראָפגעשטעלט אַ פוס פון בעט אַראָפּ, איז מען גלייך געזונקען אין דעם פייכטן שליים, וואָס איז געווען אַרום בעט, און עס איז נישט געווען וואו איין טריט צו שטעלן — סיי אין דרויסן, סיי אין געצעלט און סיי אין דער קיך — אויף אַ טרוקן אָרט. ביי דער אַרבעט, ביים עסן און אַפילו ביינאַכט אויפן בעטל איז מען געזונקען אין פייכטקייט. אַ חוץ דעם, האָט נאָך מער ווי דער עצם-רעגן, די פייכטע לופט פון חלל דורכגעזאַפט די קליידער, אַריינגעביסן זיך אין די לייבער. שטענדיק זענען די בלוילעך-אַשיקע וואָלקנדלעך, באַלאָדן מיט וואַסער, געהאָנגען האַרט איבער דער ערד ווי לאָגלען מיט וואַסער און מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, ווען עס וועט זיך זיי פאַרגלוסטן אויסצולערן זייערע אָנגעלאָפענע באַ-לאָנען און גיסן וואַסער איבער די מענטשנס קעפּ. מיט אַ מינוט פריער איז טרוקן-געווען, מען איז געזעסן אויף דער באַנק האַלב אין געצעלט, האַלב אין דרויסן, מיט די טעפּלעך טיי אָדער טעלער געקעכץ, און קוים זענען די טעלער האַלב אויסגעלעפלט-געוואָרן, האָבן זיי זיך באַלד אָנגעפולט מיט וואַ-סער. דאָס לעבן איז נמאס-געוואָרן און עס איז פאַרגעסן-גע-וואָרן יעדע פרייד פון שאַפן. די אידעאַלן זענען אויסגעוועפּט-געוואָרן, עס איז נאָר איבערגעבליבן דאָס קלאָגעדיקע לעבן אין אַ נאַסן און דאַכלאָזן דרויסן. מערסטנס האָבן געליטן די אינטעליגענטן, די שטוב-מענטשן. זיי זענען נאָך אַ וואָך רעגע-נען געבליבן זיצן אין אַ מעמד, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן דאָס געפיל פון צו זיין מענטשן, ווי זיי וואָלטן פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין בהמות, וועלכע לעבן אין דער בלאָטע. זיי האָבן געלעכצט נאָך אַ באַשיצונג, נאָך פיר ווענט, נאָך אַ טרוקן שטיקל באָדן, אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָס זאָל זיי פון דער גאָס אַהיימנעמען...

גייען זיי דאָ, די צוויי חברים, שלמה מוראַווסקי און צבי בעל מרגליות, מיט זעק איבער די קעפּ פאַרהוילן, דאָס ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג אין פּאַפּירן איינגעוויקלט און אין

דער קאָן באַהאַלטן, פֿאַפּיראָסן — אין טאַש, די כּלים — אויפֿן אָקסל. זיי גייען? זיי קריכן. מיט איין פֿוס זינקט מען אַריין אין דער קאַלוזשע, דעם אַנדערן שלעפּט מען אַרויס. שלמהן אַרט נישט וואו ער טרעט. עס קוקט אויף אים חבר צבי מרגליות און זעט, ווי זיינע ברייטע מוסקולירטע אָרעמס שטאַרצן אַרויס פֿון דעם זאַק, און מיט זיינע שטאַרקע פֿיס טרעט ער אין דער בלאָטע, און ער איז אים מקנא. פֿאַרוואָס האָט מען אים אויך נישט אַזוי דערצויגן, מיט אַזעלכע פּלייצעס? פֿאַרוואָס האָבן אים זיין פֿאָטער און מוטער נישט געגעבן אַזעלכע מוס־קולירטע הענט און אַזעלכע שטאַרקע פֿיס? אָנשטאָט דעם האָבן זיי אים ביכלעך געגעבן. און צום ערשטן מאָל פֿאַלט־איין צבי מרגליותן, אַז אין וואָס ארץ־ישראל נויטיגט זיך אָממייסטן, איז נישט אין ביכלעך, נאָר אין שטאַרקע מוסקולירטע הענט־און־פֿיס און קרעפֿטיגע לייבער, דער רעגן זאָל זיי נישט אַרן. „אַ שיינער געדאַנק!" — טראַכט זיך בשעת־מעשה צבי מרגליות און קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פֿון שרייבערישער תאווה (ווי קאַלאַ־מוטנע עס איז אים נישט אויפֿן האַרץ). — „מען וועט עס דאַרפֿן אַרויסזאָגן אין אַן אַרטיקל".

אָנגעקומען, נאָך אַ שעה דרעפּטשען, אויפֿן אָרט פֿון דער אַרבעט, מאַכט חבר שלמה נישט קיין לאַנגע שהיות, וואַרפֿט־אַראָפּ פֿון זיך דעם זאַק, וויקלט אין אים איין דאָס ברויט מיט דער פֿלאַש געקאָכטער טיי, און אַזוי ווי ער שטייט־און־גייט, אין די אויפֿגעפּראַלטע צעריסענע שיך, גיט ער אַ שפּרונג־אַריין אין דעם מיט וואַסער אָנגעפֿולטן ראָוו און הייבט־אָן מיט זיינע מוסקולירטע לאַפּעס צו שאָפּלען און אַרויסצוואַרפֿן די בלאָטיגע ערד פֿון גרוב אַרויס. צבי בעל מרגליות שטייט נאָך פֿון דרויסן, עס גלוסט זיך אים נישט דעם זאַק פֿון קאָפּ־און־פּלייצעס אַראָפּצונעמען. דער זאַק איז די איינציגע טרוקענע מחיצה צווישן זיין לייב און די טריפֿנדיגע טראָפּנס, וואָס פֿאַלן איצ־טער פֿון אַ פֿאַרבייגייענדיגן וואָלקן. חבר שלמה מאַכט זיך ווייניג־וואָס פֿון דעם. די וואַסער־טראָפּנס פֿאַלן אויף זיינע נאַ־קעטע פּלייצעס און רינען־אַראָפּ איבער זיי, ווי זיין לייב וואָלט נישט באַשטאַנען פֿון מענטשן־פֿלייש, נאָר פֿון אייזערנע פּלאַטן. דער רעגן קלאַפּט אין זיי און פּאַלט־צוריק. שלמה מוראַווסקי

באַמערקט זיין פוילנדיגן חבר, ווי ער שטייט און שפרינגט־אונטער פון איין פוס אויף דעם אַנדערן, פרואווט צו נעמען דעם שפּאַדעל, איינצוושניידן זיך אין דער פייכטער ערד און גליטשט זיך אַראָפּ נאָכן שפּאַדעל אין ראָוו אַריין.

— וואָס איז, חבר? — זאָגט שלמה — וואָס שטייסטו און מעלקסט די וואָלקנס? דאָ האָסטו אַ קאָן מיט גאָלד, כאַפּ עס אויף און שיט עס אויס — דערלאַנגט אים חבר שלמה פון דעם ראָוו אַרויס אַן אָנגעפּולטע קאָן מיט בלאָטע.

— און איך זאָג, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט, דער ועד, די חברים אַרויסצונעמען אין עמק אַריין, איידער די אַראַבער האָבן נישט די כאַנעץ אָפּגערוימט. שוין אַכט טעג, ווי מיר שטייען אין רעגן און מיר האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, וואו זיך צו שיצן! — פּלאַצט־אַרויס חבר צבי בעל מרגליות.

— וואָס האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט? אפשר האָבן זיי באַדאַרפט פאַר דיר אַ פּאַלאַץ אָנגרייטן, מיט דיוואַנען און גאַרדינען, ווי ביי דיין מאַמען אין דער היים, איידער זיי האָבן דיך אין עמק פאַרבעטן? כאַפּ, חבר, די קאָן מיטן אוצר, כאַפּ, און רעד קיין סך נישט. דאַנק גאָט דערפאַר, אָט קומט־אָן אַ שוואַרצער אָדלער, דער וועט דאָס עפּעס איבערלאָזן אונטער זיך, — זאָגט חבר שלמה און ווייזט־אָן אויף אַן אָנציענדיגן שוואַרצן וואָלקן.

אָפּגעאַרבעט אַ האַלבע שעה, עס ווערט טונקל. מען קוקט אויפן הימל, עס האָט זיך געדיכט אָפּגעלייגט אַ געוועלב פון וואָלקנס. און איידער די חברים האָבן נאָך צייט געהאַט איבער־צוקלערן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, כליאַפּען שוין אויף זיי צעבערס מיט וואַסער.

מיט איין שפרונג איז חבר שלמה אַרויס פון גריב. ער כאַפּט דעם זאַק און שלעפּט־אַרונטער דעם דערשראָקענעם, זיך־טרייסלענדיגן חבר צבי אונטער אים, דאָס ברויט צום נאַקעטן לייב פאַרשטעקט אונטער דעם אָרעם, קנייפּט־אָפּ אַ שטיק, און אונטער דעם זאַק און אונטער דעם רעגן אַ כאַפּ אין מויל אַריין און דערלאַנגט אַ שטיק ברויט דעם חבר צבי בעל מרגליות און זאָגט מיט אַ פול מויל:

— נאַ, קיי, עס איז אַ סגולה פאַרן רעגן!

— מען באַדאַרף וואַרפן די אַרבעט און אַהיימגיין — זאָגט חבר צבי. — סיי-ווי-סיי קאָן מען דאָ גאָרנישט אויפטון.

— פאַרוואָס? וואָס ביסטו, פון צוקער? דער וואָלקן וועט באַלד פאַרבייגיין, ביי דער אַרבעט וועלן מיר זיך דערוואַרעמען און זיך אויסטריקענען.

חבר צבי שטייט צוגעדריקט ביי אַ זייט פון חבר שלמה, וואַרעמט זיך אין זיין קערפּער, פון וועלכן אַ געזונטע פּאַרע שלאָגט-אַרויס און ציטערט פאַר קעלט.

— ניין, זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט מענטשן אַרויסצוברענגען אין פעלד אַריין אָן באַשיצונג. איך וועל היינט מאַכן אַ פאָרשלאָג, אַז חבר כאַ:מאָוויטש זאָל קיין ירושלים פאָרן און זען, דער ועד זאָל פועלן, אַז די אַראַבער זאָלן עוואַקויאירן דעם פלאַץ אָדער באַראַקן פאַר אונז אויפשטעלן, אַנישט זאָלן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט ביז איבער די רעגנס.

— וואָס פאַרלאָזן? — שרייט חבר שלמה מיט אַ פול מויל פון לויטער כעס.

— די קבוצה.

— די קבוצה? — וואָס, ביסט משוגע-געוואָרן?

חבר שלמה איז אַזוי בייז-געוואָרן, אַז ער האָט נישט געוואָלט מער שטיין מיט חבר צבי בעל מרגליות אונטער איין זאַק. ער איז אַרויס פון זאַק, דאָס ברויט צוגעדריקט צום לייב און האָט אונטערן רעגן געגעבן אַ שפּרונג-אַראָפּ אין גרוב אַריין און געשריגן פון אונטערן רעגן אַפּער צום באַדעקטן חבר צבי בעל מרגליות:

— חבר צבי, גיי דיר אַהיים. איך וועל שוין די אַרבעט אַליין טון. סיי-ווי-סיי ציטערסטו ווי אַ פיש. די מאַמע האָט דיך צו-ווייך געמאַכט.

חבר צבי האָט אים געפאָלגט.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אַסיפה. אין דער חברטע שרהס געצעלט אונטערן דאַך איז געשטאַנען דאָס פּרעזידיום, און וויפיל עולם עס האָט געקאָנט אַריין. די איבעריגע זענען געווען אויף דער גאַס אינדרויסן. חבר צבי בעל מרגליות האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע אין בעסטן לשון-קודש, ווי ער האָט

נאָר געקענט, אין װעלכער ער האָט אױפגעבױט אַ לאַנגן באַ־שולדיגונגס־אַקט קעגן דעם װעד, װאָס איז געװען אַזױ אומפּאַר־זיכטיק אַרױסצובריינגען מענטשן אין פעלד אַרױס אָן באַשיצונג. און ער האָט פאַרענדיקט זײַן רעדע מיט דעם פאָרשלאָג, אַז מען זאָל שיקן שלוחים קײן ירושלים מיט דער אולטימאַטיװער פאָדערונג: אָדער אַראַבישע הײַזלעך, אָדער צריפים, און דאָס באַלד. און ביז די כאַטנען װעלן װערן אָפּגערײניקט, זאָל די אַרבעט אָפּגעשטעלט־װערן, די חברים זאָלן גײן אין שטאָט אַרײַן אױף פאַרדינסט. אין דער קבוצה זאָל נאָר איבערבלײַבן אַ קלײנער קיבוץ אױף שמירה.

דער פאָרשלאָג האָט אַרױסגערופן גרױס אױפרעגונג. אַ סך חברים זענען געװען גענײגט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג, װאָרים עס איז זײ מיאוס־געװאָרן צו בלײַבן אין די בלאָטעס.

חבר שלמה, װעלכער איז געשטאַנען אינדרױסן, האָט זיך דורכגעאַרבעט מיט שטורכעס פון זײַנע שטאַרקע עלנבױגנס אַ װעג צװישן די לײַבער פון די חברים און אַרײַנגעריסן זיך אין געצעלט, פאַרװאָרפן מיט דער האַנט זײַן אַראָפּפאַלנדיקע טשופּ־רינע, האָט געגעבן צוערשט אַ גוטן שנאָרך מיט דער נאָז, דערנאָך זיך אָנגערופן האַלב פאַרשעמט, װאָס ער איז פלוצלינג אָנגעקומען פון אױבן־אָן:

— װעט איר מיך לאָזן רעדן אַ פּאָר װערטער אױף פּראָסט יידיש, װעל איך אײַך עפּעס זאָגן!

נאָך אַ שקלא וטריא האָט מען געלאָזט רעדן דעם חבר שלמה אַ פּאָר װערטער אױף יידיש.

— איך װײס נישט, װאָס דער חבר האָט דאָ געזאָגט. איך פאַרשטײ נאָך נישט גוט קײן לשון־קודש. מען האָט מיך נישט געלערנט קלײנערהײט. נאָר אױב עס איז דאָס, װאָס ער האָט מיר געזאָגט הײנט אינדרױסן בײַ דער אַרבעט, װעל איך זאָגן אָט־װאָס: װער עס װיל גײן, דער קאָן גײן! מיר װעלן זיך נישט רירן פון אָרט, מעג דונערן און בליצן! צי איז עס אונזער הײם, צי נישט? פון דער הײם אַנטלױפט מען נישט דערפאַר, װײַל עס רעגנט דורך דעם דאַך אַרײַן. מען שטעלט־אונטער אַ פּאָר שיסלען, און דאָס איז אַלץ.

נאָך אַ װײַלע האָט זיך דער עולם געכאַפּט, װאָס שלמה

האָט געזאָגט, און מען האָט אים אַפּלאָדירט, און עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען. חבר שלמה האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר חברטע לאה מיט דעם גרויסן בויך שוין פראַנק־און־פריי איז צוגעקומען, האָט אים אונטערן אָרעם גענומען און געזאָגט אים: „גענוג!”. איז ער שטיל־געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג האָט אַ גרופּע אינטעליגענטן פאַרלאָזט די קבוצה. עס האָט געהייסן, אַז זיי גייען אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין און נאָכן רעגן־סעזאָן וועלן זיי צוריקקומען. אָבער אַ טייל פון זיי איז קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען, און צווישן זיי איז אויך געווען דער חבר צבי בעל מרגליות.

קאַפּיטל 12

# יאָסל יודקעוויטש הייליגט דעם עמק

עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. אין פעלד האָט מען מער נישט געקאָנט אַרויסגיין, דער גאַנצער באַאַרבעטער טייל פון עמק איז געשטאַנען אונטערן וואַסער, און איבער אים אַדורכצוגיין צום אומבאַאַרבעטן טייל האָט גענומען שטונדן. אָבער אינדערהיים-זיין האָט מען אויך נישט געקאָנט. עס איז פּשוט נישט געווען קיין היים. די טראָגעדיקע חברטעס האָט מען געהאַלטן אין איין באַראַק, די קראַנקע זענען געלעגן אין אַ צווייטן באַראַק. חבר יאָסל יודקעוויטש איז שוין די לעצטע וואָך נישט אַראָפּ פון בעטל, און מען האָט געטראַכט אים אַוועקצופירן אין שטאָט אַריין, נאָר מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי, ווייל ער איז פון דער מאַלאַריע-היץ אַזוי אויסגעצערט-און דין-געוואָרן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט אַ בחור, נאָר אַ קינד, אַריינגעוואָרפן אין אַ צו-גרויסן סוועטער, ליגט צוגעדעקט מיט פיל קאָלדרעס אויפן בעטל און ציטערט. אויך אין די באַראַקן האָט דער ערדישער באָדן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס וואַסער פון דרויסן, אָבער מען האָט זיך דאָך אונטערן דאַך געפונען. די אַנדערע חברים האָבן אָבער קיין דאַך נישט געהאַט, וואו צו באַהאַלטן זיך. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן, און דאָס וואַסער איז אויפן בעטל אַרויפגעפאַלן, האָט מען ליבערשט געוואָלט נאַס-ווערן אַ שטייענדיגער און באַוועג-לעכער, איידער אַ ליגנדיגער; איז מען געקומען אין קיך אַריין, איז זי שטענדיג געווען איבערפולט מיט מענטשן, אַלע מיט

לאַנגע באַוואַקסענע בערד, אין בלאָטיגע שיך און אָפּגעריסענע קליידער, — אַז מען האָט געמאַכט דעם איינדרוק איינער אויפן צחייטן ווי נישט חברים פון אַ קיבוץ, נאָר ווי די באָסיאַקעס, ווי אַרויסגעוואָרפענע אויף דער גאַס. עס איז איבערדריסיג־געוואָרן איינער דעם אַנדערן אויף די נעזער צו ליגן. יעדן טאָג איז אַן אַנדערע גרופּע געגאַנגען אין שטאָט אַריין אויף פּאַרדינסט; אָבער ווער ווייסט — וואָס דער סוף וועט זיין? אַלטע אויסגעפּרואוטע חברים זענען אַנמוטיג־געוואָרן, געפאַלן פון די כּוחות און פאַרלוירן דעם קוראַזש. בחינם האָט אין די אָוונטן מענדל שוסטער געפּרואווט אויפהויבן די שטימונג און אויפגעפּאָדערט צו טאַנצן אַ האָראַ; אָבער גיי טאַנץ, אַז די פיס בלייבן שטעקן אין אַ קאַלוזשע וואַסער! ווי מען האָט געקאָנט, האָט מען געפּרואווט זיך באַהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין אַן אַלטער צייטונג, אין אַ בוך, אָדער דיסקוטירט און זיך אונטערגעגעבן חשק מיט פּלענער־אויסלייגן וועגן נייע אַרבעטן, וועגן פלאַנצן ווייַנשטאָקן און פּרוכט־גערטנער אין דער צוקונפט.

נאָר צוויי האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס הייסט אָנמוטיג־זיין. חברטע שרה איז, ווי איר געוואוינהייט, געווען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט פאַרנומען. זי האָט אויף קיין איין אויגנבליק נישט געהאַט קיין צייט צו באַטראַכטן, צי אין דרויסן איז טרוקן אָדער פייכט. זי איז פאַרנומען־געווען מיט איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין דער קיך, כּדי פאַרצובערייטן דאָס טעגלעכע געקעכץ, די פּראָוויאַנטן צו באַזאָרגן; זי האָט אַן אויג געהאַלטן אויף דער וועשעריי; דאַן איז איר צוגעקומען מער אַרבעט אין שפּיטאָל. דריי חברים האָבן זיך געפונען אין די בעטן, אַ חוץ אַ פּאָר, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען און האָבן געפיבערט. ווער עס האָט אָבער אַממערסטן זאָרגן פאַרשאַפט, איז געווען דער קליינער יודקעוויטש. זינט דריי טעג עסט ער נישט. חברטע שרה האָט אים מיט געוואַלט געצוואונגען אַראָפּצושלינגען די הייסע מילך, וואָס מען האָט נאָך אַלץ פון די אַראַבישע שכנים געקויפט. אָבער זינט נעכטן וויל ער די מילך נישט טרינקען; ער ליגט איבערגעדעקט מיט די קאָלדרעס איבערן קאָפּ, שוויצט אַ שרעק און פיבערט פאַר קעלט. זי האָט

נאָך געזאָגט, איידער די רעגנס זענען געקומען, אַז מען באַדאַרף דעם קליינעם יודקצוויטשן איבערטראַנספּאָרטירן אין שטאָט אַריין. האָט, ערשטנס, דענסטמאָל קיינער קיין צייט נישט גע־האַט דערצו, און צווייטנס, איז די סכנה גאָרנישט געווען אַזוי גרויס, ער האָט געפיבערט ווי אַלע אַנדערע. אָבער זינט די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך אַ רוק־געגעבן. ווען זי האָט נאָר אַ מינוט צייט, לויפט זי איבער די בלאָטעס אַריין אין שפּיטאָל־באַראַק, זעצט זיך אַוועק נעבן דעם חבר יאָסל, מעסט אים די היץ, גיט אים כינין צו שלינגען און דער־מוטיגט אים מיט אַ גוט וואָרט וועגן דער אַרבעט, מיט וואָס חבר יאָסל הערט זיך נישט אויף צו אינטערעסירן אין זיין קראַנקהייט. חברטע שרה פאַרנאַכלעסיגט צוליב דעם קליינעם יוד־קעוויטש אירע פליכטן צו די געזונטע און צו די אַנדערע קראַנקע. נאָר עס אַרט איר נישט. קיינער גייט איר נישט אָן אַזוי, ווי חבר יאָסל.

זינט ער איז קראַנק־געוואָרן, האָט זי אים ליב־באַקומען ווי אַ מוטער, און ער פילט אויך דאָסזעלבע צו איר. פון קיינעם וויל ער דעם כינין נישט נעמען, אָדער די מילך טרינקען. ער דעקט זיך איבער דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און ליגט. זי איז נאָך די איינציגע, וואָס האָט איבער אים אַ שטיקל שליטה. קוים קומט זי אין באַראַק אַריין, איז ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון היטער־פלעט, קוקט מיט זיינע בלאָנדזשענדיגע אויגן אויף איר און פרואווט מיט אַלע כוחות צו שמייכלען פון דער היץ אַרויס. קומט ער אַ מינוט צו זיך, באַרואיגט ער זי, אַז עס איז גאָרנישט, אַז אָט נאָר ווען עס וועט זיך אויסלייטערן, וועט ער זיך אויפהויבן און זיך אָנטון און אַרויס צו דער אַרבעט. און חברטע שרה איז מסכים, און זי דערציילט אים, וויפיל דונאָם מען האָט שוין אונטערן אַקער געבראַכט, וויפיל דונאָם פאַרזייעט, און ווי ווייט די קאַרעטע פון טייכל שניידט זיך שוין אין עמק אַרויס. חבר יאָסל הערט זיך צו איר צו, און זיינע אויגן, ווי גלעזערנע פּאַטשערקעס, פינקלען שטום אַרויס פון צעהיצטן רויטן פנימל, און מען ווייסט נישט, צי ער האָט יאָ פאַרנומען דער חברטע שרהס בשורה וועגן דעם פּראָגרעס פון אַרבעט, אָדער נישט. אָבער ער האָט

יאָ געמוזט פאַרנעמען; וואָרים ער באַמיט זיך צו שמייכלען, אין אויף זיין קליין-געוואָרן פּנימל פאַרשנירט זיך דער שמייכל צו אַ קינדישער גרימאַסע פון געוויין.

דער צווייטער איז חבר כאַזמאַוויטש. ווי יעדע בויענדע נאַטור, איז חבר כאַזמאַוויטש אייפערזיכטיג אויף זיין ווערק און ער זעט גאַרנישט, נאָר זיין קיבוץ, זיין קבוצה, זיין משק, וועלכע ער ליבט און גאַרט אויפצובויען מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין חסידישער נאַטור, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער, דעם קאָצקער.

עס איז אַ שאָד געלט אַרויסצוואַרפן אויף האַלצערנעביידלעך, וועלכע מען וועט סיי-ווי-סיי אַמאָל מוזן איבערטוישן אויף צעמענטענע הייזער. ווען עס וועט קומען די צייט און מען וועט אָפּקויפן דעם טייל עמק, וואָס ליגט אויף יענער זייט, וואו די ערד איז הויך און טרוקן. דערווייל מוז מען זיצן דאָ און היטן דעם קוואַל, וואָס איז די נשמה, דאָס גאַנצע חיות אין עמק; איבערוואַרטן מיט געדולד די רעגנס, און ביז די אַראַבער וועלן באַוויליגן אָפּצוריינגן דאָס אָרט און מען וועט קאָנען איבערטראָגן דעם לאַגער אויף דער צווייטער זייט פון טייכל — אויפן באַרג, וואו די אַראַבער וואוינען.

און דאַן זענען באַלד אויפגעשטאַנען אַנדערע זאָרגן און פיל וויכטיגערע, ווי דאָס איבערנעכטיגן אויפן רעגן. מען באַדאַרף קלערן וועגן מיסט. דאָס ערשטע יאָר האָט מען די פּאַלכע געקאָנט פאַרזייען אויף די אויסגעטריקנטע זומפּן, וועלכע זענען פעט, אָבער אָן מיסט קאָן מען זיך נישט רירן. מען באַדאַרף אויך קלערן וועגן אַ שטאַל מיט הינער, וועגן וועלכן חברטע שרה הערט נישט אויף צו וואָרטשען. אויך האַנדלט מען אונטער מיט די שכנישע אַראַבער אָפּצוקויפן ביי זיי אַ סטאַדע קי.

חבר כאַזמאַוויטש, נאָכדעם ווי דער רעגן האָט אַזוי פּלוצלינג אינמיטן אַזאַ שטורעם אָנגעמאַכט, האָט גענומען אויף זיך די זאָרג אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן דעם קיבוץ מיט דער אויסערלעכער וועלט. די איינציגע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז אַלץ נאָך געווען דער בעדוואינער-שטעג ביים ראַנד פון עמק צו דער נאָענטסטער באַן-סטאַנציע קיין

עפולה; אָבער דורך די רעגנס זענען די גריבער, וואָס געפי־נען זיך אויפן שטעג, איבערגעפולט־געוואָרן מיט וואַסער. די רעגנס האָבן צוריק פאַרפלייצט די אַלע לעכער, וועלכע מ'האָט געהאַט אויסגעטריקנט און באַלייגט מיט גראָז; צוריק אָנגע־פולט די שוין איינגעגאַנגענע קאַלוזשעס און צוזאַמענגעמישט מיט אַנדערע שטייענדיגע וואַסערן, און דאָס האָט געדראָט אָפּ־צושניידן דעם נייעם ישוב אינגאַנצן פון דער איבעריגער וועלט. און דאָס טאָר נישט געשען! מען ווייסט נישט, וואָס עס קאָן זיך טרעפן; מען מוז אָנהאַלטן אַ קאָמוניקאַציע מיט דער באַן איבערצופירן פּראָוויאַנט און זאַכן.

חברים האָבן געפאָדערט פון חבר כאַימאָוויטש, אַז ער זאָל פאָרן קיין ירושלים, דורכצורעדן זיך מיטן קאָמיטעט און זען צו פועלן, אַז די אַראַבער זאָלן פאַרלאָזן דאָס אָרט. חבר כאַימאָוויטש האָט אָבער געוואוסט, אַז דער קאָמיטעט אין ירושלים האָט אויך אָן אים זיינע זאָרגן, און מן־הסתם טוט ער אַלץ, וואָס איז מעגלעך. ער ווייסט, אַז די בחורים זיצן אין דער בלאָטע, און אים אונטעריאָגן האָט קיין שום טעם נישט. די אַראַבער מיט געוואַלד אַרויסצויאָגן, דאָס וויל ער אויסמיידן. איבעריגענס, איז נישט איצט די צייט די קבוצה צו פאַרלאָזן ביי דער שטימונג, וואָס הערשט, אַפילו אויף איין טאָג נישט. גייט ער יעדן פרימאָרגן מיט אַ פּאָר חברים, וועלכע מעלדן זיך אַליין צו דער אַרבעט. ווייל דאָס איז אַ קאַטאָרזשנע שטיקל אַרבעט צו טון, און חבר כאַימאָוויטש האָט נישט גע־וואָלט, אַז מען זאָל עמיצן באַשטימען פאַר איר, — נאָר בלויז יענע, וועלכע האָבן אַליין פון אייגענעם ווילן זיך אָנגעשלאָסן צום חבר כאַימאָוויטש. מען נעמט־מיט אַ פּאָר ברויטן, אַ פּאָר פלאַשן געקאָכטע טיי, אַמאָל אַ פּאָר רויע ציבעלעס, העק און לאָפּעטעס און צוויי מויל־אייזלען, — די וועגענער קאָן מען נישט באַנוצן אין דער בלאָטע, — און מען שטעלט זיך אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג, — יאָ־רעגן אָדער נישט־רעגן, — פאַרלייגן די קאַלוזשעס. מען שלעפּט־אָן שטיינער, וואָס מען קלויבט פון עמק אַרויס, מען האַקט־אויס גרעזער און קאַקטוסן, און מען פאַרשטאָפּט די לעכער. און דער עיקר — דאָס אַלטע מיטל: מען ציט־אָפּ די וואַסערן דורך גריבער אויף דער נידעריגער

ערד. אין אָוונט קומט מען אַהיים צעיאָכמערטע — זיי און די אייזלען — די רוקנס ברעכן זיך צוזאַמען פון אַ גאַנצן טאָג בויגן זיך און שלעפּן די שטיינער. הויזן-און-שיך זענען דורכגענעצט פון פייכטקייט, פון די פייכטע לייבער רויכערט זיך פּאַרע און די לייבער טריקענען זיך אונטער די זעק. מען כאַפּט-אַריין די פּאָר לעפל געקעכץ, און מען וואַליעט זיך אַוועק אויף די בעטלעך אין די ביידלעך. ווער קלערט דענסט-מאָל: יאָ־רעגן אָדער נישט-רעגן? עס נעמט אַ פּאָר שעה, ביז מען כאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך שלאָפט מען איין, און מיט דעם ערשטן בליאַסק — ווידער אַרויס דעם וועג פאַרריכטן. חבר כאַ:מאָוויטש מיט די איבעריגע חברים זענען אויסגעדאַרט ווי די שטעקנס פון דער אַרבעט; אָבער די קאָמוניקאַציע מיט דער באַן-סטאַנציע האָבן זיי איינגעהאַלטן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען חבר כאַ:מאָוויטש קומט אַהיים אין קבוצה אַריין מיט די אַנדערע חברים פון דער אַר-בעט, אַ פייכטער און אַ צעוואָרעמטער, געפינט ער, אַז אין דער קיך איז נישטאָ קיין ליכט און נישט קיין פייער, קיין עסן האָט מען היינט נישט געקאָכט. די צוויי חברטעס, וואָס באַזאָרגן צוזאַמען מיט חברטע שרה דאָס עסן, זיצן אין די ווינקלען אין דער טונקל אוןווישן זיך די אויגן. אַ פּאָר חברים דרייען זיך אַרום ווי יתומים אַרום די געצעלטן אין לאַגער. אַפילו דער שטענדיג פרייליכער יוחנן הסנדלר שטייט אין אַ זאַק איינגעוויקלט, איינדרויסן פון געצעלט.

— וואָס איז געשען?

— מיט חבר יאָסל האַלט נישט גוט...

חברטע שרה איז דערינען ביי אים. חבר כאַ:מאָוויטש, ווי זיין געוואוינהייט, ווען עס קומען צרות, גיט זיך אַ קראַץ אין דעם הינטערשטן טייל פון קאָפּ, מיט דער אויסגעאַרבעטער דלאָניע אַ פיר איבער דעם דאַרן, לאַנגן פנים, אַ כאַפּ-אַריין אין מויל דאָס שטעכעדיגע בערדל און גיט עפּעס אַ ברום פאַר זיך. ער גייט מיט פאַמעלעכע טריט אַריין אין דעם באַראַק פון די קראַנקע. חבר יאָסל איז פון די איבעריגע חברים, וואָס ליגן אין די בעטן, אָפּגעטיילט שוין דורך אַ הענגענדיגן ליי-לעך. אויף יענער זייט ליילעך ביים קראַנקן ברענט אַ לאָמפּ,

דער איבעריגער באַראַק איז אין פינסטערניש איינגעהילט.

חבר כאַזמאַנאָוויטש גיט אַ בליק הינטער דעם ליילעך. שׂרה ויצט ביים בעט, האַלט די האַנט פון קראַנקן. דעם קראַנקנס פּנים איז איין שטיק פייער, די אויגן שוין פאַרגלייזט, און פון די קלאַפּנדיגע ציין וואַרפט ער אַרויס אומפאַרשטענדלעכע, האַלב-אָפּגעריסענע ווערטער.

דערווייל ליגט חבר יאָסל אין אַ שניי-גרוב. עס פרירט אים אָפּ איין אבר נאָכן אַנדערן, אָבער ער געדענקט גוט, אַז ער געפינט זיך אויפן וועג קיין ארץ-ישׂראל, מען גנבעט די גרענעץ. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שניי-גרוב און קאָן זיך נישט רירן. די פיס זענען אים אָפּגעפרוירן, די חברים זענען שטיין-געבליבן, ווילן אים מיטנעמען, איבער אים קאָנען זיי ווייטער נישט גיין. און יאָסל איז אומצופרידן, ער רעדט דורך די פאַרקלאַמערטע ציטערנדיגע ציין: „גייט ווייטער, גייט, גייט... לאָזט מיך דאָ אַליין...“

און אָט האָבן זיי אים ענדלעך געהאָרכט. די חברים דערווייטערן זיך פון אים, וואָס אַמאָל ווערן זיי מער פאַר-שוואונדן, ער איז איינער אַליין איבערגעבליבן שטעקן אין דעם שניי-גרוב. דאָס אייז וואַקסט איבער אים, דעקט אים באַלד צו. אָ, עס איז אַזוי וואַרעם אונטער דעם אייז, ער האָט עס גאָרנישט געוואוסט. און אָט זעט ער די חברים. אויף יענער בערגל איז שוין ארץ-ישׂראל, עס איז שוין דער עמק, דעם נייער ישוב. אָט שטייען זיי שוין איבער דעם עמק, אַקערן דאָס פעלד, און ער ליגט אין שניי-גרוב. און פונדאַנען זעט ער, ווי די חברים באַאַרבעטן די ארץ-ישׂראל-פעלדער, און עס איז אים אייגנטלעך זייער גוט... ליגט אויסגעבעט אין אייז און קוקט זיך צו, ווי די חברים שטייען אויף דער זון מיט האַלב-נאַקעטע לייבער און באַאַרבעטן די ארץ-ישׂראל-ערד — וויל זיך אויפרייסן פון אייז-גרוב, און פאַלט צוריק...

צומאָרגנס באַגינען זענען חבר כאַזמאַנאָוויטש מיט חבר נירקעס דעם אַגראָנאָם, חבר מענדל, אמנון בן-טוב פון ועד — אַרויס איבערן לאַגער און אויסגעזוכט אַן אָרט אויף אַ בית-הקברות. זייער וואַל איז געפאַלן אויף דעם קליינעם בערגל, נישט ווייט פון די אַראַבישע הייזלעך, צופוסנס דעם באַרג

גלבוע, איבער וועלכן חבר נירקעס פלאַנצוועט צו פאַרפלאַנצן זיין וועלדל. פון דעם אָרט גייט אַ גראַדע ליניע צו דער קבוצה־צו, וואו חבר נירקעס האָט שוין געזען אויסגעשניטן אַ וועג און פאַרפלאַנצט אַן אַלעע מיט ציפּרעסן. דאָס אָרט איז אויך געווען טרוקענער פון אַנדערע ערטער. און דאָרט האָט מען זיך אַוועקגעשטעלט אויסהאַקן דעם ערשטן קבר — פאַר חבר יאָסל.

ווען די חברים זענען פאַרנומען מיטן גראָבן דאָס קבר (חבר נירקעס האָט אַפילו אין דער סיטואַציע נישט פאַרגעסן צו מאַכן זיינע באַאָבאַכטונגען וועגן דער שווערקייט פון דער ערד, און ווי טיף עס גייען די וואָרצלען פון די ווילדע קושאַ־קעס, כדי דערפון צו לערנען מיט וואָס פאַר אַביימער דעם באַרג צו פאַרפלאַנצן), — קומען־אַרויס פון זייערע הייזלעך די פאַרשלאָפענע אַראַבער, איינער, דער אַלטער, אין אַ ווייסער אַבאַיע; די אַנדערע צוויי, יונגע, מיט אַבאַיעס פון שוואַרצע קעמל־האָר, מיט האַלב־פאַרשטעלטע פּנימער. זיי זענען נייגעריג, וואָס די חברים טוען דאָ. ווען זיי האָבן דערזען דעם קבר גראָבן, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן:

— אַהאַ, עס האָט זיך אָנגעהויבן! מיר האָבן אייך באַלד געוואָרנט, בחינם אייער אַרבעט דאָ... איר זעט דאָרט ווייט דעם אָפּגעפליקטן ציפּרעס־בוים...

די חברים האָבן זיי גאָרנישט אָפּגעענטפערט, אָבער מענדל קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן, און האַלב־יידיש, האַלב־העברעיש, מערסטנס אַראַביש מיט אוקראַיניש אויסגעמישט, האָט ער זיך צעשריגן:

— דאָס איז אַלץ צוליב אייך. איר האָט באַקומען אייער אָפּטריט־געלט און צוגעזאָגט צו פאַרלאָזן די הייזלעך נאָך פאַר די רעגנס. איצט מוזן מיר זיצן צוליב אייך אין דער בלאָטע.

עס זעט־אויס, אַז דער אַלטער האָט אים פאַרשטאַנען, האָט ער זיך אויך צעשריען. אָבער ווען מענדל האָט אים ווי־דער געוואָלט אָפּענטפערן, האָט אים חבר כאַימאָוויטש, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אַראַביש, באַרואיגט:

— לאָז־אָפּ. ער זאָגט אונז אָן די בשורה, אַז זיי פאַר־לאָזן נאָך היינט דאָס אָרט. זיי האָבן מורא דאָ לענגער צו

…אַרבלייבן, ווייל דער נביא האָט זיך צעבייזערט דעריבער, וואָס …ען האָט דעם קוואַל אויסגערייניגט און דעם עמק אונטערגע…ונדן. ער פאַרלאַנגט דערפאַר קרבנות.

די חברים זענען געווען צו טרויעריג, כדי צו פרייען זיך מיט דערדאָזיגער נייעס.

און ווי די חברים שטייען אַזוי אַרום און מען פאַרשיט יאָסלען אין דער ערד, פּאַסירט עפּעס. חבר כאַ:מאָוויטש הויבט זיך אויף פון קבר פאַרשיטן, גלייכט זיך אויס, קוקט אויפן עמק אַראָפּ, און זיינע אויגן דערזעען עפּעס.

— חברים, זעט נאָר דאָרט!

עס האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ הערלעך בילד. די וואָלקנדלעך אויפן הימל, באַפרייט פון זייערע שווערע מאַסעס, האָבן זיך לייכטער באַוואויגן, אָפּגעריסן זיך איינס פון אַנדערן און צערונען, געלאָזט פון זייערע זילבער-באַזוימטע שפּאַלטן דורכשיינען די זון. די קאַנטן פון די בערג זענען באַהויכט-געוואָרן מיט אַ זאַטן טונקל-בלויען קאָליר, האָבן זייערע קאָנ-טורן שאַרף געשניטן אין דעם אויסגעלייזטן, לייכט-געוואָרענעם, מיט פרילינגס-לופט אָנגעפולטן חלל. די זון האָט איבער זייערע רוקנס געשיינט און אַראָפּגעגליטשט זיך און באַלויכטן אַ ברייטן, ווייכן טעפּיך פון קינדיש-פרישע יונגע גרעזער, אין וועלכע דער ווינט האָט זיך געשפּילט. דער גרינער איידעלער טעפּיך האָט זיך ווייט פאַרצויגן פון דעם ראַנד פון זייערע געצעלטן ביז צום ווילדן באַוואַקסענעם עמק אַרויס.

— חברים, אונזערע זאַנגען גייען-אויף!

דער עולם איז געשטאַנען ביים האַלב-באַדעקטן קבר מיט אָפענע מיילער און האָבן נישט געוואוסט, צי זיי זאָלן זיך פרייען אָדער טרויערן. זיי האָבן אַ מינוט פאַרגעסן אָן דעם טויטן יאָסל. זיי האָבן געזען דעם בליענדן עמק.

זיי זענען געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע ביים האַלב-פאַר-שאָטענעם קבר, און באַטראַכט די יונגע ציטערנדיגע גראָזן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער זון, ביז זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן יאָסלען. עס האָבן זיך ביי זיי אויסגעמישט טרויער און פרייד צוזאַמען. פון דענסטמאָל-אָן האָבן זיי צוזאַמענגעבראַכט

חבר יאָסלס טויט מיט די אויפגייענדיגע זאַנגען, און עס איז ביי זיי געוואָרן איין זאַך...

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך חבר יאָסלס טויט זענען די חברים איבעררעשט-געוואָרן פון אַ קאַראַוואַן מיט וועגענער, וואָס האָט זיך געצויגן צו זיי אין דער קבוצה. זיי האָבן צו-ערשט נישט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט. וואָרים חבר כּאַזמאָ-וויטש האָט דעם סוד פאַרטרויט נאָר צו איין חברטע שרה, כּדי זי זאָל אָנגרייטן עסן פאַר די אָנקומענדיגע. ער האָט גע-וואָלט די איבעריגע חברים איבערראַשן. מען איז געקומען צו-זאַמענצולויפן פון די פעלדער אַראָפּ, פון די פייכטע לעכער אַרויס אין דער קבוצה אַריין. און דאָ ציט זיך פון וועג אַרויס איין וואָגן נאָכן אַנדערן, איינגעשפּאַנט צו מויל-אייזלען, אָנגע-לאָדן מיט געצעלטן און כּלים. און נאָך די וועגענער — חברים און חברטעס, פּונקט אַזוי ווי זיי זענען אָנגעקומען. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר חברטע שרהס געצעלט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער גדוד האָט אַרויסגעשיקט די צווייטע קבוצה צו באַזעצן דעם צווייטן פּונקט פון עמק. די חברים האָבן נישט געלאָזט ווייטער ציען די וועגענער צו זייער באַשטימטן אָרט, פאַרהאַלטן זיי אין דער קבוצה אויף איבער נאַכט. עס האָבן זיך געפונען אַלטע פריינט, מיט וועלכע מען איז נאָך צוזאַמען אינדערהיים אין קבוצות געווען. עס זענען אויך געווען פרישע, ניי-אָנגעקומענע. חברטע שרה האָט פאַר זיי עסן אָנגעגרייט, מען האָט זיך געטיילט איבער נאַכט מיט בעט-און-געצעלט.

אין אָוונט, נאָכן געמיינזאַמען עסן, איז די שטימונג צו-ליב די ניי-אָנגעקומענע חברים אויפגעהויבן-געוואָרן. יוחנן הסנדלרס פּיאַטקעס האָבן געשוווענדזשעט, געריסן זיך צו אַ האָראַ. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, צי ער זאָל דאָס פאַרשלאָגן, צוליב יאָסלס טויט, וואָס האָט די גאַנצע קבוצה געהאַלטן איינ-געהילט אין טרויער. און ווי ער שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה, כאַפּט אים חבר כּאַזמאָוויטש אַרויס דעם פאַרשלאָג:

— חברים, — רופט ער זיך אָן, — ווען ער וואָלט געווען מיט אונז, וואָלט ער אויך דאָס געוואָלט וואָס מיר אַלע.

און חברים האָבן פאַרשטאַנען.

— לכּבוד חבר יאָסל יודקעוויטש פון דער ערשטער קבוצה, וואָס האָט געהייליגט דעם עמק — אַ האָרא! — האָט עמיץ אויסגערופן.

און באַלד האָבן זיך אַרום־און־אַרום געבונדן אַקסל־צו־אַקסל, לייב־צו־לייב, די פיס אין דער בלאָטע:

וטהר לבנו,
וטהר לבנו,
וטהר לבנו
לעבדך באמת!...

## קאַפּיטל 13

# חבֿרטע שׂרה

מען האָט שוין געמיינט, אַז חבֿרטע שׂרה איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ זאַך אַזעלכע, וואָס ווייסט נישט פֿון שטימונגען און אויפֿגעלייגט-זיין, פֿון ספֿקות און פֿאַרלאַנגען. אָבער חבֿרטע שׂרה איז אַזוי לאַנג געגאַנגען אין שפּאַן, ווי אַן אונטערטעניק אייזל, אויף וועלכן מען האַלט אין איין אָנלאָדן, ביז זי האָט נישט אַמאָל אַ בריקעווע-געטון. זי האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרנאַכלעסיגן די קיך, עס איז איר מער נישט אָנגעגאַנגען, ווי אַזוי די דריי חבֿרטעס, אירע העלפֿערינס, טוען, וואָס זיי מאַכן פֿון די פּראָדוקטן, וועלכע דער חבֿר „עקאָנאָם" גיט-אַרויס, צי זיי פֿאַרברענען די ציבעלעס און טריקענען-אויס דעם אייל אויף דער צו-לאַנג געהאַלטענער פֿאַן אויפֿן פֿייער, אַז מען קאָן עס מער נישט געניסן; צי די אַרבעס בלייבן רוי און זענען אַזוי האַרט, אַז מען באַדאַרף צו זיי אַ האַמער; צי די קאַרטאָפֿלעס ווערן פֿאַרטאַכלעוועט אין שיילן. די חבֿרים האָבן באַלד אָנגעהויבן צו דערפֿילן, אַז חבֿרטע שׂרהס האַנט פֿעלט אין דער קיך. נאָך ערגער איז געווען מיט דער באַקליידונג. די חבֿרים זענען אַרומגעגאַנגען האַלב-נאַקעט: די רעשט קליידער, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פֿונדערהיים, זענען זיך באַלד אין די בלאָטעס צעפֿאַלן. אין דער וועש-ניירעריי האָט אויסגעפֿעלט לייוונט מיט וואָס צו אַרבעטן. זי שטעלט נישט צו די נויטיגע צאָל וועש פֿאַר די חבֿרים. די חבֿרים גייען-אַרום שמוציג, ווי די ווילדע.

חברים האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז מיט חברטע שרה מיטאַמאָל געשען.

אַ ביסל זענען דאָס געווען אויסערלעכע סיבות. דער טויט פֿון דעם קליינעם יודקעוויטש האָט זי אַזוי נידערגעשלאָגן, אַז זי איז געוואָרן אַפּאַטיש; זי האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז חבר יאָסל איז איר אַזוי אָנגעגאַנגען. דורך דער צייט פֿון זיין קראַנקהייט האָט זי זיך צו אים צוגעבונדן. אָבער דאָס איז נישט נאָר געווען אַ געפיל צו אַ קראַנקן חבר, וואָס יאָסל האָט אין איר דערוועקט, נאָר עפּעס טיפערעס און אומפאַרשטענדלעכעס האָט ער אַרויסגערופן דורך זיין קראַנקהייט ביי איר, בשעת ער האָט געלעבט.

ווען זי פלעגט אָפטמאָל אַריינקומען צו אים, ווען ער איז געלעגן אין גרויסער היץ, דאָס קדחת האָט אים געהאַלטן געפּאַנגען מיט זיינע אייזיגע פינגער, — האָט ער געזוכט שוץ ביי איר. ווען ער האָט געקלאַפּט אַ צאָן-אָן-אַ-צאָן פאַר קעלט, געציטערט איבערן גאַנצן לייב, האָט ער זיך מיט זיין קליינעם אויסגעדאַרטן קערפּער געבויגן צו איר, ווי ער וואָלט זי געבעטן, אַז זי זאָל אים דערוואַרעמען. זי האָט פאַרשטאַנען זיין פאַרלאַנג און אים מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט אַרומגענומען דורך דער קאָלדרע, צוגעדריקט צו זיך, און האָט אים געוואַרעמט. דעמאָלט האָט ער אין איר דערוועקט אַן אינסטינקט, וואָס זי האָט נישט געגלויבט, אַז זי פאַרמאָגט אים, אַז זי איז פעאיג דערויף. אין אָנהייב, ווען דאָס איז איר באַוואוסט-געוואָרן, האָט זי זיך אַליין פאַר זיך פאַרשעמט, דערנאָך איז זי שטאָלץ-געוואָרן דערויף. דער קליינער קראַנקער יודקעוויטש האָט דורך זיין דורשט נאָך צערטלעכקייט דערוועקט אין איר אַ מוטערלעך געפיל. בשעת זי האָט אַרומגענומען זיין קראַנקן קערפּער, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האַלט אַ קליין קינד אין איר שויס. זי איז אָנגעשטעקט-געוואָרן מיט דער מוטערלעכער ברכה, מיט וואָס דער קראַנקער האָט זי געבענשט. פֿון דענסטמאָל-אָן בענקט זי אַ מוטער צו ווערן.

זי האָט געפּרואווט דעם אַרויסגערופענעם מוטער-אינסטינקט צו דערשטיקן אין זיך, ווי ביז-איצט — דורך אַרבעט, דורך אויפלייזן אים אין מוטער-טראָפּנס, מיט וועלכע זי באַשענקט

די חברים, פאַרוואַנדלען אים אין די זאָרגן פאַר דעם קאָלעק־טיוו, ווי ביז־איצט; אָבער עס איז מער נישט געגאַנגען. זי האָט פאַרלוירן דעם אינהאַלט, וואָס זי האָט געהאַט ביז־איצט אין דער אַרבעט — די אידעע פון דעם וואויל פון כלל. זי איז באַהערשט־געוואָרן ווי אַ חיה פון איר אייגענעם מוטער־לעכן דראַנג...

און חבר כאַזמאָוויטש איז געבליבן, ווי ביז־איצט, חבר כאַזמאָוויטש. אַמאָל פלעגט ער פון צייט־צו־צייט איר לאָזן וויסן פון זיין עקזיסטענץ דורך נאָכפרעגן זיך אויף איר ביי חברים, „צי זי האָט שוין אַ בחור". היינט איז ער געגאַנגען אַ שטאַפּל ווייטער: „עס וועט באַלד קומען די צייט אויך אויף אונז, שרה..." — זאָגט ער צו איר יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט צו זיין מיט איר אַליין. צו עפּעס מער דערגייט עס נישט. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיין קאָפּ איז אים נישט איצט צו פּערזענלעכע אינטערעסן; ער האָט עפּעס וויכטיגער'ס אויף זיינע פּלייצעס. נו, געוויס, מען באַדאַרף איר דען דאָס זאָגן? די סיכסוכים מיטן גדוד, וואָס האָבן זיך אַזוי פרי אָנ־געהויבן; די שרעק, וואָס דער פאַרנעם פון דעם גרויסן קיבוץ האָט ביי געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן אַרויסגערופן; דאָס מיען זיך פון געוויסע צדדים צו פאַרלאַנגזאַמערן דעם פּראָצעס פון אויפבויען דעם קיבוץ; היינט די אַנגסט, צי מען וועט טאַקע זיין בכוח צופרידנצושטעלן די דערוואַרטונגען און באַ־ווייזן די ערשטע פרוכטן פון דער אַרבעט; די אַלע זאָרגן, וואָס ליגן אויף אים ווי גאַנצע בערג, — ווי אַזוי קאָן ער איצט האָבן זיין געדאַנק צו איר? ווי אַזוי קאָן ער זיך אָפּ־געבן מיט פּערזענלעכע ענינים? צי איז דען דאָס נישט עגאָיס־טיש פון איר זייט?... אָבער חברטע שרה, נאָך אַלע פאַר־וואורפן און חרטה־שמיץ, וואָס זי טיילט זיך אַליין אויס ביי־נאַכט אויפן געלעגער, קאָן זיך דאָך נישט העלפן. עס זעט־אויס, ווי דער מוטער־אינסטינקט וואָלט זי באַפאַלן ווי אַ גזלן, גע־בונדן איר די הענט־און־פיס, אָפּגעטויט דאָס גאַנצע גוטע און ערלעכע אין איר און פאַרשקלאָפט זי צו איינאיינציגן וואונטש און פאַרלאַנג, אין וועלכן זי איז אינגאַנצן אויפגעגאַנגען...

זי האָט זיך געפּרוּווט העלפן צו באַפרייען זיך פון דעם

באַפּאַלענעם גזלן, זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס איז, נאָך איר מוטער-געפּיל, געווען איצט ביי איר די שטאַרקסטע ליידנשאַפט. דאָס איז געווען די אַרבעט אין דער ביימער-שולע.

חבר נירקעס האָט גענומען פאַרלייגן אויף אַן אָפּגעצוימטע שטיק פעלד זיין ביימער-שולע. ער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט די חברטעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו דערדאָזיגער מלאכה. חבר נירקעס איז געווען פאַרנומען מיט דער איינציגער זאַך — מיט פלאַנצן ביימער. ער איז געווען אַ ריכטיגער בוים-מענטש, ער האָט פאַרשטאַנען זייער לשון, אַזוי אַז ער האָט זיך געקאָנט מיט זיי דורכרעדן. ביימער האָט ער באַהאַנדלט ווי דערוואַקסענע מענטשן, זיינע פריינד, און ביימער-פלאַנצוגען — ווי קליינע קינדער. אַ שטיקל פון דער נאַטור, אַ באַהאַלטענער אין זיך, האָט ער ווייניג-וואָס געמישט זיך אין דער פּאָליטיק פון דער קבוצה. ער האָט זייער זעלטן גענומען אַ וואָרט אויף די פאַרזאַמלונגען. איבעריגנס, איז ער אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אַז עס איז געבליבן ווייניג צייט אין אַנדערע ענינים אים צו פאַראינטערעסירן. עס איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסער קאַמף מיט די אינזעקטן, און מען האָט געדאַרפט אויספאָרשן דאָסדאָזיגע פּראָבלעם, שטודירן די ערד-קוואַליטעטן, דאָס באַוואַסערונגס-פּראָבלעם, די קוואַליטעטן פון די פרוכט-ביימער, וועלכע קאָנען געדייען אין דידאָזיגע קלימאַטישע באַדינגונגען. און חבר נירקעס האָט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אַרויסגעקומען אין דער ווילדעניש, — פאַרנומען, ווי יעדער אַנדערער חבר, ביי טריקענען די בלאָטעס, — אויך געפונען צייט אַרומצוקריכן און נישטערן צווישן די גראָזן, כדי אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ פלאַנצונגען עס וואַקסן דאָ אין דעם ווילדן צושטאַנד פון דער נאַטור, כדי זיי צו קולטיווירן.

און נאָך האָט מען נישט ריכטיג געהאַט די בלאָטעס אויסגעטריקנט, נאָך האָט קיין אַקער די ערד נישט געהאַט דורכגעשניטן, אָבער חבר נירקעס האָט שוין פון דער ערשטער שוואַרצער ערד, וואָס מען האָט אַרויסגעקראָגן פון טריקענען די בלאָטעס אַרום קוואַל, און אויף וועלכן די חברטעס האָבן דעם גרינס-גאָרטן באַאַרבעט, אַ שטיקל באָדן אָפּגעגנבעט פאַר זיין

ביימער-שולע. ער האָט דאָס שטיקל באָדן אַרומגעצוימט מיט דראָטן און פאַרטראָגן צו אים יעדע פלאַנץ, יעדעס בלעטל, אַ רעשטל פון אַ צווייגל, וואָס די אַראַבישע קאָזעס האָבן פאַר-געסן אויסצואויאָרצלען. ער האָט אַרומגעגנישטערט אַרום די נאַ-קעטע בערג, דערטאַפּט אַ ריטל, אַ זכר פון אַביימל, און ער טראָגט עס שוין אַהיים, ווי אַ פאָטער — אַ צערטלעך קינד. און שוין זענען אַלע בלעכן פון די אַמעריקאַנער אייל-קאָנסערוון אָנגעפּולט מיט ערד און פאַרפלאַנצט מיט שטעקעלעך, מיט בלעטער און וואָרצלען, מיט איילבירטן-ריטלעך, יונגע ציפּרעסן, ווי קינדער, אַ פאַרטריקנטן צווייג פון אַן איינגעגאַנגענעם אָלעאַנדער, שפּראָצלינגען פון אייביקן גרינס, אַפילו ליפּע- און דעמבע-בלעטלעך; שוין אָפּגערעדט פון די ווילדע פלאַנצונגען, וואָס ער האָט געפונען אויפן אָרט. חברים לאַכן פון אים אין דער שטיל, אַנדערע זענען אַפילו געגן חבר נירקעסעס גאַנצן עקספּערימענט, וועלכן זיי האַלטן פאַר צו-פרי, און אַז ער קאָסט צופיל אַרבעטס-טעג. אַלע באַטראַכטן דאָס מער ווי אַ שפּיל, איידער ווי אַן אַרבעט. עס הערן זיך אָפּענע שטימען געגן אים אויף די פאַרזאַמלונגען, ווייל די ביימער-שולע ציט-צו די חברטעס, ווי אַ בלום—אינזעקטן, אַלע רייסן זיך צו דערדאָ-זיגער אַרבעט. נאָך קינדער-האָבן, שטילן פרויען זייער מוטער-הונגער דורך פּאָעזיע-שרייבן אָדער בלומען-פלאַנצן. אַזוי ווי קיין מענטשן-קינדער זענען נאָך דערווייל נישטאָ צו צערטלען, קלייבן זיך די חברטעס צו חבר נירקעסעס ביימער-קינדער.

איצט איז חבר נירקעס באַשעפטיגט מיט צוגרייטן די גריבער, אַריינצוזעצן די וויינשטאָקן, וואָס דער ועד שיקט-צו פאַרן וויינגאָרטן. אויך האָט ער שוין אָפּגעריינִיגט אַ שטיק פעלד און גרייט עס צו פאַר אַ יונג איילבירטן-וועלדל, וואָס ער וויל פאַרזעצן צופוסנס דעם באַרג גלעד. דער וואַלד, וואָס וועט זיך ציען אויף זיין שיפּוע, שטייט נאָך אין קליינע ריט-לעך אין דער ביימער-שולע. אַ חוץ דעם האָט ער שוין באַ-זעצט מיט אייקאַליפּטוס-ביימלעך אַ טייל פון דער טייך-קאָרעטע, וואָס מען האָט אויסגעטריקנט. אויך פאַר דער ציפּרעסן-אַלעע גראָבט ער שוין גריבער, וועלכע ציען זיך פון לאַגער-אָן ביז דעם בית-הקברות. אָבער פון דער ביימער-שולע נעמט ער קיין

אויג נישט אַראָפּ, דאָרט האָלט ער, ווי חברים רופן דאָס, אין איין „עקספּערימענטירן”, מיט דער הילף פֿון אַ פּאָר חברטעס. פֿונוואַנען האָט ער אַזויפיל צייט דערצו? אַז בסך־הכל פֿאַר־ברענגט ער די נעכט מיט לעזן און שטודירן די פֿאַרשידענע פּראָבלעמען פֿון ביימער־דערציען אין זיין קליינער אָבער ערנסטער פֿאַך־ביבליאָטעק, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער קבוצה.

בשעת חברטע שרה איז נאָך געווען פֿאַרנומען אין דער קיך און מיטן קראַנקן חבר יאָסל, פֿלעגט זי יעדעס מאָל, ווען זי איז דורכגעלאָפֿן פֿון דער קיך אין דעם שפּיטאָל־באַראַק, וואַרפֿן אַ בענקענדן בליק אַהין אין חבר נירקעסעס ביימער־שולע, פֿון וועלכער די איידעלע ציטערנדיגע צווייגלעך האָבן פֿונדערווייטנס געצויגן איר האַרץ צו זיך. ווען זי האָט נאָר אַ מינוט צייט געהאַט, איז זי שוין דאָרט געווען. די אַרבעט אַרום די יונגע צווייגלעך איז געווען איר אָפּרו, איר שבת און יום־טוב. איצט, ווען זי האָט אַזוי עקשנותדיג געוואָרפֿן די קיך מיט אַלע זאָרגן פֿון אירע פּלייצעס, איז זי אַריינגעקומען צו חבר נירקעס אין זיין ביימער־שולע, און געזאָגט צו אים:

— חבר נירקעס, נעמט מיך צו צו אייער אַרבעט.

— איך וואָלט אייך שוין צוגענומען, חברטע שרה; אָבער וואָס וועלן די חברים זאָגן?

— די חברים? איך בין מיד. עס זענען דאָ אַנדערע, וואָס קאָנען באַזאָרגן די קיך.

חבר נירקעס האָט זי פֿאַרשטאַנען. דאָס געשריי „איך בין מיד” האָט אים גערירט. און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿונמיינעטוועגן פּראָבירט. איך האָב מורא פֿאַר אַ שטורעם.

חברטע שרה האָט זיך צוריקגעפֿונען. זי איז פֿול־געווען מיט צערטלעכקייט און ליבע, ווי אַ רייפֿע טרויב מיט ווייַן. זי האָט געפֿלעגט די יונגע געוויקסן מיט דערזועלבער צערטלעכ־קייט, ווי זי פֿלעגט צערטלען דעם קראַנקן יאָסל. ווי זי האָט דאָס ליב־געהאַט אַדורכצוזיפּן דורך אירע פֿינגער די שוואַרצע ערד אין דער בלעך אַריין, ווען זי האָט פֿאַרפֿלאַנצט אַ יונגן שפּראָצלינג, אַ צווייגל פֿון אַ בוים, אַ ציבעלע פֿון אַ בלומען־

קושאַק. עס איז צוריקגעוואַקסן אין איר די שאַפונגס-פרייד, וואָס זי האָט געהאַט לעצטנס פאַרלוירן. און ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פון דעם צווייגל װעט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ בוים, איר בוים, וואָס וועט פאַרדעקן די שאַנד פון דער נאַ־קעטקייט פון די ארץ-ישראל-בערג, האָט זי פאַרשטאַנען דעם טעם פון איר לעבן. ווי זי האָט זיך דאָס געפרייט צו זען, ווי דאָס נאַקעטע צווייגל באַקומט דאָס ערשטע קנאָספּל, דאָס הערצל פון בלעטל, דורך וועלכן עס ציט זיין אָטעם, ווי אַ קינד וואָלט דאָס ערשטע ציינדל באַקומען. אירע צווייגלעך גייען-אויף! מיט ליבע איז זי אַרום זיי אַרומגעגאַנגען: דעם האָט מען צו-טיף אַריינגעזעצט אין דער ערד און עס ווערט דער־שטיקט; יענעם צווייגל האָט מען פאַרשטעלט אין שאָטן, און די פלאַנצונג האָט מען פאַרגעסן צו באַוואַסערן... זי איז צוריק פריילעך· און לעבעדיג-געוואָרן, די אַלטע חברטע שרה, די פרייד פון שאַפן האָט אָנגעהויבן אויסצוגלייכן די טיפע פאַלדן פון אירע אויגן-לעדלעך און אונטער איר גאָמבע, וואָס די זאָרג און די קיך האָבן געגראָבן.

די פרייד איז איר אָבער אויף לאַנג נישט באַשערט-גע־ווען. חבר נירקעס האָט רעכט-געהאַט: צווישן די חברים איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. די חברים, וועלכע זענען אייפעריג־געווען צו זען דעם עמק ווי אַמשנעלסטן צוגעדעקט מיט זאַנ־גען, אין וועלכע דער ווינט זאָל ווי אויף די וועלן פון אַן אָזיערע בלאָזן, זענען צו אומגעדולדיג-געווען צו וואַרטן, אַז פון די קליינע שטעקעלעך זאָלן ווערןביימער. זיי האָבן די גאַנצע האָפענונג געלייגט אויף די תבואות, זיי האָבן איבערהויפּט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מען פטרט אַזוי פיל כוחות, געלט און אַרבעטס-הענט אויף אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט. איצט, ווען דעם חבר נירקעסעס „שפּיל" האָט ביי זיי צוגע־רויבט דאָס טייערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, צוגענומען ביי זיי די חברטע שרה, אָן וועלכער זיי האָבן זיך נישט גע־קאָנט באַגיין, זענען זיי ווילד-געוואָרן. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געהערט שטימען געגן דער ביימער-שולע, אַז עס איז נאָך צו-פרי, און מען פטרט בחינם כוחות, א. אַז. וו.

חבר כאַזמאַוויטש האָט פאַרשטאַנען די חברטע שרה. ער

האָט נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך, אַז ער זאָל רעדן מיט איר וועגן דעם ענין, וואָס איז זיי אַמנאָענטסטן אָנגעגאַנגען און וואָס — ווי ער האָט געפילט — איז די הויפט־סיבה פון חברטע שרהס געמיט. די לאַגע אין דער קבוצה איז געווען אַזעלכע, אַז זי האָט אָפגענומען ביי אים אַלע זיינע אינטערעסן, זי האָט פאַרלאַנגט אַלע זיינע מאָראַלישע און פיזישע כוחות. אָבער דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און דערוואַרט פון זיך, האָט ער נישט פאַרלאַנגט און דערוואַרט פון אַנדערע, אַפילו נישט פון דער חברטע שרה. ער האָט דערפאַר אויסגעמיטן מיט איר צו רעדן. וואָס קאָן ער איר זאָגן? אַז זי זאָל צוריקגיין אין קיך אַריין? אַז זי געפינט נישט מער קיין שאַפונגס־פרייד אין דערדאָזיגער אַרבעט, אַז איר נשמה און רו ליגט אין דער ביימער־שולע.

אָבער איינמאָל שבת־נאָכמיטאָג, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַשטימט דעם וואָכן־פּראָגראַם פאַר דער אַרבעט, האָט חבר כאַ?מאָוויטש געטראָפן די חברטע שרה אין הויף פון משק. פאָרלעך האָבן זיך שוין צוזאַמענגעפּאָרט און זענען געגאַנגען באַזונדער איבער דעם לאַגער, אַרויסגעקראָכן אינדרויסן, געזעסן צו גאַסט אין די געצעלטן. חבר כאַ?מאָוויטש און חברטע שרה זענען געגאַנגען איבער דער בלאָטיגער „אַלעע", וועלכע חבר נירקעס האָט פאָרלויפיג אָנגעמערקט מיט אויסגעגראָבענע גריבער פאַר זיינע ציפּרעסן, אַרויף אויפן באַרג צום בית־עולם־צו. דער בית־עולם, וואו דער אָרימער יאָסל יודקעוויטש איז געלעגן איינער אַליין, איז געוואָרן דער נאַטירלעכער שפּאַציר־גאַנג פון דער קבוצה. איצט גייען זיי ביידע, האַלב־אויפגעצערטע מענטשן, מיד פון דער אַרבעט, מיט פאַרשטיינערטע פאַלדן אין זייערע פנימער און שוויגן ווי קלייגשטעטלדיגע חתן־כלה, וואָס מען פירט־צונויף צום ערשטן מאָל. ער קאָן נישט מנצח־זיין, דער אַלטער בחור, דעם צנועהדיגן צוגאַנג צו אַ פרוי, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער, דעם חסיד, דורך זיין שטרענג־רעליגיעזער דערציאונג און דורך זיין אינערלעך־מאָראַלישן מהות, — מעג עס אַפילו זיין צו חברטע שרה. דאָס מאָל איז ער אַפילו נישט פריילעך אין איר געגנוואַרט ווי תמיד, זאָגט נישט אַפילו אין האַלבן שפּאַס, אין האַלבן ערנסט ווי תמיד:

„עס וועט שוין באַלד אויף אונז אויך צייט-זיין!“ זי פילט, אַז עפּעס דריקט אים אויפן האַרץ, אין די קליינע קנייטשן פון זיין שטערן זעט זי, אַז ער האָט זאָרגן. זי קריגט רחמנות אויף אים און וויל אים אַרויסהעלפן. זי רופט זיך די ערשטע אָן:

— וואָס איז, וואָס ביסטו אַזוי פאַרדאגהט?

— איך האָב מורא, אַז חבר נירקעסעס משתלה (ביימער-שולע) שטייט אין סכנה. וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן מיט דיר. די חברים האַלטן, אַז עס איז צו-פרי דער עקספּע-רימענט מיט די ביימער און צו-קאָסטבאַר.

— אַלץ דערפאַר, ווייל איך בין פון קיך אַוועק. ווען איך וועל אַפילו נישט זיין אין דער ביימער-שולע, וועל איך אין דער קיך סיי-ווי נישט צוריקגיין, — דערוועקט זיך אין איר אַ טראָציגקייט.

— שרה, די חברים באַדאַרפן דיך, מיר קאָנען זיך אָן דיר נישט קיין עצה-געבן, דו ווייסט עס.

— אָבער איך מוז דאָך פאַר מיר אויך אַביסל צייט-האָבן, איך מוז דאָך איינמאָל אויך טון דאָס, וואָס איך האָב ליב און וויל.

חבר כאַזמאָוויטש האָט געשוויגן.

— ביז ווי-לאַנג איז דער שיעור?

חבר כאַזמאָוויטש האָט זי ביי דער האַנט אָנגענומען.

— שרה!

— איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן: אַז עס איז שוין באַלד אויף אונז אויך צייט... — ווען זי האָט געזען, אַז די ווערטער האָבן אים דאָס בלוט אין זיין פּנים געבראַכט, האָט זי חרטה-געהאַט אויף די רייד און זיך מצער-געווען דערפון.

חבר כאַזמאָוויטש האָט עס געפי ט.

— נו, וואָס דען זאָל מען טון? אויב דו ווילסט, קאָנען מיר זיך היינט דערקלערן פאַר מאַן-און-ווייב!

זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, וואַרפנדיג אַ יונגנטלעכן לאָק האָר, וואָס איז איר אַריין אין די אויגן, און אים אָנגעקוקט:

— זענען מיר דען שוין נישט?

— שרה!

און דער אַלטער בחור האָט זי מיט זיין אָרעם אַרומגע-נומען, און געאָרעמט זענען זיי שוין אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג.

— אָבער מיר קאָנען נישט פאַרלאַנגען פון די חברים אַ באַזונדער געצעלט פאַר אונז, נאָכדעם ווי מיר האָבן עס אַנ-דערע אָפגעזאָגט, — כאַפּט ער פלינק אַריין.

— געוויס נישט.

— נאָך די רעגנס, ווען עס וועט ווערן אַביסל געראַמער.

— אָבער דאָס ענדערט נישט מיין באַשלוס. איך גיי נישט מער צוריק אין דער קיך אַריין. איך בין מיד דערפון.

— טו, ווי דו פאַרשטייסט, — ענטפערט ער.

— די חברטעס וועלן זיך אויסלערנען קאָכן, זיי מוזן דאָך אַמאָל דאָס קאָנען אָן מיר אויך.

כאַ:מאָוויטש שווייגט.

— וואָס שווייגסטו?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו ווייסט, אַז עס איז נישט דאָס קאָכן בעסער אָדער ערגער, די חברים באַדאַרפן דיך האָבן אין קיך, אין דער וועשעריי. אַז דו ביסט דאָ, איז אַלץ דאָ. מיר קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן אָן דיר. נאָך דערצו איצט, אין דער ערשטער צייט.

— ניין, ניין, ניין. איך גיי נישט מער צוריק אין דער קיך. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט. איך האָב ליב מיין איצטיגע אַרבעט.

כאַ:מאָוויטש האָט שוין געשוויגן.

זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי זיי זענען אָנגעקומען צו יאָסלס קבר. די פיס האָבן זיי אינסטינקטיוו פאַרטראָגן צו דעם קליינעם בערגל, וואָס דער רעגן האָט עס כמעט אויסגעגלייכט מיט דער ערד. בלויז דאָס אָרימע ברעטל צוקאָפּנס האָט עדות-געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קבר. יאָסל איז געלעגן איינער אַליין צופוסנס פון נאַקעטן באַרג גלבוע און האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם באַאַרבעטן טאָל, וואָס האָט זיך שוין איצט ווייט אַריינ-געשניטן אין דער ווילדעניש אַ באַוואַקסענער מיט גרינע גרעז-ער. אַ ווינטל איז אַדורכגעגאַנגען און געגלעט די יונגע גרעזער

און געצערטלט זיי מיט מוטערלעכער האַנט. אָן אַ זייט האָבן זיך געזען רויטע ריטער פון חבר נירקעסעס ביימעלעך. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, דער טאָל און די ווייטע בערג זענען געווען בלוילעך. דאָס גרינס פון באַארבעטן עמק איז געשטאַנען פאַרלוירן און דערשראָקן אינמיטן פון דער גרויסער ברייטער ווילדעניש אַרום, באַדראָט פון דעם פאַרכמאַרעטן הימל און פון דעם ערנסטן אָנבליק פון די בערג. יאָסלס קליין קבר מיטן קליינעם בערגל האָט אויסגעזען ווי אַ שומר, וואָס ליגט אויפן באַרג און היט דעם באַארבעטן עמק מיט די פּאָר פאַר־שפרייטע געצעלטן, וועלכע ליגן פאַרשלונגען אין מויל פון דער פוסטקייט.

שרה האָט אינסטינקטיוו מיט איר האַנט געצערטלט דאָס קליינע ברעטל אויף יאָסלס קבר, ווי עס וואָלט געווען יאָסלס געקרייזלטער שווארצער קאָפּ, וואָס זי האָט אַזויפיל מאָל גע־האַלטן אויף איר שויס בעת זיין קראַנקהייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דערהערט פון קבר אַרויס זיינע לעצטע ווער־טער, וואָס ער האָט אַרויסגעקריצט צווישן זיינע פאַרשטייפטע ציין: „גייט... גייט ווייטער... מיר איז אַזוי קאַלט...“

אויפן וועג אַהיים האָט זי שוין גערעדט מיט חבר כאַי־מאָוויטש אָט־וואָס:

— די באַשפּייזונג פון די חברים מוז דורכאויס בעסער־ווערן. מען קאָן נישט פאַרלאַנגען פון די חברים בעת די רעגנס אין ביי דערדאָזיגער שווערער אַרבעט, אַז זיי זאָלן זיך באַ־גנוגן־לאָזן מיט בלויזע קאַרטאָפלעס און בעבעלעך. מען מוז אַ שטיק פון בודזשעט אויסגעבן אויף בעסערער באַשפּייזונג. מיר קאָנען נישט זיין ווי ביי פּרעהן, „קיין שטרוי גיט מען אונז נישט און די מאָס ציגל מוזן מיר שאַפן“, — האָט זי צוגע־לייגט אויף העברעיִש מיט אַ פּסוק פון חומש. — אויך מוז מען זאָרגן וועגן באַקליידונג. אויב ווער פון די חברים וועט זיך צוקילן אין די רעגנס, וועט עס טייערער קאָסטן. איין קבר האָבן מיר שוין, גאָט צו דאַנקען, פאַרזייעט אויפן באַרג. ניין, באָרוועס און נאַקעט קאָן מען נישט אַרומלויפן אין די בלאָ־טעס, מען מוז פאָרן קיין חיפה אַדורכרעדן זיך מיטן וועד פון

גדוד, מען באַדאַרף לייוונט ברענגען און אַמעריקאַנער קאָנסערוון. עס איז שוין אַלעמען מיאוס פון די באָבעס.

דעם אָוונט אויף דער פאַרזאַמלונג האָט חברטע שרה גענומען אַ וואָרט און געמאַכט דעם געהעריגן פאָרשלאָג וועגן רעאָרגאַניזירן די גאַנצע באַשפּייזונגס- און באַקליידונגס-סיסטעם. חברים זענען אַזוי דערשטוינט- און דערפרייט-געוואָרן, אַז מען האָט בגנבה פלינק אַראָפּגענומען פון דער טאָג-אָרדענונג דעם פונקט פון חבר נירקעסעס ביימער-שולע, וועלכן מען האָט געהאַט אַרויפגעשטעלט. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָך יאָסלען חברטע שרהס אַ געליבט קינד, און מען האָט זיך נישט געוואָלט טשעפּען צו דעם.

קאַפּיטל 14

# אין דער קי-שטאַל

די וועלט איז געשטאַנען אַ באַנייטע. אָפּגעצוואָגן פון רעגן, האָבן די פאַרבן צוריק באַקומען זייער קדמונישע ליכט. די בערג זענען טיף-בלוי-געווען. דער באַאַרבעטער עמק — גרין, און דער הימל, באַפרייט פון די אָנגעלאָדענע וואָלקנס, האָט אויף אַ ווייל צוריקבאַקומען זיין אַלט ארץ-ישראלדיג חשמל-פייער. דער חלל איז לייכט-געווען און דער ווינט האָט געטראָגן פרילינגס-הויכן.

חברטע שרה שטייט אויף דער שוועל פון איר געצעלט, זעט ווי די אַראַבער, וועלכע זיצן אויפן באַרג, פאַרלאָזן זייערע הייזלעך און באַוועגן זיך. זי רופט-אַרויס די חברטעס פון קיך-געצעלט. אייניגע חברים, וואָס זענען באַשעפטיגט אין משק, שטעלן זיך אָפּ און קוקן-נאָך די אַראַבער: יאָ, ס'איז טאַקע אמת, זיי פאַרלאָזן זייערע הייזלעך. עס ציט זיך אַ גאַנצער קאַראַוואַן פון באַלאָדענע אייזעלעך מיט בעט-געוואַנט און מעבל-שטיקער, אַראַבערקעס מיט קינדער אויף די הענט און קינדער ביי די לאַנגע שוואַרצע ספּאָדניצעס שלעפּן זיך נאָך די אייזע-לעך, די מענער גייען פאָראויס און טרייבן-אָן די אויסגעמאָגערטע סטאַדע מיט קאָזעס.

באַלד איז איבערן גאַנצן משק פאַרהילכט-געוואָרן די בשורה: די אַראַבער ציען-אָפּ!

חברים און חברטעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די נאָענטע פעלדער, קומען אָנצולויפן, מען באַשטימט אויף גע-

שווינד, אַז מען זאָל איבערטראָגן די געצעלטן אויפן באַרג-אַרויף, נאָך איידער די חברים קומען-אַהיים פון דער אַרבעט.

נאָר קוים האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די פאַרלאָזענע אַראַבישע הייזלעך, האָבן זיי שוין חרטה-געהאַט אויף זייער באַשלוס. עס האָט זיי אַנטקעגנגעשלאָגן אַ געשטאַנק, וואָס איז אוממעגלעך-געווען איבערצוטראָגן. מען האָט געפּרואווט אויפרוימען דאָס שמוץ אַרום די הייזלעך, איז נאָך ערגער-געוואָרן, מען האָט מיט די שפּאַדלעס און גראַבליעס אויפגעדעקט מיסטן, וועלכע זענען דאָרט געלעגן זינט דורות. די דורכגעווייקטע קופּעס מיט אָפּפאַלעכץ האָבן געשלאָגן פון זיך אַ וואַרעמע פּאַרע. די איינציגע עצה איז געווען פאָרלויפיג זיי צו באַשיטן מיט ערד און צוצודעקן זיי אַזוי, אַז מען זאָל זיי נישט פילן און זען...

נאָך ערגער איז געווען, ווען די חברים האָבן זיך אַריינגעריסן אָטעמלאָזע אין דעם הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אָנגעיוירענע ליימענע הייזלעך, אָנגעלענט איינע אויף די אַנדערע. אַ שאַרפער געשטאַנק פון פוילנדיגע נבלות און פון רויכנדיגן מיסט האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. אין די הייזלעך איז געווען פול מיט שפּינען און ווערים, אַלצדינג איז געווען פאַרשוואַרצט און פאַררויכערט, מענטשלעך אָפּפאַלעכץ איז געלעגן אַרום אין אַלעווינקעלעך, צוזאַמענגעבאַקן מיט בהמהשן, וואָס די אַראַבער האָבן באַנוצט אַלס ברען-מאַטעריאַל. ניין, אין דעם מיסטקאַסטן איבערצוטראָגן די וואוינונגען איז געווען אוממעגלעך. מען האָט באַשטימט פאָרלויפיג דעם לאַגער איבערצולאָזן דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען, נאָר די אויפגעשלאָגענע געצעלטן איבערצופירן אויף דער צווייטער זייט פון קוואַל, נענטער-אַרויף צום באַרג, וואו דער באָדן איז צוליב זיין משופּעדיגקייט פיל טריקענער. דעם הויף מיט די ליימענע אַראַבישע הייזלעך האָבן זיי, נאָכן אויסרייניגן, באַשטימט צו פאַרוואַנדלען אין שטאַלן פאַר דער סטאַדע אַראַבישע קי, וואָס דער ועד פון גדוד האָט איינגעקויפט פון די שכנותדיגע אַראַבער אַלס אַן אָנהייב פון אַן אינווענטאַר פאַר דער קבוצה. אויך האָט מען גערעכנט דאָרט צו פאַרלייגן אַ הינער-שטאַל.

על־כל־פנים איז דאָך געוואָרן אַביסל גערוימער, נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן אָפּגעצויגן.

און אַ רחבות איז געקומען אויף דער וועלט. הידד, מיר וואַקסן! די ערשטע הינער־שטייג איז אויפגעשטעלט־געוואָרן. צוויי הונדערט איטאַליענישע „לייג־האָרנס”, ווייסע מוטערס, מיט צוואָנציג פּאַטערס דרייען זיך שוין אַרום אין דעם געצוי־מען פעלד, וואָס מען האָט פאַר זיי אָפּגעצוימט. אַן אינקובאַטאָר איז שוין באַשטעלט, און ער איז צו דערוואַרטן יעדן טאָג. און ענדלעך האָט מען אַריינגעטריבן אין לאַגער די סטאַדע קי, וואָס דער גדוד האָט אָפּגעקויפט ביי די אָרטיגע אַראַבער און באַ־שטימט פאַר אַ טייל פון דעם אינווענטאַר פון דער קבוצה. די קי זענען געווען פון דמשקער ראַסע, זייער אויסגעמאָגערט. מען האָט זיי איינקוואַרטירט אין די אַראַבישע הייזלעך, וועלכע מ׳האָט — ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזן — אויסגערייניגט און איבערגעמאַכט אויף שטאַלן. די אויפזיכט איבער דעם טייערן אוצר — די האָפענונג פון דער קבוצה — האָט מען איבערגעגעבן דעם חבר בורלאַק און דער חברטע חנה זלאַ־טשאָוו.

די קי האָט מען באַלד „מגייר”־געווען אויף העברעיש. איינע האָט געהייסן „עדינה”, אַ צווייטע — „עניה”, „שחורה”, „גאוה”, „חמדיה” און „חפצי־בה” — כאָטש עס איז גאָרנישט געווען דאָ וואָס צו גלוסטן אין איר. רופן האָט מען זיי גאָר באַדאַרפט נאָך די נעמען פון די זיבן מאָגערע קי, וואָס פרעה בשעתו האָט געזען אין חלום... די זשעבערעס האָבן אַרויסגעי־סטאַרטשעט פון דער פעל, מיט איינגעפאַלענע לעכער. דערוויילל האָט מען נאָך פאַשע פאַר די קי געמוזט קויפן פון דרויסן, און עס איז נישט אַזוי לייכט־געווען דעם שאַדן, וואָס די אַראַבער האָבן אין די בהמות אָנגעטון, אַזוי גיך גוט־צו־מאַכן. אָבער דער חשק און דער ווילן, די קי ווי אַמשנעלסטן אויף די פיס צו שטעלן, אַז זיי זאָלן זיין אַ פּראַכט, „מיט וועלכע ישראל זאָל זיך קאָנען רימען”, איז גרויס־געווען; נאָך מער — ביי די חברים, וואָס האָבן זיך באַשעפטיגט מיט זיי, ביי חבר בורלאַק און חברטע חנה, וועלכע האָבן געטון אַלץ, וואָס איז גאָר מעגלעך־געווען. אָבער קיין וואונדער קאָנען זיי נישט באַ־

שאַפן. דערווייל האָט מען אַ חוץ אַרבעט, ווייניג־וואָס געהאַט פון דעם אינווענטאַר. די אייער פון די הינער און די קאָרגע מילך, וואָס די קי האָבן געגעבן, האָט מען באַדאַרפט אָפּפירן יעדע נאַכט קיין עפולה און אָפּשיקן מיט דער באַן קיין חיפה, כדי צו האָבן פאַרוואָס איינצוקויפן שפייז פאַר זיי. וואָרים אַ חוץ וואַסער, האָט מען נאָך אַלצדינג באַדאַרפט קויפן פאַר די בהמות.

מיט אומגעדולד קוקט־אויס חבר בורלאַק אויפן ערשטן בינטל היי, וואָס מען האָט פאַרזייעט. די הינער האָבן דערווייל מער געקאָסט צו פיטערן, ווי די אייער האָבן אַריינגעבראַכט. אָבער דאָך האָט חברטע שרה געהאַט מיט וואָס די זופּ צו פאַר־שלאָגן, מען האָט געקאָנט אַ פּאָר אייער אַראָפּגנבענען פאַר אַ קראַנקן, אויך אַ פּאָר קוואָרט מילך אויפצוקאָכן און אַריינגיסן אין דער רייז. דאָס איז געווען אַ געשמאַק און נוצלעך מאכל אין די טעג פון רעגנס, עס האָט צעוואַרעמט די ביינער. אָבער אַ חוץ דעם, האָט עס די פאַרמוטשעטע חברים געגערט מיט האָפענונג און אויסזיכטן — דאָס פאַרמעגן וואַקסט איבער נאַכט!

און געפינט זיך שוין דען נישט אויפן וועג פון האָלאַנד די „האָפענונג פון ישראל" — דער ביק פון דער ריינסטער האָלשטיין־פריזער־ראַסע, וואָס דער ועד פון גדוד מיט אַלע ארץ־ישראל־אינסטיטוציעס צוזאַמען האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו דערווערבן דעמדאָזיגן תכשיט, כדי אים משדך צו זיין מיט די דמשקער קי און אויסבעסערן זייער ראַסע אין ארץ־ישראל? גאַנץ ארץ־ישראל איז געווען פאַראינטערע־סירט אין דעמדאָזיגן שידוך, און אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך באַשטייערט אויף דעם גרויסן נדן, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט פאַר דעם „חתן". ער שטאַמט פון גרויסן יחוס. זיין פאָטער, זיידעס און עלטער־זיידעס זענען געווען באַרימט אין דער וועלט, און אַלע לענדער האָבן זיך נאָך זיי געריסן. דער דור קי, וואָס גייט־אַרויס פון זיינע לענדן, גיט דרייסיג ליטער מילך אַ טאָג. זיי זענען ברייט־פּיסיג, מיט קאַפּיטאַלע ביינער. די קעלבער ווערן געבוירן גאַנצע אָקסן, — האָט מען דערציילט וועגן אים גבורות ונפלאות. איידער ער איז נאָך אָנגעקומען. און דערפאַר איז מען איינגעגאַנגען אויף דעם גרויסן נדן, וואָס האָט אָנגע־

טראָפן אַ סומע, פאַר וועלכער מען האָט שוין באַלד געקאָנט אַ צווייטע קליינע קבוצה גרינדן. איידער ער איז נאָך אָנגעקו־מען, האָט אים שוין גאַנץ ארץ־ישראל געהאַלטן אין געבן יתרוס נעמען, כדי אים מגייר צו זיין אויף לשון־קודש. מען האָט אים גערופן „שמשון הגיבור". אין דער קבוצה האָט מען אים געוואָלט אַ נאָמען־געבן, צוליב לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם, „יפתח הגלעדי". אַנדערע חברים האָבן אים געוואָלט אַפילו אַ נאָמען־געבן „קאַרל מאַרקס", כדי אונטערצושטרייכן דאָס סאָציאַליסטישע סיסטעם, וואָס ער איז באַרופן צו דינען. אָט דעם „שמשון הגיבור", האָט מען צוגעזאָגט דעם ערשטן אַריינצושיקן אין דער קבוצה, כדי צו באַפרוכפּערן דעם עמק מיט אַ דור בהמות, וואָס זענען ווערט דעם רוף פון זיינע לענדן... דערווייל האָט מען זיך אָבער געמוזט באַנוגענען מיט די דמשקער קי, פאַר וועלכע חבר בורלאַק און חברטע חנה האָבן אַלץ געטון, כדי צו פאַרבעסערן זייער אויסזען נאָך איידער דער ביק קומט־אָן, אַז ער זאָל זיך מיט זיי נישט באַדאַרפן שעמען.

חברטע חנה זלאָטשאָוו, זינט עס האָט זיך מיט איר גע־טראָפן דאָס אומגליק בעת דעם פּאָגראָם אין איר אוקראַינישער שטאָט, האָט געמיינט, אַז פאַר זיך איז זי שוין גאָרנישט. אויב זי לעבט, איז עס נאָר מיט דעם זכות פון אַרבעט, פאַר וועל־כער זי האָט זיך אַוועקגעשאָנקען. זינט יענע טרויעריגע געשעע־נישן, וואָס לאָזן אין זיך קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, קאָן זי נישט פאַרטראָגן דעם גערוך פון אַ מאַן... ביי יעדער באַ־רירונג מיט דעם מענלעכן מין, דערוועקט זיך אין איר דער גאַנצער עקל, וואָס איז געבליבן אין איר לייב שטעקן ווי אַן אומאויסהיילבאַרע וואונד. אויף די אָוונטן, ביי וועלכע עס זענען געטאַנצט־געוואָרן די האָראַס אין די פאַרשידענע ערטער, אין וועלכע זי האָט זיך געפונען, איז זי תמיד געזעסן באַזונ־דער אַליין ווי אַ סוטה און פאַרגעקומען זיך ווי טמא... וויפיל חברים עס האָבן זיך נישט געמיט זי אַריינצוציען אין דעם רעדל פון טאַנץ, האָט זי זיך באַלד דערפון אַרויסגעמאַכט, פאַרשוואונדן אַליינע אַליין אין דרויסן אין דער נאַכט אַריין און פאַרקוקט זיך אין די שטערן. זי האָט אַפילו נישט געקאָנט וויינען...

זינט אָבער זי געפינט זיך אויף דעם נייעם אָרט אין דער קבוצה מיט די חברים, הייבט זי זיך אָן פאַמעלעך צו ענדערן. זי באַמערקט עס אַליין נישט. צי איז עס דערפאַר, ווייל זי פילט צום ערשטן מאָל, אַז זי אַרבעט נישט פאַר פרעמדע, ווי ביז-איצט ביי די רייכע יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע באַהאַנד-לען זייערע ברידער-אַרבעטער מיט יענער זינד פון שנאת-אחים, וואָס האָט גורם-געווען, אַז דאָס בית-מקדש זאָל חרוב-ווערן און יידן זאָלן פאַרטריבן-ווערן פון זייער לאַנד! צום ערשטן מאָל, וואָס זי אַרבעט פאַר זיך, פאַר חברים, צווישן וועלכע זי געפינט אַ היים, און די אַרבעט היילט זי. די אַרבעט קומט איר פאָר ווי אַ רייניגונגס-טבילה, וועלכע וואַשט-אָפּ דעם שאַנד-פלעק, וואָס איז געבליבן קלעפּן אויף איר.

וואָס שווערער און שמוציגער די אַרבעט איז, אַלץ מער פילט זי זיך דורך איר גערייניגט, און זי רייסט זיך צוליב דעם צו דער אומאָנגענעמסטער און אומריינסטער מלאכה.

באַלד ביים אָנהייב איז אויפגעשטאַנען די פראַגע פון האַלטן אין אָרדענונג די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען". זיי זענען אַזוי גערעגלט-געוואָרן, אַז די חברים האָבן געהאַט צו פאַרריכטן די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען" יעדער איינער, נישט געקוקט אויף דעם עלטער אָדער פאַרדינסטן, לויט דער ריי נאָך. חנה זלאָטשאָוו האָט עס נישט נאָר געטון פאַר זיך, נאָר האָט נאָך אָפּגעלייזט אַנדערע חברטעס, וואָס דאָס איז געווען געגן דער רעגל. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז דורך דער אַרבעט, וואָס האָט דאָ ביי קיינעם קיין באַזונדערע אורזאַך פאַר מיאוסקייט נישט אַרויסגערופן, ווייל די אַרבעט איז געטון-געוואָרן פאַר זיך, קריגט עפּעס אין איר אַ תיקון. דאָסזעלבע איז אויך גע-ווען ביי דעם וועש-וואַשן. חברים און חברטעס האָבן יעדע איינע ערפילט די מצוה פון וועש-וואַשן, אָבער מען קאָן נישט זאָגן, אַז מען האָט זיך געריסן צו דערדאָזיגער אַרבעט. אַז מען האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצומאַכן דערפון און איבערצובייטן די אַרבעט אויף עפּעס אַנדערש, האָט מען עס אַוודאי געטון. חברטע חנה אָבער איז באַרייט-געווען יעדן איינעם אָפּצולייזן. ווען זי איז געשטאַנען ביי דער מולטער און געריבן די העמדער און די אונטער-וועש, וועלכע זענען פון די

בלאָטעס און אַרבעט דורכגעזאַפּט־געװען מיט ערד און שווייס, אַז עס איז מער נישט געווען צו דערקענען פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל דער שטאָף פון די וועש איז געמאַכט; ווען זי האָט געריבן מיט אירע הענט די שוואַרצע פלעקן, — האָט זי צו־זאַמען מיט דעם שמוץ, וואָס איז אַרויס פון די העמדער און אָפּגעזעצט זיך אין וואַסער, זיך געפילט אָפּגעוואַשן פון די שאַנד־פלעקן, וואָס זענען קלעפּן־געבליבן אויף איר נשמה...

זינט אָבער די חברטע חנה איז באַשעפטיגט אין שטאָל ביי די קי, האָבן חברים און חברטעס געקאָנט באַמערקן אַ בולטע ענדערונג אין געמיט, אין דער אויפגעלייגטקייט, אַפילו אין אויסזען פון דער חברטע חנה. נישט אַלע חברים האָבן געוואוסט די אמתע סיבה, פאַרוואָס אויף חברטע חנהס האַרטן פנים ליגט אַזאַ שווערע זאָרג און טרויער, פאַרוואָס די חברטע גייט שטענדיג איינזאַם אַליין, רעדט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויס צו איר חבר בעת דער אַרבעט. און וויפל דער אָדער יענער חבר מיט זיך נישט אַריינצוציען זי אין דער אַלגעמיי־נער שמחה, וויפל מען מיט זיך נישט אַרויסצורופן אויף איר פנים אַ שיין פון אַ שמייכל, מאַכט זיך חנה כסדר אַרויס דערפון. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס־וואָס דריקט אויף איר נשמה, אָבער מ'האָט נישט געוואָלט אַריינדרינגען אין יענעמס סוד, און מען האָט זי געלאָזט אַליין. זינט אָבער די חברטע חנה איז אין קי־שטאָל, האָט מען באַמערקט, ווי אַן אינערלעכע צופרידנקייט פאַרווייכערט דעם שאַרפן שניט פון איר האַרטן מויל, אירע טרויעריגע, צו דער ערד אַראָפּגעהאָנגענע אויגן זענען פרייער, זיי פאַרלירן די שרעק, וואָס איז געלעגן אין זיי, זי קוקט אָפן אַ מענטש אין פנים אַריין. אין די אָוונטן ביים טאַנץ האָט זי זיך גיכער געלאָזט אַריינציען אין דעם קאַראַהאָד, און ווען אַפילו זי האָט געריטשט מיט די פיס און געטאַנצט, אַזוי אַז מען האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי שווערע צענטנערס משא ליגן אויף אירע פלייצעס, האָט זי זיך אויך שוין נישט אַרויסגעריסן פון ראָד; און אָפטמאָל האָט מען גע־קאָנט באַמערקן אַפילו אַ טרויעריגן שמייכל צעגיסן זיך איבער איר פנים, וואָס פאַרווייכט און רונדיגט־אָפּ מיט אַן אויסלייז־גרימאַסע דעם שאַרפן עק פון איר גאַמבע.

חברטע חנה האָט צווישן די בהמות געפונען די נחמה פאַר דעם אומרעכט, וואָס מענטשן האָבן איר געטון. נאָך אין דער נאַכט, ווען עס איז נאָך פינסטער, אַז זי גייט־אַרויס פון איר געצעלט, וואָס זי טיילט מיט אַ פּאָר חברטעס, דורך די פייכטע פעלדער אין דער שטאָל אַריין, דאַכט זיך איר, אַז דער דיקער נאַכט־טוי וואַשט זי אָפּ. שוין פונדערווייטנס דערהערן די קי דערינען איר דערנענטערן זיך, און איר פריינדין, חברטע „עזיבה" באַגריסט זי מיט אַ מרוק. זי האָט אירע פריינדינס צווישן די בהמות, די נאָענטסטע איז איר די חברטע „עזיבה". „עזיבה" רופט זי דערפאַר די קו, ווייל זי פילט, אַז די בהמה איז פאַרלאָזט־ און איינזאַם־געווען, ווי זי...

פון דער ערשטער צייט אָן, אַזוי ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיגן אין דער שטאָל, האָט זי זיך אויסגעזוכט די גרויע, ווייס־געפלעקטע קו, און האָט איר אַ נאָמען געגעבן „עזיבה". די קו האָט געמוזט האָבן נישט קיין גוט לעבן ביי איר פריערדיגן אַראַבישן בעל־הבית, זי איז געווען אויסגעדאַרט, מיט די זשעבערעס אַרויס, מיט איינגעפאַלענע לעכער אין די זייטן, מער ווי אַלע אַנדערע. עס זעט־אויס, אַז דער אַראַבער האָט זי געמוזט ביים אַקער פאַרפּייניגן מיט אַרבעט האַלב צום טויט. אַ טרויעריגקייט איז גע־לעגן אויסגעגאָסן אויף איר לאַנגן שמאָלן קאָפּ, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי טרויערט אויף דער שלעכטסקייט פון די מענטשן, וועלכע זענען זיך מיט איר אַזוי אומברחמנותדיג באַ־גאַנגען. די קו איז געווען דער אָנבליק פון פאַרלאָזנקייט, קוים וואָס זי איז געשטאַנען אויף אירע לאַנגע דאַרע פיס, און מיט אירע טרויעריגע בהמהשע אויגן, וועלכע האָבן תמעוואַטע אַרויסגעקוקט פון אירע גרויסע ברעמען־ראַנדן, געבעטן מחילה פאַר איר אָרים און בידנע דאָ־זיין. אירע גרויסע אויפגעשטעלטע אויערן האָבן געציטערט, זיי זענען שטענדיג אויף דער וואַך־געווען, אויסגעהאָרכט, צי עס קומט נישט אַ קלאַפּ, אַ שמיץ מיט אַ בייטש, אַ קאָפּע מיט אַ פוס אָדער נאָך עפּעס ערגערס פון הינטן־אַרום, צו וועלכן זי איז געוואוינט־געווען איר גאַנץ לעבן...

ווען חברטע חנה האָט זי געגלעט מיט דער האַנט איבערן

קאָפּ און רוקן, האָט די קו אויסגעשטעלט אויגן-און-אויערן און דערוואַרט דעם קלאַפּ, און זי האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער קומט נישט. די קו האָט באַלד געפאַנגען חברטע חנהס האַרץ מיט איר טרויעריגן אָנבליק, און חנה האָט זיך פאַר איר מער אָנגענומען ווי פאַר די אַנדערע קי. זי האָט געפילט אין דער בהמה אַ שוועסטער אין צער, און האָט אויסגעלאָדן אויף איר די צערטלעכקייט און ליבע, וואָס איז אין איר אָפּגעסמט-געוואָרן פאַרן מענטש. זי האָט די קו אַ נאָמען-געגעבן „עזיבה", אין האַרץ האָט זי חנה אָבער גערופן „אחות לצרה" און פלעגט „עזיבהן" אויפן חשבון פון די אַנדערע קי געבן מער צו עסן. זי האָט „עזיבהן" גערייניגט מיט דער באַרשט ביי דער ברכה לענגער ווי די אַנדערע. זי האָט זי געצערטלט און אָפּגעגעבן זיך מיט איר מער ווי מיט די אַנדערע קי, ווי זי וואָלט דער חברטע „עזיבהן" געוואָלט פאַרגיטיגן פאַר אַלע עולות, וואָס מענטשן האָבן איר אָנגעטון ביז-איצט.

און „עזיבה" האָט עס געפילט און פאַרשטאַנען. די בהמה האָט זיך צוגעבונדן צו איר, און ווען זי האָט געזען, אַז אָנשטאָט שטורכעס, שטעכן און אַנדערע יסורים, וואָס דער אַראַבער האָט איר אָנגעטון, כדי זי זאָל גיין נאָכן אַקער, באַקומט זי גאָר עסן און צערטלעכקייט, איז זי דאַנקבאַר-געווען פאַר אַלעם גוטן מיט יענער שטומער, אומבאַגרענעצטער, טיפער און אונטערטעניגער דאַנקבאַרקייט, אויף וועלכע חיות און בהמות זענען נאָר פעיג. זי האָט איר גאַנץ האַרץ, אירע אַלע געפילן, וואָס זי האָט געוואָלט אויסזאָגן צו דער חברטע חנה, אַריינגעלייגט אין דעם שטומען בליק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע תמצוואַטע אויגן, בשעת חנה האָט זיך צו איר דערנענטערט. זי האָט דערשמעקט מיט אירע נאָזדרעס חברטע חנהס גערוך, ווען יענע איז נאָך געווען אין דרויסן, און זי האָט איר אַנטקעגנגערופן מיט אַ שטומען מרוטשען. זי האָט אויך חברטע חנהן געהאָלפן אין איר נייעם באַרוף. מען קאָן זאָגן, אַז „עזיבה" האָט חברטע חנהן אויסגעלערנט ווי אַזוי אַ קו צו מעלקן, ווי אַזוי מען באַדאַרף מיט די פינגער אָנגרייפן דאָס אייטער, אַראָפּדריקן די מילך אין די וואָרצלען אַריין און מיט די קנאָכן פון די שפּיץ-פינגער דורכפירן מיטן גאַנצן כוח אי-

בער די ציצן. ווען חברטע חנה האָט זיך צום ערשטן מאָל גענומען קי־מעלקן, איז עס איר אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען, די קי האָבן זיך געוועהרט, געשלאָגן מיט די עקן איבערן פּנים. ערשט ביי „עזיבה״ האָט חנה געלערנט ווי אַזוי אַ קו איינצו־נעמען ביים מעלקן און טון עס אַזוי, אַז עס זאָל דער קו גוט־טון, און זי זאָל זיין וויליג די מילך אָפּצוגעבן.

אויך איצט, ווען די חברטע חנה דערגענטערט זיך צו דער שטאָל מיט אַ שעפל וואַרעם וואַסער, וואָס זי האָט אין קיך אָנגעוואַרעמט דער קוס וואָרצלען צו וואַשן פאַרן מעלקן, דערשמעקט איר גערוך „עזיבה״ פונדערווייטנס און רופט איר אַנטקעגן. אין דער שטאָל געפינט חנה שוין דעם לאָמפּ אָנגע־צונדן. חבר בורלאַק, אָדער, ווי מען רופט אים שוין איצט חבריש, חבר מאיר, שטייט ביים קאַסטן פּאַשע, מישט־צונויף דעם צעריבענעם קאָרן מיט געהאַקטע שטרוי און שיט עס אַריין אין די קאָרעטעס, כּדי די קי זאָלן האָבן מעלה־גרה־צו־זיין ביים מעלקן און זיי זאָלן שטיין רויִג.

חבר בורלאַק האָט שוין לאַנג באַמערקט חברטע חנהס שוואַכקייט צו „עזיבהן״, און כּדי דער חברטע גוט־צו־טון, האָט ער אויך באַהאַנדלט „עזיבהן״ מיט מער איינזעעניש, ווי די אַנדערע קי. ער האָט אין איר קאָרעטע אַ גרעסערע קופּע פּאַשע אַריינגעשאָטן, אַ שווערן גאָפּל היי ביי איר לייטערל איבערגעלאָזט, כאָטש ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן אומגע־רעכטיגקייט לגבי די אַנדערע קי; ער האָט עס געטון בלויז די חברטע חנה צו דערפרייען.

ווי חברטע חנה צו „עזיבהן״, אַזוי פּילט חבר בורלאַק צו חנהן. די לאַסט, וואָס ליגט אויף אירע פּלייצעס, די טרוי־עריגקייט פון איר פּנים האָט גערירט חבר בורלאַקס פּראָסט־פּשוט מענטשלעך האַרץ. ער האָט זי געפּרואווט דערפרייען מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

— „עזיבה״ האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך אייך! — רופט ער איר אַנטקעגן, און בשעת־מעשה גיסט ער אַריין פרישׂ וואַ־סער אין די עמערס, וואָס הענגען ביי דער קו.

ווי תּמיד, ענטפערט דערויף חנה גאָרנישט, און גייט־צו צו איר ליבלינגס־קו.

חבר בורלאַק איז אַ פּראָסטער מענטש. צום ציוניזם איז ער צוגעקומען דורך זיין פשוטן, פּראָסטן שכל. פאַרשטייט זיך, אַז די חברים האָבן אויף אים אַ בלבול אויסגעטראַכט, אַז ער איז נישט קיין ייד. חבר בורלאַק איז אַ ייד, ער איז נאָר דערצויגן-געוואָרן אין אַ גויאישער סביבה צווישן קאָזאַקן אין קרים. דער פאָטער זיינער, אַ שניידער פון דער ליטע, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט אין קרים, איז אַפילו געווען אַ פרומער ייד און ער האָט בורלאַקן דערצויגן אין פרומען גייסט, געלערנט אים תנ״ך. ווייט איז בורלאַק נישט אַוועק אין די יידישע לימודים, אָבער אויף דער באַנק פון דער שול איז ער אַריינגעצויגן-געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך חברים, דורך רוסיש-יידישע בראָשורן. ער האָט עס גענומען פשוט: פונקט אַזוי ווי די גויים האָבן זייער „ראָדינע״ (פאָטערלאַנד), האָבן די יידן אויך זייערע, און מען באַדאַרף צוריקגיין די „ראָדינע״ אויפבויען. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין יידישן „תחום״ און עכטע יידן האָט ער קיינמאָל נישט געזען. די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין זייער קאָזאַקישן שטעטל, זענען געווען קינדער פון ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, כמעט האַלבע גויים. צום ציוניזם איז ער נישט געקומען דורך צער. ער האָט אייגנטלעך קיינמאָל נישט געליטן אַלס ייד. דאָס יידנטום איז ביי אים אויך נישט געווען קיין קאָמפּליצירט פּראָבלעם, עס איז ביי אים געווען אַ פאַרלאַנג און אַ בענקשאַפט נאָך אַן אייגן נאַטירלעך לעבן. ער האָט געזען זונטאָג, ווי די קאָזאַקן מאַכן געיעג-געוועטן אויף זייערע פערדלעך, האָט ער זיך מקנא-געווען, געוואָלט האָבן אַ „ראָדינע״, ווי די קאָזאַקן האָבן, און יידישע יונגעלייט זאָלן אַרומרייטן אויף פערדלעך און פילן זיך פריי און זיך נישט דאַרפן באַהאַלטן מיטן אָפּשטאַם. ער האָט זיך נאָך בעת דער מלחמה אָנגעשלאָסן אין אַ קבוצה פון קרים, אין וועלכער ער איז געווען פון ערשטן טאָג אָן דער בעסטער אַרבעטער, אַפילו אַ שטאַל חזירים פאַרלייגט. ווען די „יעווסעקציע״ (יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) האָט אָנגעהויבן צו מאַכן שוועריגקייטן דער קבוצה, צוגענומען די קי און אַנדערע צרות אָנגעטון, האָט ער זיך אַנטגעגנגעשטעלט, איז שיער נישט פאַרשיקט-געוואָרן קיין סיביר אַלס

קאָנטר-רעוואָלוציאָנער. ער איז איינער פון די לעצטע געווען צו פאַרלאָזן דעם קיבוץ, דערנאָך מיט אַ שיף פון אָדעס אַלס מאַטראָז פאַרבלאָנדזשעט קיין ארץ-ישראל. אין דיסקוסיעס האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען, ביי אים זענען אַלע פראַגן געווען פאַרענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז זיך דאָ פאַראַן צו אַמפּערן. די זאַך איז פשוט: יידן האָבן זייער אייגן לאַנד, ארץ-ישראל, ווי די אַנדערע זייערס, און מען באַדאַרף אַראָפּקומען און נעמען דעם פּיאַש אין דער האַנט אַריין. און דאָס האָט ער געטון.

צו חברטע חנה האָט ער באַקומען אַ שוואַכקייט, זינט ער איז פון אַ חבר געוואויר-געוואָרן בדרך-סוד וועגן אירע איבערלעבענישן. אַביסל האָבן אים חברטע חנהס איבער-לעבענישן גערייצט... מער אָבער איז עס געווען אַ געפיל פון רחמנות. חבר בורלאַק מיט זיינע גרויסע מעכטיגע הענט האָט זיך געפילט פאַרפליכטעט, אַז ער מוז זי באַשיצן ווי אַן איי-גענע שוועסטער, — פון וועמען און פון וואָס, איז אים געווען אַלץ איינס. נאָר יעדעס מאָל, ווען חבר בורלאַק האָט געזען די חברטע חנה זיצן אַליין פאַרזאָרגט, איינגעהילט אין טרויער, אָדער בשעת אַלע האָבן געטאַנצט און זי איז געשטאַנען אַליין אינדרויסן און אַריינגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך נישט געווען גע-טרויט אָנטיילצונעמען, איז חבר בורלאַק צו איר צוגעשטאַ-גען און דווקא געוואָלט זי מיטאַריינפלעכטן אין ראָד אַריין, גע-נויט זי מיטצוטאַנצן.

— אַלע מיידלעך טאַנצן, און איר שטייט אַליין. קומט, חברטע חנה, — און ער האָט פשוט מיט כוח זי מיטגענומען.

זינט עס איז זיי ביידן אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער קי-שטאַל, הייבט דאָס פאַרלאָזענע מיידל אָן צו פילן, אַז עס איז וועך דאָ, וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר איר. חבר בורלאַק, אַזוי אומגעהובלט און פשוט ווי ער איז, פאַרמאָגט אַן איינער-לעבן טאַקט. אַזוי ווי דאָס געפיל וואָלט אים געווען אונטערגע-זאָגט די פאָרמען, וועלכע ער זאָל אַמבעסטן נוצן, כדי אויסצו-היילן די חברטע פון איר קרענק. ער האָט זי קיינמאָל נישט אָנגערירט מיט קיין האַנט, ער האָט זי קיינמאָל נישט פאַרוואונ-דעט מיט קיין וואָרט. צוערשט האָט ער זי געפּרואווט אַריינ-

ציען אין די טענץ, פאַרפירט מיט איר געשפּרעכן און אין געשפּרעך זי אַרויסציען אויף אַ שפּאַציר. דאָס מיידל האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי פון אונטער דער איידעלער אויפמערקזאַמ־קייט פון חבר בורלאַק ווערט זי אַריינגעצויגן אין לעבן אַריין. זינט זיי זענען צוזאַמען אין דער קי־שטאַל, האָט ער געפונען אַ וועג ווי אויסצודריקן זיין פאַרערונג פאַר איר דורך דעם, וואָס ער האָט מיט אַ פאַרשוואַנדערישער האַנט פאַשע געגעבן איר ליבלינג, דער „עזיבה", אָדער, ווי ער האָט זי גערופן אין שפּאַס: „חברטע חנהס בת־יחידה". אַזוי ביסלעכווייז האָט חברטע חנה געמוזט באַמערקן, אַז פון די ברייטע שטאַרקע אַקסלען און ברוסטן פון דעם חבר שטראַלט צו איר אַ זון פון פריינד־שאַפט, וועלכע היילט זי פון אירע וואונדן.

נאָכן מעלקן די קי נעמט זיך חבר בורלאַק רייניגן די שטאַל. חברטע חנה — מיט אַ באַרשט און וואַסער די קי פיצן. חבר בורלאַק קערט־ און גראַבליעט־אַרום דאָס מיסט פון אונטער די קי, טראָגט עס אויפן הויף אַרויס און לייגט עס אָן אין הויפנס. בשעת ער טרעט־אָן מיט זיינע שטיוואַלעס די קופּעס מיסט, פון אונטער וועלכע עס רינט די געלע אָפּגעזעסענע פלי־סיגקייט, באַמערקט ער ווי חברטע חנה שטייט ביים עמער וואַסער מיט „עזיבהן", שפּילט זיך לאַנג מיט איר, צערטלענדיג מיט דער באַרשט איבער די לאַנגע קינבאַקן פון איר אויסגעצויגענעם קאָפּ. זי פּירט־אַדורך מיט דער באַרשט איבער אירע ושעברעס, וועלכע הייבן זיך אָן אויסצופילן. די אַנדערע קי האָט זי אָפּגעפּטרט מיט אַ צוויי־דריי רייבן, אָבער איר עזיבה ניט זי אַוועק די גאַנצע צייט.

— חברטע חנה, איר פּיעשטשעט זיך צו־פיל מיט אייער בת־יחידה.

— וואָס אַרט עס אייך, עס קאָסט אייך טייערער? — זאָגט זי אים אַנטקעגן.

— די אַנדערע קי וועלן זיין אייפערזיכטיג אויף איר!

— זאָלן זיי זיין!

— און נישט נאָר די קי!

— נאָר ווער דען נאָך? — פרעגט זי.

— נישט איין בחור. און מער פון אַלע נאָך דער, וואָס שטייט איצט אין מיסט.

— אַזוי גאָר? פון דעם האָב איך נישט געוואוסט.

און חבר בורלאַק באַמערקט, ווי חברטע חנהס טרויעריג פאַרהאַרטעוועט פּנים ווערט פאַרווייכערט פון אַ קוים-באַמערקבאָרער דורכגייענדיגער מיידלשער רויטלעכקייט.

דעם פאַרמיטאָג, ווען חברטע חנה האָט אין איר געצעלט, וואָס זי האָט געטיילט מיט אַנדערע חברטעס, אָפּגעוואַשן זיך פון איר שטאָל-אַרבעט, איבערגעטון זיך אין אַנדערע קליידער, כדי מיטצוהעלפן אין דער קיך, האָט זי באַמערקט ווי אויפן בענקל פאַר חברטע דבורהס בעטל ליגט אַ שטיקל שפּיגעלע, וואָס חברטע דבורה האָט פאַרגעסן אויפצוראַמען בשעת זי האָט זיך אויך דערוויַיל אָנגעטון. חברטע חנה האָט זיך אומגעקוקט אין געצעלט, צי קיינער זעט נישט, און ווי אַ גנבטע גענומען דאָס שפּיגעלע אין האַנט אַריין און דערין אַריינגעקוקט. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אין דעם שטיקל שפּיגל-גלאָז, אַז זי האָט גאָרנישט קיין מענטשלעך פּנים, און זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווי מען קאָן גאָר דערויף אייפערזיכטיג-זיין. נישט אַנדערש, סיידן חבר בורלאַק שפּאַסט פון איר...

זי האָט דאָס שפּיגעלע פלינק און מיט בייזקייט צוריק-געלייגט.

דאָס צווייטע מאָל, ווען זי איז געקומען צו דער אַרבעט און חבר בורלאַק האָט זי באַגריסט מיט זיין געוויינלעכן פריי-לעכן שמייכל, האָט זי אים נישט אָפּגעענטפערט,

*קאַפּיטל* 15

# אויסגעגליַיכט די עורלה

די רעגנס האָבן אַביסל נאָכגעלאָזט, אָדער מען האָט זיך גאָר צו זיי צוגעוואוינט; די ערד איז אַביסל טריקענער־געוואָרן און געגעבן אַ געלעגנהייט דעם חבר נירקעס זיין איילבירטן־וועלדל צו פֿאַרפֿלאַנצן. אויך איז געטון־געוואָרן מער אַרבעט אין דער „משתלה", אין דער ביימער־שולע. דער וויינגאָרטן איז שוין געווען איינגאַנצן פֿאַרפֿלאַנצט מיט די וויינשטאָקן, וואָס דער ועד האָט צוגעשיקט. אויף דער הינער־שטאַל האָבן אַכטונג־געגעבן דער „טאָלסטאָיאַנער" און דער חבר געצל זעלמאַנאָ־וויטש. דאָס עסן איז בעסער־געוואָרן; אויך אין דער באַקליידונג איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג צום בעסערן. און וואָס דאַרף דער מענטש מער? אין די אויסגעשטערנטע לבנה־נעכט האָבן זיך איצטער מער געהערט די האָראַ־געשרייען און דאָס טאַנצן. וואָרים די שטימונג אין לאַגער איז געוואָרן געהויבענער!

דאַן איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג, ווען מען האָט פֿון דער באַן־סטאַנציע אַהיימגעפֿירט דעם „גיבור ונורא" — דעם ביק, וואָס איז אָנגעקומען פֿון האָלאַנד, און וועמען מען האָט איינגעקויפֿט פֿאַר אַ שלל מיט געלט, די „האָפֿענונג פֿון ישראל", אַז ער וועט די ארץ־ישראלדיגע בהמות־צוכט פֿאַרבע־סערן. דער נאָמען זיינער איז געווען „שמשון הגיבור", — אַזוי האָט געוואָלט דער ישוב.

די חברים האָבן איבערגעלאָזט די שאָפֿלען פֿון די בלאָ־טעס אין פֿעלד, אַנדערע — די אַקערס, און זענען אויף די

מויל-אייזלען אַהיימגעקומען צו רייטן: די פּלאַנצערס האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די יונגע איילבירטן-צווייגלעך, און אינמיטן פּלאַנצן זענען זיי געקומען אַהיימצוּלויפֿן; פֿון אַלע זייטן איז מען געקומען אין גרויס איילעניש אין לאַגער אַריין. די שניי-דערס האָבן געוואָרפֿן די מאַשינען, די שוסטערס — די אַל-און-דראַטווע, די מיידלעך — די טעפּ אויף די ברען-מאַשינ-קעס, און אַלע זענען אַרויסגעקומען פֿון די געצעלטן מקבל-פּנים זיין די „האָפֿענונג פֿון יידן״ — „שמשון הגיבור״...

חבר בורלאַק, וועלכער איז מיט נאָך צוויי חברים גע-גאַנגען צו דער באַן-סטאַנציע אים אָפּנעמען, איז געווען דער-שוויצט. צעיאַכמערט, אָן אַ רעקל און אין אויפֿגעפּראַלטן העמד מיט די אַרויפֿגעשאָרטע אַרבל, האָט ער דעם אָקס געפֿירט ביים דראָנג, וואָס איז געווען אָנגעטשעפּעט אין „שמשון הגיבורס״ נאָזלעכער. די אַנדערע חברים האָבן אים געשלעפּט ביי די שטריק, מיט וועלכע די הערנער זענען געווען אַרומגעבונדן; זיי האָבן אים געצויגן פֿון דריי זייטן — איינער פֿון רעכטס, דער אַנדערער פֿון לינקס און דער דריטער פֿון פֿאָרנט. מען האָט אים מורא-געהאַט צו פֿענטען דעם קאָפּ צו די פֿיס, כּדי ער זאָל זיך נישט אויף דעם בלאָטיגן וועג אויסגליטשן. דורך דעם האָט די שמירה געמוזט זיין אַ גרויסע. לזכר די ביכּורים, וואָס מען האָט געבראַכט קיין ירושלים, האָט מען זיינע הער-נער באַקראַנצט מיט איילבירט-צווייגלעך, און אַזוי ביי די שטריק און דעם דראָנג האָט מען אים אַריינגעפֿירט מיט גרויס פּאַראַד אין הויף פֿון משק.

עס איז געגאַנגען די גבורה אַליין... זיין שטאַרקער און מעכטיגער רוקנביין באַוועגט זיך, ווי אַן אייזערנער שטאַנג, אונטער זיין שוואַרצער מיט ווייסע פֿלעקן גלאַנציגער פֿעל. פֿון זיין מעכטיגן קאַרק שפּריצט-אַרויס גבורה. זיינע היפֿטן, איינ-געבעט אין דעם דיקן פֿלייש, באַוועגן זיך ווי שטאָלענע רע-דער אונטער זיין פֿעל. זיינע פֿאַרהעלטנישמעסיג-דינע פֿיס זע-נען ווי אויסגעשמידטע שטאָלענע שטאַנגען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די מעכטיגע מאַסע פֿון זיין ביינערדיגער קאָנסטרוק-ציע, באַדעקט מיט ווענט פֿון פֿלייש. מיט שטומער ענערגיע וועצט ער מיט די פֿאַרשפּרייטע ברייטע קלאָען און לאָזט נאָך

זיך טיפע שפורן פון די טריט אין דער טייגיגער ערד. דעם גראָדליניגן, דריי-עקיגן, צו אַ שאָפּל ענלעכן, מעכטיגן קאָפּ זיינעם האָלט ער ערנסט אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, נאָר זיינע גרויסע קיילעכדיגע גלעזערנע אויגן, ווי געשליפענע שטיינער, קוקן פון זיינע גרויסע אויגן-ראַמען אַרויס מיט דער נאַאיווי-טעט און גוטסקייט, וואָס נאָר גבורה אַליין באַזיצט.

אַזוי שפּרייזט ער מיט גבורה אין שטאַל אַריין. די קי, וועלכע זענען צייטיג אים אויפצונעמען, שטייען שטיל, פאַר-טראַכט אין זייערע בהמהשע געדאַנקען; די אַנדערע ווערן נערוועז, ווען זיי דערפילן אין דער לופט דורך זייערע נאַסע נאָזדערס דאָס דערנענטערן זיך פון בהמהשער גבורה. זיי קלימ-פערן מיט די קייטן, מיט וועלכע זיי שטייען צוגעבונדן צו די קאָרעטעס, וואַרפן מיט די קעפּ פון אַלע זייטן, טרעטן-איבער מיט די פיס און רייסן זיך פון זייערע ערטער, שמייסן מיט די עקן, און רופן מיט שרעקנדיגע, מעלה-גרהדיגע גאַוועדס אין דער לופט אַרויס. דער ביק דערהערט די קיאישע קולות, ווערט ער אומגעדולדיג, וויל לויפן פאַראויס; ער ווערט אָבער דורך דעם דראָנג, וואָס איז צוגעקייטלט צו זיינע נאָזדערס, און פון חבר בורלאַקס שטאַרקע אָרעמס צוריקגעשטויסן און געהאַלטן אין טעמפּאָ.

די חברים און חברטעס, וועלכע זענען אַרויסגעקומען אויף זיין בייזן וואונדער, גיבן אים כמעט אַ געצנדינערישן קבלת-פנים, ווי מען וואָלט איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל געוואָלט אַן ענדע-מאַכן צום גאַנצן מוסר-היהדות, וואָס האָט געהאַלטן געפּענטעט זייערע געפילן צו דער נאַטור זינט דורות, ווי מען וואָלט געוואָלט אַ שטריך אונטערציען איבער דעם ביז-אַהעריגן יידישן לעבן, וואָס איז קאָנטראָלירט-געוואָרן דורך תרי״ג מצוות, באַגרענעצט דורך צוימען-איבער-צוימען, באַוואַכט דורך מוסר-ספרים, אָפּגעשניטן-און-אָפּגעריסן פון דער נאַטור דורך איינגע-שלאָסענע בתי-מדרשים-ווענט, דורך פּרושימדיגע מנהגים, און מען וויל ווערן מיט גויים גלייך, אויפגיין אין דער נאַטור, לאָזן די געפילן אויסשפּאַנען זיך אין אומגעצוימטן פריייד-שטראָם, וואָס גיסט זיך פון דער נאַטור, — האָט מען זיך איבערגעגעבן אומפאַרשעמט צו דעם נייעם געטשקע.

בחורים און בחורות מיט שטראַלנדיגע פּנימער באַטראַכטן די גבורה פון זיין פּאָטענץ, וואָס שפּראָצט פון אים, און שע־מען זיך נישט אַרויסצואווייזן זייער באַוואונדערונג פאַר דער פיזישער קראַפט מיט געצנדינערישער אָפּנקייט, מיט היידעני־שער פרייד.

— דרייסיג קוואָרט מילך גיבן זיינע קי!

— אַ קאַלב פון אים איז שטאַרקער פון אַן אַראַבישן אָקס!

— חברים, לאָמיר גיין אַ האָראַ לכבוד שמשון הגיבור!

און עס האָט נישט לאַנג געפעלט, אַז די חברים און חבר טעס זאָלן אַרומרינגלען דעם ביק און טאַנצן אַרום אים אַ האָראַ, ווען נישט חבר בורלאַק, וועלכער האָט מורא־געהאַט, אַז דער ביק זאָל נישט נערוועז־ווערן; ער האָט אים שנעל געשלעפּט אין דער שטאַל אַריין. וואָרים די זון, וואָס איז אין דעם טאָג געווען ליכטיגער און וואַרעמער ווי אין די אַנדערע טעג, האָט „שמשון הגיבורן" אָנגעהויבן צו שטעכן, און ער האָט געפינקלט מיט זיינע אויגן פאַר דער ברייטער קלאָרקייט, צו וועלכער ער איז נישט געוואוינט־געווען.

אין דעם טאָג האָבן די צוויי חברים, דער „טאָלסטאָיאַ־נער" און געציל זעלמאַנאָוויטש, דיסקוטירט איבער דעם קבלת־פּנים, וואָס מען האָט געגעבן דעם ביק, אין דער הינער־שטאַל, בעת זיי האָבן געגעבן די הינער עסן.

חבר זעלמאַנאָוויטש, אַ יונגערמאַן, געניטגט צו מוסר־היהדות, מיט רעליגיעזע שטימונגען, איז מלא חימה איבער די געצנדינערישע מנהגים, וואָס מען גייט דאָ איינפירן, און איבער דער גויאישקער פרייד, וואָס די חברים און חברטעס האָבן אַרויסגעוויזן פאַר דער פיזישער קראַפט.

חבר געציל זעלמאַנאָוויטש קומט פון דער ליטע, וואו ער איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אַ ישיבה־בחור אין אַ מוסר־ישיבה. כדי זיך אַליין צו דערנידעריגן, צו צעברעכן זיין גאווה, האָט ער זיך אַליין נישט איינמאָל מבזה־געמאַכט פאַר מענטשן, גע־שטאַנען מיט אָרימעלייט ביי דער בית־המדרש־טיר, כדי אַהיימ־גענומען צו ווערן אויף שבת, אָדער ער איז אַרומגעגאַנגען אי־בער די הייזער מיט אָרימעלייט, כאָטש ער איז געווען אַ קינד

פון פאַרמעגלעכע עלטערן. שפּעטער, ווען ער איז „קאַליע״־גע־וואָרן און האָט אָװעקגעװאָרפן די גמרא צוזאַמען מיט דעם מוסר־שיעור, איז ער געוואָרן אַ גרויסער חסיד פון אחד־העמס שיטה, פון אַ גייסטיגן צענטער אין ארץ־ישראל. אין לאַנד אַריין איז ער געקומען נישט נאָר בלויז „אויפצולעבן דאָס יידישע פאָלק און בויען דאָס לאַנד״, נאָר דער עיקר — כדי זיך צו קאָנען אויסלעבן אין רוח־היהדות.

„דאָס יהדות״, — פלעגט ער זאָגן, — „איז מער אין גלות, ווי די יידן אַליין; עס ווערט פאַרשעמט און באַליידיגט סיי פון פרעמדע און סיי פון אייגענע. ארץ־ישראל דאַרף מען, נישט נאָר עס זאָל די יידן אויפריכטן, נאָר אויך דעם יידישן גייסט, וועלכער האָט אין גלות קיין מעגלעכקייטן נישט צו אַנטוויקלען זיך. אין ארץ־ישראל, ביי אַ פריי יידיש לעבן, וועט דער יידישער גייסט ווידער ווערן שעפעריש, אַרויסגעבן פון זיך, ווי בימי הנביאים, נייעם אינהאַלט און פאָרם, וואָס וועט ווערן אַ ליכט פאַר די פעלקער״.

אַ סך זאַכן זענען אים נישט געפעלן־געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאָס בילד, וואָס ער האָט זיך געמאָלן אין זיין פאַנטאַזיע וועגן דעם נייעם ארץ־ישראל־לעבן, בשעת ער האָט זיך נאָך געפונען אויף דער בית־המדרש־באַנק, איז באַלד צערונען־געוואָרן, ווי אַ זייפן־בלאָז, ווען ער האָט זיך באַרירט מיטן לעבן. די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן פאַרגעסן דעם אידעאַל און זענען געוואָרן קליינע, ענגהאַרציגע בעלי־בתים, וואָס זענען גרייט דעם גאַנצן אידעאַל פון ארץ־ישראל אַוועקצוגעבן פאַר דעם קליענסטן געווינס, האָבן אים געטריבן פון זיך, ווי אַן אַני־שיקעניש, נישט געוואָלט אים געבן קיין אַרבעט. אַמנאַענטסטן צום אידעאַל פון אַ ניי לעבן, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס דאַרף איינגעפירט־ווערן אין ארץ־ישראל, זענען געווען די אַרבעטער, די חלוצים. ער האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסן, גע־גאַנגען מיט זיי אין עמק. ער האָט זיך אָפטמאָל געפילט באַ־ליידיגט אין זיינע געפילן דורך זייער גרינגשעצונג פון דער יידישער רעליגיע, אָבער ער האָט זיי מוחל־געווען. זיי קאָנען דאָך נישט זיין קיין גאַנצע יידן — דער גלות, דער דור־המדבר! דערפאַר אָבער זייערע קינדער...

איצטער, ווי ער שטייט אַזוי אין דער הינער-שטאַל מיט אַ שירץ פול מיט קערנער, און די הינער אַרום אים מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, איז אָנשטאָט די קערנער פאַר די הינער צוצוואַרפן, צעשרייט ער זיך אויפן גאַנצן קול פאַר זיין חבר דעם „טאָלסטאָיאַנער", וועלכער רייניגט דערווייל אויס די כּלים פון שמוציגן וואַסער:

— וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ נייע מאָדעס גייט מען דאָ איינפירן אין ארץ-ישראל? פרייען זיך מיט אַ ביק! וואָס איז דאָ געשען? אַ בהמה איז אַ בהמה! מיר דאַרפן די בהמה פאַר אַ געוויסן צוועק, און מיר האָבן זי אַהערגעבראַכט — און פאַרטיג! וואָס איז דאָס פאַר אַ געצנדינסט, וואָס מען פּראַוועט אַרום דער בהמה?! וואָס איז דאָס פאַר אַ יידישע איבערגעטריבנקייט נאָכצוטון די גויים? מיר זענען נישט געקומען קיין ארץ-ישראל, כּדי עס זאָלן ווערן נאָך אַביסל גויים אויף דער וועלט. מיר זענען געקומען קיין ארץ-ישראל, כּדי דאָ צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן אידעאַל, כּדי דאָ איינצופירן אַ לעבן, וואָס זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע, אַ פּראָדוקט פון מוסר-היהדות פון אונזער תּורה, וועלכע מיר האָבן נישט געקאָנט פירן אינדערהיים! און דאָ קומט מען גאָר און מען וויל נאָכטון די גויים. וואָס וועט שוין זיין דערפון, ווען מיר וועלן שוין האָבן דערגרייכט אָט דעם אידעאַל? מיר וועלן ווערן פאַרגרעבט און מגושמדיג און אויפגיין אין דער נאַטור, ווי די אַנדערע אומות. פּראַוועון שמחות מיט בהמות! איז דאָס דער אידעאַל? צו דעם זענען מיר געקומען קיין ארץ-ישראל?

דער „טאָלסטאָיאַנער", אָנשטאָט אָנצוגיסן דאָס פרישע וואַסער אין די כּלים פאַר די דורשטיגע הינער, וועלכע קוקן שוין אויס דערויף, צעשרייט זיך אַזוי, אַז די הינער דערשרעקן זיך און אַנטלויפן אין די ווינקלען.

— יאָ, ווי די גויים, פרייען זיך מיט דער בהמה, געניסן פון דער נאַטור, אויפגיין אין איר, ווערן אַליין צוריק נאַטירלעך. אָ, מיר זענען שוין מיד פון דעם מוסר-היהדות, מיד פון די אַלע שיינע ווערטער, וועלכע האָבן אונז געהאַלטן אינדערלופט אָפּגעריסן פון דער ערד און געמאַכט פון אונז קאָפּ-מענטשן, צוגעשטעלט לופט-הענגענדיגע אינטעליגענץ אויף

עקספאָרט, גמרא-קעפּלעך פאַר דער וועלט. מיר זענען מיד צו זיין דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, מיר ווילן נישט מער זיין קיין מאַרך-מענטשן, נאָר מוסקולן-מענטשן, ערד-מענטשן, גראָב און פריידיק, ווי די גויים, נאַטירלעכע גויאישקע יידן!

דידאָזיגע ווערטער זענען געקומען פון דעם „טאָלסטאָיאַנער”, חבר אשר גרינבערג. וואונדער-איבער-וואונדער — קיינמאָל האָט מען פון אים קיין וואָרט נישט געהערט. ער איז אַרומגעגאַנגען, דער עלטערער ייד שוין, אין וועמענס לאַנגן שפּיציגן בערדל עס האָבן זיך שוין באַוויזן ווייסע האָר, אַן אויסגעדאַרטער און מיט אַ בחורשן גוף. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ רעוואָלוציאָנער, — דאַכט זיך, אויך אין סיביר געווען, כאָטש מען האָט זיינע דינע ווייבלעכע הענט נישט געקאָנט אין צוזאַמענהאַנג ברענגען מיט קייטן. היינט איז ער אַ פאַרברענטער ציוניסט. ער זעט אין ציוניזם דעם איינציגן פאַקטאָר, וואָס קאָן איבעראַנדערשן דאָס יידישע פאָלק, עס אָפּציען פון האַנדל, אַוועקנעמען פון שטאָט און צוריקברענגען אויף דער ערד, אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס: „טויטן דעם אינטעליגענט!” ער האָט פיינט דעם אינטעליגענט בתכלית השנאה; און אַליין איז ער גאָרנישט מער, ווי נאָר אַן אינטעליגענט, דאָס גאַנצע לעבן זיינס, זיינע אַלע טעאָריעס, זיין צוריקקומען צו דער נאַטור איז אויך נאָר אַ רעזולטאַט פון זיין אינטעליגענטישקייט.

ערשט אין אָוונט, ווען מען האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין דער קיך פראַווען די ריכטיגע שמחה איבער דעם אָנקומען פון דעם ביק, האָט זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע, וועלכע איז געפירט-געוואָרן מיט הייסן יידישן טעמפּעראַמענט. עס האָט זיך צעפלאַמט אַ ויכוח צווישן די חברים איבער דער טעמע: „צי דאַרפן מיר זיין ווי די אַנדערע פעלקער”, אָדער „צי זענען מיר אַ פאָלק, וואָס הויזט אַליין”; אַ ויכוח, וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר דעם גאַנצן אָוונט און דאָס גאַנצע טאַנצן, צו וועלכן די בחורים און די מיידלעך האָבן זיך געריסן, וואָרים דער ענין האָט צופיל אינטערעסירט.

יוחנן הסנדלר, ווי תמיד, האָט געראַטעוועט די סיטואַציע.

— חברים, מיר וועלן רופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג

אויפן קומענדיגן שבת אָוונט, ווען מיר וועלן דעם ענין דורכ-דיסקוטירן. חבר געציל זעלמאַנאָוויטש און חבר אשר גרינבערג וועלן צוגרייטן די נויטיגע רעפעראַטן אויף צו באַלייכטן די טעמע פון זייער שטאַנדפונקט. דער היינטיגער „נשף" איז גע-רופן- און באַשטימט-געוואָרן ספּעציעל דערפאַר, כדי מקבל-פּנים צו זיין אונזער נייעם חבר, אויף וועלכן מיר לייגן אַזוי פיל נייע האָפענונגען, אַ „נשף" לכבוד „שמשון הגיבור"; און בכלל ווערט ביי אונז לויט דער גמרא געפּסקנט, אַז מען מישט נישט אויס איין שמחה מיט דער אַנדערער, און פאַר אַ דיס-קוסיע איז מען נישט דוחק קיין טאַנץ.

„הידד! — מי יבנה הגליל?

שמשון יבנה הגליל!"

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פלעכטן הענט-און-אַקסל.

חבר געציל זעלמאַנאָוויטש איז געשטאַנען אינדרויסן און געקוקט אין דער ליכטיגער לבנה אַריין, וועלכע האָט באַלויכטן איצטער, ווי מיט זילבערנע שטראַלן באַגאָסן, דעם איידעלן באַאַרבעטן עמק. ער האָט געקוקט אין די ליכטיגע שטערן אַריין, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן קומען און עדות-זאָגן איבער דעם יידישן צניעות-דיגן לעבן, וואָס איז אַמאָל געפירט-געוואָרן אויף דער ערד אונטער זייער ליכט...

„צי האָבן זיך אונזערע דאַמאָלסדיגע ברידער אויך גע-פרייט און געפּראַוועט שמחות מיט אַ ביק, ווי זייערע שכנים, די גריכן?" — האָט ער געפרעגט די שטערן.

דערוויייל טראָגט זיך דאָס געזאַנג און דער טאַנץ אין דער נאַכט אַרויס. די נאַכט איז אַ ליכטיגע און אַן אויסגע-שטערנטע, ווי האַלבער טאָג וואָלט געווען אויף דער וועלט, אָבער דאָך נישט טאָג — דער טאָג איז קלאָר, און די נאַכט האָט אין זיך אַ טבע, אַז וואָס ליכטיגער זי איז, אַלץ פאַרהוי-לענער און פאַרשטעלטער ווערט זי. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין ריכטיג, נאָר אַן אָפּגענאַרט ליכט, און עס פאַרקליידט יעדע זאַך מיט אַ פאַנטאַסטיש קלייד, עס פאַרפירט די אָפּגעצוימטע גרענעצן, וואָס יעדער חפץ פאַר-מאָגט און מישט עס אויס מיט דער מילכיגער נעפּלדיגקייט פון

דעם אַטמאָספערישן אַרום, און עס דאַכט זיך, גאָט ווייסט, וואָס דאָרטן שטייט...

אַזוי טראַכט זיך אין דער נאַכט שטייענדיג חבר בורלאַק. אין דער אַלגעמיינער שמחה, וואָס דאָס אָנקומען פון „שור הבר״ האָט פאַראורזאַכט, און וואָס מען פראָוועט איצט מיט געזאַנג און טענץ, וועלכע טראָגן זיך פון דער באַלויכטענער קיך, האָט חבר בורלאַק נישט פאַרגעסן אָן זיינע פליכטן. מען ווייסט נישט וואָס עס קאָן פאַסירן מיט אַזאַ טייערער בהמה, וואָס מען האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין שטאָל אַריין. הגם עס איז קיינער נישטאָ אַרום, מיר ליגן אָבער אין פרייען פעלד, בעדואינער שלייכן זיך אַרום זינט עס איז דאָ געוואָרן אַ ישוב; מען מוז אויף דער וואַך זיין! פאַרלאָזט זיך נישט חבר בורלאַק אויף דער אַלגעמיינער שמירה, וועלכע שטייט יעדע נאַכט אַרום די באַאַרבעטע פעלדער און עסט-אויף אַ שטיק בּיִדזשעט. ער נעמט אַ ביקס אין דער האַנט און גייט אַליין אַרויס, שטעלט זיך אָפּ ביי דער מויער פון דער שטאַל, לענט זיך אָן אויף דער וואַנט און קוקט אין דער נאַכט אַריין...

וואָס טראַכט אַ יונגערמאַן, וואָס שטייט אויף שמירה אין ארץ-ישראל מיט אַ ביקס אין דער האַנט ביי אַ ניי-איינגעקויפטן ביק? גאָרנישט טראַכט ער, און דאָך אַזוי פיל. בור-לאַקן דאַכט זיך, אַז נישט ער איז אַלט פיר-און-צוואָנציג יאָר און קומט פון רוסלאַנד קיין ארץ-ישראל, נאָר אַז ער איז אַזוי אַלט, ווי די גאַנצע וועלט דאָ, ער האָט דאָסדאָזיגע אָרט דאָ קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, און אפילו ווען ער איז דאָרטן גע-ווען אין דער קרימער שטאָט צווישן די קאָזאַקן, ביי זיין טאַטן דעם ליטווישן שניידער, אין דער רוסישער שול, איז ער אויך דאָ געווען. ער דערמאָנט זיך, וואָס דער טאַטע, דער ליטווי-שער שניידער, האָט מיט אים געלערנט פון חומש אַרויס, וועגן פאַטריאַרך יעקב, וואָס איז געגאַנגען קיין חרן. וואו איז חרן? חרן איז דאָרטן הינטער יענע מילך-באַשלייערטע בערג, וועלכע פאַרלירן זיך אין דער געדיכטער בלויקייט. און אויף דעם וועג איבער די פעלדער איז דער פאַטריאַרך יעקב געגאַנגען פון זיין פאָטערס הויז צו לבנען, און די נאַכט איז אויף אים צוגעפאַלן אינמיטן וועג, און ער האָט זיך געמאַכט אַ געלעגער

פון שטיינער, געלייגט זיך שלאָפן און געחלומט וועגן מלאכים, וואָס גייען אויף אַ לייטער פון הימל אַראָפּ אויף דער ערד, פון דער ערד אויפן הימל. דאָס איינע געדענקט ער נאָר, וואָס דער טאַטע האָט געלערנט מיט אים, און דאָס קומט איצטער צוריק צו אים, ווי ער שטייט אַזוי אין דער נאַכט אָנגעלענט אויף דער מויער פון דער שטאָל. אָט דאָס איז דער הימל, אונטער וועלכן דער פּאַטריאַרך יעקב האָט גענעכטיגט. חבר בורלאַק דערפילט מיטאַמאָל, אַז דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אים, ער איז אַ פּאָרזעצונג פון פּאַטריאַרך אברהם און פּאַטריאַרך יעקב, און פונקט ווי זיי, שטייט ער אויף דער ערד און קוקט אין הימל אַריין.

די ערד און דער הימל זענען זיינע, שטענדיג געווען זיינע; דאָס אַלע אַנדערע דאָרטן אין רוסלאַנד, דאָס לעבן ביים טאַטן דעם שניידער, די רוסישע שול, אַפילו די קבוצה אין קרים, איז געווען אַ טעות, אַ שלעכטער חלום. דאָ איז דאָס ווירקלעכע רעאַלע לעבן, דאָס וואָס איז שטענדיג געווען און וועט שטענדיג זיין, אַ לעבן, וואָס איז איינגעפונדעוועט פון פּאַטריאַרך אברהם און פון פּאַטריאַרך יעקב און ציט זיך ביז היינט; ער, בורלאַק, האָט פאַרריכט דעם טעות פון זיין פאָטער, פון אַלע זיינע אורעלטערן, דורך דעם, וואָס ער איז צוריקגע־קומען און איז אָנגעקניפּט צוריק מיט די פּאַטריאַרכן אברהם און יעקב, און ער וועט ווייטער ציען די שנור פון דער ליניע. איצטער פאַרשטייט ער, בורלאַק, דעם זין פון דעם אַלעם, פון דער מלחמה, פון דעם קומען פון די באָלשעוויקעס; דאָס אַלץ איז געווען נאָר, כדי ער, בורלאַק, זאָל פאַרריכטן דעם טעות פון זיינע עלטערן און אורעלטערן. דאָס איז דער צוועק פון זיין לעבן און וואָס ער טראַכט דאָ אין דער נאַכט. ער שטייט אויף דער וואַך און היט דעם ביק, וועלכער זאָל באַפרוכפּערן די קי פון ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן געבן מער מילך און האָבן געזינטערע קעלבער, כדי צו דערנערן די ארץ־ישראלדיגע באַ־פעלקערונג. דאָס איז זיין אויפגאַבע אין דער לאַנגער רייע, וואָס ציט זיך פון פּאַטריאַרך אברהם און יעקב צו אים, צו בורלאַקן, דעם ליטווישן שניידערס זון פון זלאַטאָפּאָלסק אין דער קרים...

און ווי בורלאַק שטייט אַזוי און טראַכט אַזעלכע געדאַנ־קען אונטער דעם ארץ־ישראל־הימל, דערהערט ער שריט, ער דערזעט אַ נעפּלהאַפטן סילועט, וואָס דערנענטערט זיך צו אים פון לאַגער. ווער קאָן דאָס אַרויסגיין צו אים? באַלד דערקענט ער אין דעם שאָטן, וואָס פאַלט פון די קאָנטורן פון סילועט, אַז דאָס איז חברטע חנה. חברטע חנה, איינגעהילט אין אַ קאָלדרע, קומט־אַרויף צו אים צו די שטאַלן. „אַן אומגליקלעכע נשמה"! טראַכט זיך בורלאַק. „אומגליקלעכע נשמה"? — באַ־לײדיגט זיך חבר בורלאַק פאַר דעם אויסדרוק, וואָס האָט זיך אין זיינע געדאַנקען אַרויסגעכאַפּט וועגן דער חברטע חנה. „אומגליקלעכע נשמה? אַ שוועסטער מיינע איז זי, פון פּאַט־ריאַרך אברהם און יעקבס אָפּשטאַם, וואָס איז באַליידיגט־ און פאַרשעמט־געוואָרן דורך פרעמדע און רויע הענט, אַ קרבן פון דעם טעות, אין וועלכן אונזערע עלטערן האָבן געלעבט!"

אייגנטלעך, וואָלט מען געדאַרפט דעם שאָדן גוטמאַכן! יאָ, ער קלערט שוין לאַנג דערפון. חברטע חנה וואָלט געווען אַ גוטע בחורה פאַר אים. זי איז אַ געזונטע, אַרבעטן קאָן זי און טוט־אויף מער פון צוויי בחורים. ער באַטראַכט זי שטענ־דיג, בעת זי זיצט אויפן בענקל און מעלקט די קי, ווי אירע היפטן פאַרשפּרייטן זיך. זי האָט געזונטע שטאַרקע היפטן. אייגנטלעך, זעט זי גאַרנישט אויס ווי אַ יידיש קינד, — רונ־דיגע פולע באַקן, געדיכטע צעפּ, און הענט האָט זי דיקע און קורצע.

צוערשט איז עס געווען בלויז רחמנות־געפיל, וואָס איר טרויעריג געמיט, וועלכעס איז שווער געלעגן אויף אירע רונ־דיגע אַקסלען, האָט אים גערירט, איר פאַרהאַרטעוועטער מויל־שניט און דער טרויער אין די אויגן, וואָס האָט זיין האַרץ ווייך־געמאַכט צו איר. נאָר זינט ער האָט זי אַנומלט געזען, ווי זי האָט געהויבן שאָפלען מיסט, און אירע שטאַרקע היפטן זענען געווען אויסגעשפּרייט און אירע פולע בריסטן האָבן זיך געבאָמבלט, ווי רונדיגע עפּל, אונטער איר קאָפטן, בעת זי האָט געוואָרפן די שפאַדלעס מיסט, האָט ער צו איר חשק־גע־קראָגן. פון דידאָזיגע היפטן קאָן אַ געזונטער דור אַרויסקומען, דידאָזיגע בריסטן וועלן קינדער שטאַרק־מאַכן. ער האָט לוסט־

באַקומען מיט איר קינדער צו האָבן. נאָר וואָס האַלט זי זיך אַזוי ווייט און איז שטעכעדיג, ווי ווילדער קאַקטוס, ווי אַ פאַרעקשנטע פרידה! „מען וואָלט געדאַרפט איר עקשנות ברעכן", — טראַכט זיך דער יונג, און עס רייצט אים די אויפגאַבע, בשעת זי קומט-אָן. „וואָס האָט זי דאָ אַהערגעבראַכט צו די שטאַלן?" — וואונדערט זיך דער יונג אין אויפרעגנ-דיגער נייגעריגקייט. — „אַז זי איז אַרויסגעקומען, וויל זי דאָך עפּעס!"

— חברטע חנה, — רופט ער איר אַנטגעגן, — וואָס איז די מעשה, איר קאָנט נישט שלאָפן?

— כ'בין אַרויסגעקומען די שמירה פאַרשטאַרקן, — זאָגט זי, און זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין נעבן דער וואַנט פון שטאַל, אָפּגערוקט פון אים און איינגעוויקלט אין איר קאָלדרע.

— די שמירה צו פאַרשטאַרקן? — וואונדערט זיך בור-לאַק און איז שוין נעבן איר. — און אייך וועט דער ביק אַנטלויפן?

צוערשט ענטפערט זי אים נישט. נאָך אַ שטיקל ישוב-הדעת זאָגט זי:

— חברים זענען פאַרשלאָפן נאָך דעם נשף, אין אַזאַ נאַכט קאָן אַלץ פּאַסירן.

— געוויס קאָן אין אַזאַ נאַכט אַלץ פּאַסירן...

אַ מינוט שווייגן זיי ביידע. ער פרואווט זי אָננעמען ביי דער האַנט, זי רייסט זי מיט ענערגיע אַרויס פון אים.

— וואָס איז?

— גאָרנישט.

שווייגן זיי ביידע.

— וואָס איז, חברטע חנה, און איר ווילט טאַקע גאָר-נישט קיינמאָל מיט קיין בחור צוזאַמענקומען? וואָס וועט זיין דער סוף?

זי שווייגט.

ער פרואווט ווידער איר האַנט נעמען. אַ מינוט לאָזט זי זיך. באַלד דערמאָנט זי זיך אָבער און רייסט זי אַרויס פון אים.

— די בחורות האָבן שוין באַלד אַלע בחורים אויסגע-כאַפּט. פאַר אייך וועט באַלד גאָרנישט איבערבלייבן.

זי שווייגט.

— חברטע חנה! — וועקט ער זי.

— וואָס איז?

— איר ווילט טאַקע נישט חתונה-האָבן?

זי שווייגט.

אין אַ ווײַלע אַרום:

— צוויי טויזנט דונאַם, גאָט-צו-דאַנקען, זענען באַאַרבעט. אַן איילבירטן-וועלדל פאַרזייעט, דעם ווײַנגאָרטן פלאַנצט מען, אַ ביק האָבן מיר שוין אויך, גאָט-צו-דאַנקען, פאַר די בהמות. דער עמק ווערט אויסגעטריקנט, מען דאַרף אים באַפעלקערן מיט יידישע קינדער. נישט וואָר, חברטע חנה?

זי שווייגט.

ער פּרוּווט ווידער נעמען איר האַנט אין זײַנער.

— וואָס, איר ווילט טאַקע נישט דערפילן אייער פליכט פאַרן ישוב? ארץ-ישראל נויטיגט זיך אין תּוצרת-הארץ...

זי שווייגט.

אַ לאַנגע ווײַלע געדויערט דאָס שווײַגן. חבר בורלאַק זוכט עצות אין זיך, ווי אַזוי איר האַרץ צו געווינען. ער פּרוּווט, אָבער ער קלאַפּט-אָן אויף אַ פאַרשלאָסענער טיר. ניין, די טיר מוז געעפנט-ווערן, עס מוז זײַן אַ שליסל צו איר.

פּלוצים פאַלט אים איין עפּעס. ער גיט זי מיטן גאַנצן כּוח אַ נעם-אַרום מיט זײַנע שטאַרקע הענט, ווי אַ געניטער רײַטער וואַרפט זיך מיט איין שפרונג אויף אַ ווידערשפּעניגער קאָבילע, גיט אַ גראָב-איין זײַן געזונט באָרד-שטעכיג פּנים אין איר פולן האַלז און זאָגט איר מיט אַ וואַרעמען אָטעם, וואָס יאָגט פון זײַן מויל אַרויס:

— איך וויל מיט דיר קינדער-האָבן, חברטע חנה, דו האָסט שטאַרקע היפטן, גרויסע בריסטן, עס וועט פון דיר אַ געזונטער דור אַרויסקומען. קום מיט מיר אין שטאַל אַרײַן...

זײַן הייסער אָטעם, וואָס האָט איר געשלאָגן אין פּנים אַרײַן, זײַנע מעכטיגע אָרעמס, וואָס האָבן זי געהאַלטן, ווי אין צוואַנגען אײַנגעקלאַמערט, האָבן אין איר דערוועקט אַ פאַרגעסן, אָבער אייביג-לעבעדיג געפיל. און ווי דאַמאָלסט האָט עס דער-וועקט אין איר עקל מיט תאווה אויסגעמישט, צו זיך און צו

אַלע, ווי דאַמאָלסט האָט זי געוואָלט מיט אירע נעגל זיך אַריינ־דראַפּען אין דעם פלייש, וואָס האָט זי איינגעמויערט. אָבער מיטאַמאָל איז איר עפּעס געשען: אָנשטאָט אין כעס צו זיין, האָט זיך דאָס עקל־ און תאווה־געפיל אויפגעלייזט זיך אין איר אין אַן אויסברוך פון אַ היסטעריש געוויין. זי האָט איר שטאַרקן קאָפּ איינגעגראָבן אין זיין ברוסט, אַ הייסער גאַווער האָט געשלאָגן פון איר מויל און פון אירע אויגן. אָן אַ וואָרט צו רעדן האָט זי לאַנג געוויינט.

— איך וויל מיט דיר חתונה־האָבן, — האָט דער יונג צעבראָכן פון תאווה און רחמנות געפּלאַפּלט.

ער האָט זי געשלעפּט נאָך זיך אין שטאַל אַריין, און זי איז נעגאַנגען...

צומאָרגנס האָט חבר בורלאַק דערקלערט אויף דער פאַר־זאַמלונג, אַז חברטע חנה איז זיין בחורה, און זיי בעטן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען מען וועט אויסטיילן פאַר די פּאָרלעך באַזונדערע געצעלטן, זאָל מען אָן זיי אויך נישט פאַרגעסן.

## קאַפּיטל 16

# חברטע מהאַטמאַ

מהאַטמאַ איז אַ שכנטע פון דאָרף שונם, וואָס ליגט אויפן בערגל, אונטער וועלכן מען פּלאַנט שפּעטער איבערצוטראָגן דעם משק פון דער קבוצה. מען האָט זי געקענט אין די יידישע קאָלאָניעס אין מרחביה, אין עפולה, וואו זי האָט געאַרבעט ביי יידן. זי האָט מיט אַראַבישער פלינקייט אויסגעלערנט זיך יידישע און העברעישע ווערטער, מיט וועלכער זי האָט זיך באַנוצט אין איר שפּראַך.

מהאַטמאַ איז די פאַרקערפּערונג פון אַרבעט. איר הויכע שלאַנקע פיגור איז אויסגעטריקנט, דאַר און אויסגעאַרבעט. מיט איר מוסקולירטער פיגור, לאַנגע הענט און אויסגעצויגענע ביי-נער דערמאָנט זי אָן אַ וואָרצל פון אַן איילבירט-בוים, וואָס ליגט נאַקעט אויפן וועג, און פאַרבייגייער טרעטן אויף אים, רעדער גייען-אַדורך איבער אים, קאָזעס גריזשען אים אַרום, און ער לעבט דאָך. איר טונקל, מיט פּאָקן באַשטופּלט פּנים איז איין געוועב פון בלויז קנייטשן און רונצלען, שניטן און שפּאַלטן ווי די קאָרע פון דעם איילבירט-בוים, וואָס דער ווינט און דער שטויב האָבן אויפגעגעסן זיין אויבערפלאַך. אירע ציין — פאַרלוירן, נאָר אַ צוזאַמענגעשנירטער, אויסגע-טריקנטער שניט פון אַ מויל קוקט-ארויס פון איר חורבהדיג פּנים. געהילט אין שוואַרצן, באַהאָנגען מיט אָן אַ שיעור אַמו-לעטן, רינגען, פּאַטשערקעס, אַלטע זילבערנע מטבעות, וועלכע שווערן-אַראָפּ אירע גרויע פאַרפלאָכטענע האָר, — גייט זי דאָך

מיט אַן אומגעבראָכענעם שטאָלץ און גראַדקייט, ווי אַן אַל-טער ציפּרעס-בוים. יעדן טאָג קומט זי אין לאַגער אַריין און פרעגט זיך אויף אַרבעט. זי האָט טרויעריג געקרעכצט, וואָס דער „יהוד" (ייד) אַרבעט אַליין און נויטיגט זיך נישט מער אין פרעמדע הענט. וואָס וועט זיין דער סוף?

וואָרים ווי לאַנג זי געדענקט דורך איר יונג לעבן, האָט זי געאַרבעט ביים „יהוד", אין עפולה, אין מרחביה. זי איז נישט אַזוי אַלט, מהאַטמאַ, לויט איר אויסזען. עס איז גאָרנישט אַזוי לאַנג, ווען איר מאַן רעשיד האָט זי געקויפט ביי איר פאָטער און געפירט זי אַהיים פון איר פאָטערס הויז אויף אַן אויסגעפּוצט פערד מיט געזאַנג. עס איז געווען אַ שטיקל צייט פאַר דער מלחמה. דאַן איז זי געווען יונג און שיין. אָבער נישט לאַנג איז זי געווען ביי איר מאַן. ער איז גערופן-געוואָרן צו די זעלנער. האָט זיך מהאַטמאַ געטראַכט, אַז זי וועט דורך דער צייט, וואָס דער מאַן איז אין טערקישן מיליטער-דינסט, אָוועקגיין צום „יהוד" אין דער קאָלאָניע, אָנזאַמלען געלט, און ווען רעשיד וועט צוריקקומען פון מיליטער-דינסט, וועלן זיי קויפן פאַר דעם געלט אַ שטיקל פעלד מיט אַן אייזל און וועלן האָבן אַן אייגענע נחלה.

דאָס דינען ביי די זעלנער האָט זיך לאַנג געצויגן. רע-שיד איז געגאַנגען אין דער מלחמה אַריין, און מהאַטמאַ האָט געאַרבעט ביים „יהוד", געזאַמלט אין אַ טאָרבעלע, צווישן די בריסטן אָנגעהאָנגען, דאָס פאַרדינסט אין גאָלדענע און זיל-בערנע מטבעות, ביז רעשיד וועט צוריקקומען. ווען רעשיד איז צוריקגעקומען פון טערק נאָך דער מלחמה, איז זי גע-גאַנגען צו אים אין דאָרף אַריין און אים איבערגעגעבן דאָס זעקל מיט גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, וואָס זי האָט פאַר-דינט מיט איר שווערער אַרבעט דורך די יאָרן פון קריג, אַז ער זאָל קויפן אַ שטיקל פעלד און אַן אייזל. אָבער אָנשטאָט אַ יונג ווייבל, וואָס רעשיד האָט געלאָזן אינדערהיים, בשעת ער איז אָוועק צו די זעלנער, האָט ער איצט געפונען אַן אויסגעאַרבעטע זקנה. רעשיד האָט זיך געפילט באַעוולהט און ער האָט געפונען פאַר רעכט זיין שאָדן גוט-צו מאַכן דורך דעם, וואָס ער האָט גענומען דאָס זעקעלע מטבעות, וואָס

מהאַטמאַ האָט אים איבערגעגעבן, און געקויפט זיך דערפאַר א יונג ווייב. מהאַטמאַן האָט ער געשיקט ווייטער אַרבעטן צום „יהוד". האָט ער דען נישט קיין רעכט אויף איר? איז זי דען נישט זיין אייגנטום? האָט ער דען נישט איר פאָטער צוואַנציג נאַפּאָלעאָנס פאַר איר אין גאָלד-מטבעות באַצאָלט? אויך מהאַטמאַ האָט איינגעזען, אַז איר מאַן, רעשיד, האָט אַ רעכט אויף איר, זי איז אָפּגעאַרבעט און אַלט, קיין צוואַנציג נאַפּאָלעאָנס איז זי מער נישט ווערט. זי איז גליקלעך-געווען דערפון, וואָס רעשיד לאָזט זי יעדן פרייטאָג אַהיימקומען צו זיך אין דאָרף אַריין און ברענגען רעשטן עסן, וואָס זי קלייבט-אויף אַ גאַנצע וואָך פאַר אים און פאַר זיין יונג ווייבל.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און מהאַטמאַ איז אַלט-און אויסגעפּראַצעוועט-געווען, אַז מען האָט זי נישט געוואָלט מער נעמען אויף שטענדיגער אַרבעט. אָבער קיין בחינמדיג ברויט איז נישטאָ ביי רעשיד, עס איז איבערהויפּט קיין ברויט נישטאָ. האָט ער דאָך באַצאָלט פאַר איר גוט געלט, וועלכעס האָט אים גאָרנישט אַריינגעבראַכט, ווייל ער איז באַלד אַוועק צו די זעלנער. אַפילו קיין קינד האָט זי אים נישט געבראַכט, וועלכעס זאָל אים פאַרגיטיגן דעם טייערן פּרייז, וואָס זי האָט אים געקאָסט. וואָס איז זי בעסער פון אַן אַלט אייזל? האָט ער זי איינגעשפּאַנט מיט דעם אייזל צום האָלצערנעם אַקער, ווען ער האָט באַדאַרפט אַקערן זיין שטיקל ערד, געיאָגט זי אויף פאַרדינסט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און ווען קיין פאַרדינסט האָט זיך נישט געמאַכט, — געשיקט זי ברויט בעטלען אין די יידישע קאָלאָניעס, וואו זי האָט אַמאָל געאַרבעט.

פון ערשטן טאָג אָן, ווען די קבוצה איז אַרויסגעקומען אויפן פּלאַץ, האָט זיך מהאַטמאַ אין איר שוואַרצער צעריסענער הילע באַוויזן און געבעטן אַרבעט, אַז מען האָט איר אָפּגעזאָגט, און זי האָט געזען, אַז דער „מאָסקאָבי" נויטיגט זיך נישט אין איר, איז זי נישט אַוועק פון דער קבוצה, נאָר געפּראָוווט זיך נוצלעך-מאַכן ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די חברטעס ביי דער קיך האָבן רחמנות-געהאַט אויף איר, געגעבן איר אַ טעלער געקעכטס, אַ שטיק ברויט. דאָס גע-

קעכטס האָט זי אויפגעגעסן, דאָס ברויט האָט זי אַריינגעוואָרפן אין איר שוואַרצער הילע, צווישן אירע טאָרבעדיגע בריסטן, כּדי אַהיימצוברענגען פאַר רעשיד.

פון דענסטמאָל-אָן האָט זי נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער קבוצה. ווי אַן אַלט-געוואָרענע שטוב-חיה בעט זי זיך אָן אָנהאַלט אין דער בעל-הבתישקייט, און וויפל מען יאָגט זי נישט אָפּ, וויל זי נישט אָפּטרעטן און ליגט ביי דער שוועל פון דער טיר. אַזוי איז מהאַטמאַ יעדן טאָג אין דער קבוצה געקומען און אַליין זיך געכאַפּט צו דער אַרבעט. דאָ איז זי געגאַנגען אין שטאַל אַריין; האָט מען זי פון שטאַל אַוועקגע-טריבן, איז זי געגאַנגען צו די חברטעס אין דער וועשעריי, גענומען די וועש אויסדרענגען. האָט מען איר נישט געלאָזט, האָט זי מיט אַזאַ שטום-בעטנדיגער מינע פון אירע פאַרראָפּעטע אויגן אין איר אויסגעטריקנטן פּנים געקוקט, אַז עס איז שווער-געווען איר אָפּצוזאָגן. ביסלעכווייז האָבן זיך צו איר די חברטעס צוגעוואוינט. מהאַטמאַ איז געוואָרן אַ גאַנצע היימישע אין דער קבוצה. ביים עסן האָט מען אויך פאַר איר אַ שיסל אָנגעגאָסן. און וויפל די חברטעס האָבן איר נישט פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן איר עקסטרע ברויט מיטגעבן אַהיימצוטראָגן, האָט מען נישט געקאָנט פועלן ביי איר, אַז זי זאָל איר חלק ברויט אויפעסן. זי האָט עס געוואָרפן אין אירע טאָרבן-בריסטן, און שמייכלענדיג געדאַנקט מיט איר אַלט אויסגעפּראַצעוועט פּנים.

מהאַטמאַ איז געוואָרן אַ גאַנצע חברטע. מהאַטמאַ האָט זיך מיטגעפרייט מיט דעם וואַקסן פון דער קבוצה. צוערשט, אַז זי האָט געזען, ווי די חברים קריכן אין די זומפּן און שעפּן-אויס די בלאָטעס, האָט זי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, זי איז געווען צעמישט. נאָר דערנאָך, ווען זי האָט געזען, וואָס דערפון איז געוואָרן, האָט זי געשמייכלט און געפרייט זיך. ווען מ'האָט צום ערשטן מאָל דעם טראַקטאָר געבראַכט, איז זי פאַר שרעק אַנטלאָפן. זי האָט זיך זייער געעסקט מיט יאָסלס טויט, און ביי זיין לוויה איז זי געזעסן אין דער בלאָטע ביי דער קיך און געשפּילט די קלאָג-פרוי; זי האָט אַרויסגע-געבן פון זיך אומפאַרשטענדלעכע קולות און יללות און קווי-טשערייען, אַזוי אַז חברים האָבן אַ גאַנצע נאַכט נאָך יאָסלס

לויה געהערט איר קלאָגנדיגע שטימע. אָבער אויפגעריכט איז זי געוואָרן, בשעת מען האָט די ערשטע הינער-שטאָל פאַרלייגט. ביי די הינער האָט זי זיך אויך פאַרדינסט-געמאַכט. בשעת מען האָט דעם אָקס אַריינגעפירט אין לאַגער, האָט זי געשפילט די מוזיק פאַר אים. פאַר ענטוזיאַזם האָט זי די באַקן אירע אָנגעבלאָזן און געפויקט אין זיי מיט אירע פויסטן, ווי אין אַ פייקל.

מהאַטמאַ האָט געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך פאַרשידענע קלאַנגען. זי האָט זיך איבערהויפט פאַרשטענדלעך-געמאַכט נישט דורך ווערטער, נאָר דורך יללות, דורך כאַרכלענדיגע שטימען. אירע גאָרגל-טענער זענען נאָך געווען צו דערטראָגן, זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל נאָז-טענער, דורך וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט אירע פריידיגע און טרויעריגע עמאָציעס.

איינמאָל, ווען די חברים זענען נאָר-וואָס געהאַט אַהיימגעקומען פון די פעלדער און פון די שטעלער נאָך זייער טאָג אַרבעט, אָפּגעוואַשן זיך און זענען געווען פאַרנומען מיטן עסן דאָס אָוונט-ברויט מיט דעם אמתן אַפּעטיט נאָך אַ פולן טאָג אַרבעט, — דערהערט מען אין דער טונקלקייט פון דרויסן מהאַטמאַס כאַרכלענדיגע יללות, אַרויסגעקוויטשעט מיט אַזאַ האַרצרייסנדיג שרייען, ווי דענסטמאָל בשעת מען האָט געטראָגן יאָסלען צו דער קבורה. וואָס קאָן דאָס זיין? מהאַטמאַ איז נאָך אַהיימגעגאַנגען בייטאָג, וואָס-זשע טוט זי אין לאַגער? חברים זענען פלינק אַרויס, און זיי זעען, ווי מהאַטמאַ קומט-צולויפן אַ צעיאָכמערטע פון די פעלדער, בלאָזט אין די אַלטע באַקן, שלאָגט אין זיי מיט די פויסטן און קוויטשעט און קוויטשעט.

וואָס איז?

עס האָט זיך אויסגעלאָזט אָט-וואָס: קוים האָט זיך נאָר דער עמק באַדעקט מיט מענטשלעך-באַפלאַנצטע גרעזער, קוים האָבן זיך נאָר אָנגעהויבן צו וויגן די ציטערנדיגע זאַנגען אין ווינט, האָבן די בעדואינער אַרויפגעלאָזט זייערע סטאַדעס שאָף, קאָזעס, אויסגעמאָגערטע פי אויף די יונגע גרינע פעלדער. מען האָט געוואָרפן די שיסלען, געכאַפּט וואָס מען האָט געקריגן אין די הענט און געלאָפן אין פעלד אַריין. אין אַ שעה

אַרום זענען די חברים צוריקגעקומען און אַרייננגעטריבן אין הויף פון לאַגער די אַראַבישע סטאַדע, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פעלדער.

געמיינט האָט מען, אַז די בעדואינער וועלן באַלד נאָכקומען און אונטערהאַנדלען, כּדי צו פאַרריכטן דעם היזק, און מען וועט זיי אַרויסגעבן די בהמות. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געקלערט זיי צו פאַרהאַלטן, מען האָט זיי נאָר געוואָלט אָנשרעקן. אָבער די אַראַבער זענען נישט געקומען.

די נאַכט זענען שוין ווייניק חברים געשלאָפן אין דער קבוצה, מען האָט פאַרשטאַרקט די שמירה.

חבר כאַימאָוויטש איז נישט געווען אינדערהיים, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, געווען אין שטאָט אונטערהאַנדלען מיטן ועד פון גדוד וועגן דעם אינווענטאַר פון דער קבוצה. צומאָרגנס איז ער אַהיימגעקומען, געוואויר־געוואָרן, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער זיך, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, בשעת עס האָט זיך געמאַכט אַ צרה, געקראַצט אין זיין האַרט בערדל און געזאָגט, אַז די חברים האָבן זיך איבערגעאיילט. דאָס, וואָס די אַראַבער זענען נישט באַלד געקומען נאָך דער סטאַדע, געפעלט אים נישט.

— וואָס דען דאַרפן מיר טון?

— פאַרשטאַרקן די שמירה און זיי פון אָנהייב־אָן נישט אַרויפלאָזן, — זאָגט חבר כאַימאָוויטש.

— פאַרשטאַרקן די שמירה וועט אונז קאָסטן אַ שטיק פון אונזער בודזשעט. די חברים קאָנען נישט אַ גאַנצע נאַכט אויפזיין און שומרן, און דערנאָך בייטאָג גיין צו דער אַרבעט. מען קאָן עס טון איין נאַכט, צוויי נעכט, אָבער נישט אויף דער דויער. דאָס הייסט, אַז מען וועט באַדאַרפן אָנשטעלן שומרים, אָדער אַ טייל פון די חברים אַראָפּנעמען פון דער טעגלעכער אַרבעט און אויסשטעלן אויפן פעלד. דאָס וועט דאָך אונז קאָסטן אַ שלל מיט געלט!

— וועלן מיר דאַרפן אַביסל ווינציגער עסן! — זאָגט זיך אָפּ כאַימאָוויטש מיט אַן ערנסטן טרויער.

— ניין, מיר דאַרפן זיי באַווייזן, ווער מיר זענען, אַז מיט אונז שפּילט מען זיך נישט. מיר דאַרפן זיי אָנלערנען,

אַז זיי זאָלן געדענקען, באַלד פון אָנהייב־אָן אַזאַ לעקציע געבן, אַז זיי זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן נאָכאַמאָל דאָס נישט צו טון. — האָט זיך איינער געקאָכט.

— אָן יד חזקה וועט מען דאָ גאָרנישט אויפטון. זיי מיינען, אַז זיי האָבן צו טון נאָך מיט דעם אַלטן ישוב — האָט זיך געקאָכט אַ צווייטער.

און אַ דריטער און אַ פערטער...

חבר כאַמאָוויטש איז געשטאַנען און אויסגעהאָרכט. ער איז בלייך־געווען, זיין שוואַרץ בערדל איז מיטאַמאָל גרויער־געוואָרן, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט. ער האָט זיך געשטאַרקט, געדולדיג אויסצוהערן. דערנאָך, ווען אַלע חברים האָבן זיך שוין אויסגעשריגן, האָט ער זיך אָנגערופן געלאַסן:

— דאָס ווייסן מיר אַלץ, און דאָס אַלץ האָבן מיר שוין דורכגעמאַכט. אַז מען וועט דאַרפן מלחמה, וועלן מיר גיין אויף מלחמה. פאַר ארץ־ישראל און פאַר אונזער אידעאַל וועלן מיר אַלץ טון. אָבער מלחמה איז אַ טייערער ביסן, און מען חייסט נישט, ווי עס ענדיגט זיך. יעדנפאַלס דאַרפן מיר זיין די לעצטע צו באַנוצן זיך מיט דעם מיטל. עס זענען דאָ אַנדערע מעגלעכקייטן צו פאַרהיטן דעם שאָדן, מעג עס קאָסטן וואָס עס זאָל נישט קאָסטן, אַפילו אונזער לעצטן ביסן, וועלן מיר זיך דערמיט באַנוצן. נישט נאָר דערפאַר, ווייל וואָס פאַר אַ מיטלען מיר זאָלן נאָר נישט אָנווענדן, איז עס אַלץ ביליגער און זיכערער ווי מלחמה, נאָר עס איז אויך עטישער און ערלעכער. און מיר זענען אַהערגעקומען נישט נאָר בלויז וויסטע שטיקער לאַנד אויסצוטריקענען, נאָר אויך צו לעבן אַ מאָראַליש לעבן און צו געבן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע.

אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. די סטאַדע איז שוין געווען אין לאַגער, און איצט זי אָרויסגעבן אָן אונטערהאַנדלען וואָלט געהייסן אַרויסווייזן שוואַכקייט און מורא, און דאָס איז געווען אַ געפאַר. דערווייל האָט מען די צוגענומענע בהמות געמוזט געבן עסן. מען האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג, אַז די בעדואינער זאָלן קומען אונטערהאַנדלען. זיי זענען אָבער נישט געקומען. מען איז ווידער אַ נאַכט נישט געשלאָפן און דורכגעשומרט. אַלץ איז געווען שטיל. אויפן דריטן

טאָג האָט מען געזוכט מיטלען, ווי אַזוי זיך צו פאַרשטענדיגן מיט די אַראַבער. מען האָט געוואָלט וויסן, וואָס זיי האָבן בדעה צו טון, נאָר מען האָט קיינעם נישט געזען פון זיי. און אַ מאָדנע זאַך: זינט דעם פאַרפאַל האָט זיך מהאַטמאַ אויך נישט באַוויזן אין ,אַגער און מען האָט גאָרנישט געקאָנט דערגיין.

אויף דער דריטער נאַכט איז דער עולם מיד-געוואָרן צו שומרן, מען האָט איינגעטיילט די נאַכט אויף דריי שמירות, אויסגעשטעלט טאָפּלטע פּאָסטנס, און דער עולם איז אַריין אין די געצעלטן.

נאָר קוים איז מען אין ערשטן פעסטן שלאָף אַריינגעפאַלן, האָט זיך דערהערט הינטער די געצעלטן אַ פּויקן אין די באַקן, אַ כאָרכלדיגע יללה. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מהאַטמאַ. מען איז געקומען אַרויסצולויפן פון די געצעלטן. מהאַטמאַ, אַן אָפּגעיאָכמערטע, אַן אָטעם אָפּצוכאַפּן, שרייט:

— זיי קומען-אָן!

— ווער?

— די אַראַבער! פון דריי זייטן וועלן זיי קומען. עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בעדואינער פון גאַנצן טאָל, באַשטימט די קבוצה אונטערצוברענגען. זיי זענען אין דאָרף, וואו זיי פּראַווען אַ סעודה ביי שעפס און רייז. דער שייך טיילט געווער, נאָך אינמיטן דער נאַכט וועלן זיי זיך רירן פון דריי זייטן אויף דער קבוצה.

די גאַנצע קבוצה איז שוין געשטאַנען אויף די פיס. מ'האָט איינגעטיילט די חברים, יעדער גרופּע אַ פירער אָנגעוויזן. דאָס ביסעלע געווער, וואָס איז געווען, האָט מען צעטיילט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז מען האָט שוין, גאָט-צו-דאַנקען, שכנים, האָט מען געשיקט אַ חבר אויף אַ פרידה צו די ניי-אָנגעקומענע חברים אין עמק אַרויס, אַז זיי זאָלן זיין גרייט. אַליין האָט מען זיך שנעל פאַרגעברייט פאַרן אָנפאַל, פאַנאַנדערגעפירט די גרופּן אין די ווינקלען, אַוועקגעלייגט זיך הינטער די קופּעס שטיינער הינטער די ווענט פון די שטאַלן. מען האָט אַרויסגעשיקט אין פעלד אַריין איינצלנע אויסקוקער. די חברטעס האָט מען באַ-

שטימט אין די צריפים זיך צו פאַרזאַמלען. זיי האָבן פּראָטעסטירט געגן דעם, געפאָדערט זייער גלייכבאַרעכטיגונג, אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן. די חברטעס דאַרפן זיין אונטער באַשיצונג.

— פון אונזער זייט מוז אַלץ געטון-ווערן, כּדי בלוט אויסצומיידן, — האָט חבר כאַימאָוויטש געזאָגט, — עס וועט זיך אָנהייבן דערנאָך אַ לאַנגע קייט פון גאולת־הדם. מיר דאַרפן איינהאַלטן דעם כּעס, נאָר אָפּווערן זיך, כּדי דעם ענין אין שלום אָפּצושליסן.

— דאָס וועט אונז שפּעטער טייערער קאָסטן, — האָט ווער געברומט.

— מעג עס אונז קאָסטן, וואָס עס זאָל נישט קאָסטן. איצט מוזן מיר דעם שלום פאַר אַלע פּרייזן קויפן! — האָט כאַימאָוויטש אָפּגעענטפערט.

און די חברים האָבן געהאָרכט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי צוריקגעהאַלטן דעם אָנפאַל, און קיין איין קרבן איז נישט געפאַלן. ביי יעדער דערנענטערונג פון די בעדואינער האָט מען זיי אָפּגעשראָקן דורך שיסן אין דער לופטן.

איבעריגנס, האָט מהאַטמאַ געראַטעוועט די סיטואַציע. דורך דעם, וואָס די חברים זענען געווען צוגעגרייט צו עמפאַנגען די איבערפאַלער, האָבן זיי אָפּגענומען דעם חשק ביי די לעצטע. נאָך דערצו, ווען זיי האָבן געזען, אַז די חברים זענען גוט פאַרגעברייט.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן דער שייך פון דאָרף אונטערהאַנדלען וועגן שלום.

דאָס איינציגע, וואָס זיי ווילן, איז — מען זאָל זיי אַרויסגעבן די סטאַדע, וועלן זיי אָפּטרעטן פון דעם באַארבעטן עמק און וועלן זיך ווייטער אַריינציען אין ווילדן טאָל.

זיי האָבן פאַרלויפיג די שלום־באַדינגונגען געהאַלטן, זיי האָבן אָפּגעצויגן מיט זייערע טשערעדעס און שוואַרצע געצעלטן אין ווייטן עמק אַריין, וואָרים דער ישוב איז איצט ביינאַכט דורך אַ דרייפאַכער שמירה באַוואַכט־געווען.

מהאַטמאַ איז פון דענסטמאָל־אָן, ווי אַ גלייכע חברטע, באַרעכטיגט־געווען צו די געמיינזאַמע מאָלצייטן פון דער קבוצה.

און ביי דער נעכסטער האָרא האָט מען דערמאָנט איר נאָמען צווישן אַלע גדולים, וואָס מען האָט אויסגערעכנט, וועלכע וועלן בויען דעם גליל...

— האָבן מיר געמאַכט אַ שיינעם עסק דערביי. עס האָט אונז נאָך אָפּגעקאָסט איבעריגע פּאַשע, וואָס מען האָט דריי טעג זייער סטאַדע געמוזט ביים לעבן דערהאַלטן, און איצט די פֿאַרשטאַרקטע שמירה! — האָט זיך געקלאָגט יוחנן הסנדלר.

— וואָס קאָנסטו דיר העלפֿן, האָסט אַן אַנדערע עצה? שווער צו זיין אַ ייד! דאָס האָט נאָך שלום־עליכם געזאָגט...— האָט אים חבר כאַזמאָוויטש געענטפֿערט.

## קאַפּיטל 17

# יאָסל קומט צוריק אין לעבן

„שמשון הגיבור" האָט זיך נישט אויפגעפירט, אַזוי ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן פון אַזאַ „גיבור ונורא", נאָר פּונקט פאַרקערט: אַזוי ווי מען האָט אים נאָר אין שטאַל אַריינגעבראַכט, האָט ער פון ערשטן טאָג אָן אָנגעהויבן אַרויס-צואווייזן באַאומרואיגנדע סימנים, וועלכע האָבן מיט פּחד צו-וויסן-געגעבן, אַז עפּעס געפעלט אים דאָ נישט. אַזוי ווי עס וואָלט אים וועך אָן עין-הרע-געגעבן, אָדער אַ שטראָף פון גאָט וואָלט אַראָפּגעפאַלן, — דער ביק איז אויס ביק געוואָרן. ער האָט מער מעלה-גרה-געווען, ווי געגעסן, כאָטש פּאַשע האָט ער געהאַט איבערגענוג, די מולטער איז שטענדיק געווען פול. ער האָט געגעבן אַ בויג-אַראָפּ דעם מעכטיגן געניק אין דער איבערגעפולטער קאַרעטע, אַ שמעק-געגעבן צו דער שטיי-ענדיגער שפּייז, אַ נויג-געטון דעם קאָפּ, אַ כאַפּ אַ ביסן היי פון לייטערל אַראָפּ, וואָס ער האָט געהאַט איבער זיך, אַ לעק דאָס זאַלץ, אַרויסגעשטעקט די צונג, — און איז געשטאַנען און געקוקט תמעוואַטע מיט זיינע גרויסע גרויע אויגן פון די גע-דיכטע האָר-רעמלעך און פאַרטראַכט זיך לאַנג אויף איין אָרט.

בחינם האָבן חבר בורלאַק און הינטער אים חברטע חנה מיט האַרצקלאַפּעניש באַאָבאַכטעט זיינע באַוועגונגען, געפּרואווט אויסגעפינען, וואָס עס דערקוטשעט אים. זיי האָבן פאַרזוכט אים אַלערליי לעקער-ביסנס צו געבן, מען האָט פאַר אים אַנ-דערש געמישט די פּאַשע, מער קאָרן אַריינגעטון; כדי צו

רייצן זיין אַפּעטיט, האָט מען פאַרטאָפּלט זיין פּאָרציע זאַלץ, געבראַכט אים דאָס ערשטע פרישע גראָז פון פעלד אַראָפּ. ער האָט דאָס געלעקט, מעלה-גרה-געווען — און איז געשטאַנען און געקוקט. אין זיין שטאַרקן קאָפּ-קנאַכן, אין זיינע תמעוואַטע אויגן איז געלעגן אַ שטומע, אַ האַרצברעכנדע בענקשאַפט נאָך דער דעמפּיגער, פייכטער לאַנדשאַפט פון זיין היימאַט, נאָך די גרין-באַגראָזטע ווייטע לאַנקעס, וועלכע באָדן זיך אין פייכטע טויען, נאָך דעם פריזן-לאַנד, פון וואַנען ער קומט. אין זיין אָפן מויל, אין זיין אַרויסגעשטעקטער צונג, אין זיינע שנאָפּלדיגע פייכטע נאָזדרעס האָט מען אָנגעזען, אַז עס פאַרפעלט אים אָטעם, אַזוי ווי די לופט וואָלט פאַר אים געווען צו-שיטער און זעטיגט נישט דעם דורשט פון זיינע לונגען. עס איז געווען אַ רחמנות צוצוקוקן, ווי די בהמה ליידט; און אַז זי ליידט, דאָס האָט מען באַשיימפּערלעך אָנגעזען אין אירע פאַרגלייזטע שרייענדיגע אויגן — און מען האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו העלפן.

די קבוצה האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין מזל צו די שטוב-חיות און צו די בהמות. אויך אין דער הינער-שטאַל איז נישט צוגעגאַנגען, ווי מען האָט עס שטאַרק געוואונטשן. די שניי-ווייסע „לעגהאָרנער" הינער האָבן געגעבן ווייניג אייער, און געווען איז דאָס דווקא דער סעזאָן, ווען די הינער הייבן אָן צו לייגן. יעדן טאָג האָט מען געפונען צווישן זיי אַ פּאָר טויטע — זיי זענען געשטאָרבן אויף אַ קרענק, וואָס מען האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז.

נאָר ביי די הינער האָט מען זיך באַלד געכאַפּט די אורזאַך פון דעם מיסדערפאָלג. שוין פון לאַנג האָט חברטע שרה באַמערקט, אַז אין דער הינער-שטאַל איז זייער שמוציג און פייכט; אַז די צוויי חברים — דער ליטווישער בעל-מוסר-ניק מיט דעם אידעאַליסטישן טאָלסטאָיאַנער, וועלכע האָבן גע-האַט דאָס אויפזען איבער די הינער — האָבן בשעת דעם ריי-ניגן די שטאַל צו-פיל דיסקוטירט איבער מוסר-היהדות, צי יידן באַדאַרפן זיין „ככל הגויים", אָדער אַן „עם לבדד ישכון", — אויפגיין אין דער נאַטור, אָדער צי מען באַדאַרף נישט דאָ פאַרגעסן די ספּעציעלע יידישע מיסיע. און דערווייל האָבן

זיך די שפּינען פון די אַראַבישע שטאַלן פאַרקליבן צו די הי־נער און פאַרלייגט זייערע וועב-שטולן, שטשורעס זענען גע־קראָכן פון די קופּעס מיסט, און מאָסקיטן, ווערים און פליי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די אַראַבישע לעכער — עס איז זיי נישט געווען צו פאַריאָגן. מען האָט באַלד די צוויי דיס־קוטירנדע חברים דערווייטערט פון דער הינער-שטאַל, זיי אי־בערגעגעבן אַן אַנדערע אַרבעט. און איבער די הינער האָבן איצט אַכטונג-געגעבן עטלעכע חברטעס. עס איז נאָך נישט בעסער-געוואָרן, אָבער עס איז דאָ אַ האָפענונג.

אָבער מיטן ביק איז גאָרנישט געווען צו פאַרשטיין, וואָס עס קאָן זיין די אורזאַך פון זיין קראַנקהייט. חבר בור־לאַק און חברטע חנה האָבן געהאַלטן די בהמות אין בעסטער אָרדענונג. ווי ווייט עס איז מעגלעך-געווען, האָבן זיי אויס־גערייניגט די אַראַבישע לעכער, אין וועלכע די שטאַלן האָבן זיך געפונען, פון אַלע שמוציגקייטן און ווערים. עס איז אָבער נישט געווען צו דעררייניגן. די הייזלעך זענען געשטאַנען אויף אַ מיסט-בערגל, וואָס דורות אַראַבער האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. דאָסגלייכן דער גאַנצער הויף אַרום, וועלכער איז פון אויבנאויף אויסגעטריקנט-געווען און איז באַלייגט-געווען מיט אַ האַרטער שיכט ערד, — מען האָט נאָר באַדאַרפט אַ פּאָר טיפע גראָב-געבן מיט אַ שפּאַדעל, און מען האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ קופּע מיסט. פון די קופּעס מיסט האָבן זיך געהויבן מחנות פליי, וועלכע האָבן פון די בהמות דאָס בלוט אויסגעזויגן. מען האָט געטון אַלעס מעגלעכע: חבר בורלאַק האָט צוויי מאָל אין טאָג די שטאַלן גערייניגט, חבר־טע חנה האָט יעדן טאָג די קי צו דער ברכה געפירט און זיי געוואַשן, גערייבן מיט אַ באַרשט, מען האָט מלחמה-גע־האַלטן מיט די פליי און כלערליי אינזעקטן, מיט די ווערים און שטשורעס, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, מען האָט די שטאַלן אויסגעקאַלכט. שוין אָפּגערעדט, אַז זיי האָבן דעם ביק, וועלכער האָט געטראָגן מיט זיך אַזויפיל האָפענונג, גע־היט ווי אַן אויג אין קאָפּ פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער איז אין שטאַל אַריינגעקומען. זיי האָבן געזאָרגט פאַר אים, אַז ער זאָל האָבן אַלעס נויטיגע מיט דער גרעסטער

פּינקטלעכקייט. וואָרים, ווען עס זאָל, חלילה, עפּעס געשען מיט דעם ביק, וואָלט דאָס געווען אַ וועלט-אומגליק!

מען האָט פֿלינק געאַיי.ט קיין חיפה, געבראַכט אַ וועטע־רינאַר. ער האָט באַקוקט דעם ביק אַהין-און-אַהער, און גע־פּסקנט, אַז ער באַדאַרף האָבן מער באַוועגונג און מער זאַלץ. אָבער דער ביק האָט גאָר קיין חשק נישט אַרויסגעוויזן צו האָבן מער באַוועגונג. ווען מען האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון שטאָל, האָט ער קוים זיינע פֿיס געשטעלט, זיי האָבן זיך גע־בראָכן איצט אונטער דער שווערער מאַסע פֿון זיין געבוי און האָבן שוין נישט געקאָנט דאָס דערטראָגן. מערסטנטיילס איז ער געלעגן אין זיין קאַסטן אויפֿן שטרוי, געקוקט מיט די האַלב-פֿאַרכמורעטע אויגן מיט האַרצרייסנדער שטומער בענק־שאַפֿט און אַסטמיש מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג געלעכצט נאָך לופֿט.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אַריינפֿירן „שמשון הגיבור" אין דער שטאָל אַריין מיט אַזאַ געצנדינערישער פּרייד, באַ־גלייט מיט אַזוי פֿיל ברכותדיקע האָפֿענונגען, האָט מען געפֿונען ליגן אין זיין קאַסטן שטרוי אַ חורבה פֿון אַ צונויפֿגעבראָ־כענער ביינערדיקער קאָנסטרוקציע באַדעקט מיט אַ באַרג פֿלייש. עס איז געווען ווי אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געבויט-געווען אויף אַ טעותדיקן חשבון.

— איך האָב באַלד געוואוסט, אַז עס וועט זיך אַזוי ענדיקן. דאָס איז אַ שטראָף פֿאַר דעם געצנדינערישן „ככל הגויים", וואָס מען האָט געפּראַוועט אַרום אים! — האָט דער ליטווישער בעל-מוסרניק געזאָגט פֿאַר חברים, וועלכע האָבן אים פֿאַר דער שאָדנפֿרייד געוואָלט שיער דורס-זיין.

דאָס הייסט, אַז אַלץ איז אויס!

כאַ־מאָוויטש, וועלכער איז געזעסן אין חברטע שרהס געצעלט, דעם קאָפּ פֿאַרזונקען אין זיינע הענט, האָט זיך דער־מאָנט אָן דער עקספּערטיזע, וואָס דער דאָקטאָר האָט אָפּגע־געבן, אויספֿאָרשנדיק די קלימאַטישע באַדינגונגען פֿון אָרט, איידער זיי זענען אַרויף אויף דעם פּלאַץ, — „אויף דעם אָרט דאָ קאָן קיין ישוב נישט זיין" — האָט דער דאָקטאָר געפּסקנט, — „די מאַלאַריע-מיקן וועלן אַלץ פֿאַרניכטן". הייסט

עס, אַז מען בויט אויף אַ בלאָטע, און די בלאָטע וועט אײַן זיך אַלץ פאַרזינקען!...

און דאָך האָט כאַימאָוויטשן זײַן אינסטינקט געזאָגט, אַזוי איצט ווי דאַמאָלס, אַז אויף דעם אָרט וועט ווימלען מיט לעבן. ער האָט שוין געזען די יידישע שטעט און דערפער, וואָס זענען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן ברייטן טאָל, אַזוי ווי זיי זענען אַמאָל געווען פאַרשפּרייט ביי אונזערע אָבות.

איז ער זיך טועה? ניין, ער איז זיך נישט טועה. אין דעם איז ער געווען זיכער. מען מוז זיך נאָר פאַרבערייטן צו אַ לאַנגער מלחמה מיט דער נאַטור. אָבער צי וועלן מיר פעאיג־זיין די מלחמה צו פירן, מיר, די מענטשן פון שטאָט, וועלכע זענען געוואוינט־געוואָרן צו קומען צום גרייטן; מיר, די שטאָט־מענטשן, וועלכע האָבן איינגעטוישט די מאָס און אייל, דאָס בוך און די פעדער אויף דעם אַקער־אײַזן? וואָס וועט ער זאָגן דעם ועד פון גדוד? ווי אַזוי וועלן זיי גוט־מאַכן דעם גרויסן שאָדן? די באַשולדיגונגען, וואָס וועלן זיך שיטן אויף זיי! אַזוי שוין אויך רופט־אַרויס דער עקספּערימענט, וואָס ער פירט דאָ איין, אַ ווידערשטאַנד צו זיך. וואָס וועט ערשט איצט זיין, ביי די מניעות, וואָס שטעלן זיך זיי אויפן וועג? וואָס וועט ער זאָגן היינט די חברים אויף דער פאַרזאַמלונג אויפצוהויבן זייערע געמיטער?

ווי ער זיצט אַזוי פאַרטראַכט, פילט ער אויף זיך בליקן; בליקן, וואָס וואַרעמען און היילן; בליקן, צו וועלכע ער איז געוואוינט און דאָך נישט געוואוינט, ווייל זיי זענען צום ערשטן מאָל גאַנץ אַנדערע ווי תמיד.

— קום־אַרויס, בערל, וואָס זיצסטו דאָ?

ער איז אַרויסגעגאַנגען נאָך דער חברטע שרה. זיי האָבן ווידער זיך גענומען אינסטינקטיוו מיטן שטעגל צום בית־הקברות.

— צו צרות ביסטו דאָך געוואוינט, — זאָגט זי.

— יאָ, אָבער די אַנדערע?

— וועלן זיי זיך מוזן צוגעוואוינען, ווי מיר.

דער „מיר" האָט מיט אַ גאַנץ אַנדער ליכט דעם ענין

באַלויכטן. איצט איז אים מיטאַמאָל אַלץ קלאָר און ריכטיג פאַרגעקומען.

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געקוקט איר אין פנים אַריין. ער האָט עס געקענט, דאָס אָפענע מיידלשע פנים, וואָס איז שווער- און אויסגעטריקנט-געוועזן, געריגצלט אונטערן האַלז און מיט זעקלעך אַרום די אויגן פון זאָרגן און אַרבעט. דאָס פנים אירס איז ביי אים געווען אַ שטיק ארץ-ישראל, וואָס האָט פולל-געווען אין זיך אַלע אמתן און אי-דעאַלן, פאַר וועלכע עס לוינט זיך צו לעבן, לוינט זיך צו ליידן און לוינט זיך צו שטאַרבן. נאָר ביז-איצט איז שרהס פנים געווען אַ שטיק ארץ-ישראל בכלל, וואָס באַלאַנגט צו אַלעמען, און מיטאַמאָל איז עס געוואָרן זיין חלק ארץ-ישראל, וואָס איז פאַר אים געווען אָנגעגרייט און באַשערט, און עפעס איבער אַ סיבה האָט ער עס נישט גענומען ביז-איצט. איצט איז געקומען די צייט צו נעמען זיך זיין טייל. ער האָט גע-פילט צום ערשטן מאָל, אַז ער האָט רעכט דערויף און ער איז רייף דערצו.

— שרה!

— וואָס איז, בערל?

— דו ווייסט, איצט איז געקומען די צייט, ווען מיר זאָלן ווערן מאַן-און-ווייב!

ער האָט זי אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, וועלכע זיי האָבן באַפרייט פון אַ טויזנט-יאָריגער פאַרשקלאַפונג פון וויס-טעניש, און האָט זי אַרומגענומען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין ליבע. ער האָט זיין באַבערדיגט-שטעכעדיג פנים אַריינ-געטון אין איר פנים אַריין. איר האַרץ האָט געקלאַפט, און זי האָט געפילט פון אים דעם גערוך פון ערד — פון זייער ערד...

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין געצעלט אַריין, איז שוין געווען אָוונט.

אויף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז צוגעגאַנגען זייער שטורמיש, און אויף וועלכער עס האָט געהערשט אַ פעסימיס-טישע און נידערגעשלאָגענע שטימונג, האָט כאַזמאַוויטש שוין גענומען דאָס וואָרט.

„חברים! — האָט ער געזאָגט. — מיר זענען יונגע אויף דעם אָרט אין דער אַרבעט, אונזערע עלטערן האָבן אונז נישט פאַרגעברייט דעם באָדן, מיר האָבן פון קיינעם גאָרנישט גע-ירשנט, מיר האָבן פון קיינעם נישט צו לערנען. מיר מוזן אָנ-הייבן אַלץ פון אונז. מיר שטייען פאַר פיל נסיונות, די מניעות הייבן זיך ערשט אָן, עס וועלן נאָך קומען שווערערע און האַרטערע פּרוואוואונגען, וואָס די נאַטור וועט אונז לייגן אויפן וועג, און אויך מניעות פון פרעמדע. די שווערסטע וועלן אָבער זיין די מניעות, וואָס ליגן אין אונז אַליין, ווייל מיר זענען יונג און אומדערפאַרן. אָבער מיר וועלן זיי אַלע בייקומען. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט! צי זאַטע אָדער הונגעריגע, צי באַקליידטע אָדער אָפּגע-ריסענע, — מיר באַלאַנגען אַלע דאָ אויף דעם אָרט, די ערד דאָ איז אונזער מזל, זי איז אונז באַשערט מיט אַלע ברכות און קללות, וואָס זי האָט צו געבן, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט — כי לכך נוצרנו!"

דער עולם איז שטיל-געוואָרן. די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָפּגעבראָכן. די חברים האָבן זיך איינציגווייז אָנגעהויבן אַרויס-צורוקן אינדרויסן. עס האָבן זיך געבילדעט גרופּקעס, אין וועלכע מען האָט דיסקוטירט אין די ווינקלען. אייניגע האָבן זיך פאַרקליבן אין זייערע געצעלטן, אַנדערע האָבן דאָס ליכט פון דער קיך באַנוצט צו לעזן אַ צייטונג אָדער אַריינצוקוקן אין אַ בוך, כדי צו פאַרטרינקען דעם יאוש, וואָס האָט אַלע-מען געשטיקט.

ווי חברים זיצן אַזוי אין געהאַקטע צרות, קומט חברטע דבורה אַריינצולויפן פון דעם ווייבער-באַראַק, וואו די טראָגע-דיגע חברטעס האַלטן זיך אויף, לויפט-צו צו דער חברטע שרה און רוימט איר עפּעס איין אין אויער. באַלד ווערט אַ באַוועגונג, מען טרייבט-אַרויס די חברים פון דער קיך, מען שטעלט-צו גרויסע קעסלען מיט וואַסער צו קאָכן. די חברטעס לויפן הין-און-צוריק פון דער קיך אין ווייבער-באַראַק. באַלד זענען אַלע חברים אַרויס פון די געצעלטן, מען איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט אין דער בלאַטע אַרום דעם געצעלט פון די טראָגעדיגע חברטעס. מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אינ-

דערשטיל ביי די פאַרנומענע חברטעס, וואָס מען הערט.

אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז חברטע לאה, שלמה מו־ראַווסקיס בחורה, האָט פון אויפרעגונג צוליב דעם אָנגעוואוי־רענעם ביק באַקומען ווייען.

און מיטאַמאָל איז אויף אַלעמענס געדאַנק אַרויפגעשוואו־מען די געשטאַלט פון חבר יאָסל, און יעדער איינער האָט געטראַכט דאָסזעלבע:

„חבר יאָסל קומט צוריק אין לעבן אַריין."

וואָס ביק, ווער ביק? אַ שיינע ריינע כפרה הונדערט ביקעס, דאָס יידישע פאָלק איז רייך גענוג אויסצושטיין אַ היזק פון אַ ביק. די פיס האָבן זיך געריסן צום טאַנץ, די גאָרגלען צום שרייען, נאָר מען האָט מיט אַלע כוחות געמוזט צוריקהאַלטן דעם יצר־הרע פון טאַנץ, צוליב איינזעעניש מיט דער חברטע קינפעטאָרין.

דערפאַר האָט מען די גאַנצע צוריקגעהאַלטענע תאווה פון טאַנץ אויסגעלאָדן מיט אַ פּאָר אָוונטן שפּעטער, ווען חבר כאַזמאָוויטש האָט געמאָלדן אויף דער פאַרזאַמלונג, אַז ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער חברטע שרה, וועלכע איז גע־וואָרן זיין בחורה, און זיי בעטן אַ באַזונדער געצעלט פאַר זיך. מען האָט זיי, ווי די אַנדערע פּאָרלעך, אָפּגעלייגט אויף נאָך דעם רעגן־סעזאָן. דערפאַר אָבער האָט עס געגעבן אַ גע־לעגנהייט פאַר דער גרויסער האָרא, וואָס מען האָט געטאַנצט לכבוד דער חברטע שרה.

דערצו איז נאָך אין דעם צריף פון די טראָגעדיגע חבר־טעס געלעגן די ערשטע מוטער פון נייעם ישוב מיט דעם בכור פון עמק ביי איר צופוסנס, וועלכן מען האָט שוין אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ בן־מלך, און ווען אַלע האָבן באַטראַכט פאַר זייער אייגענעם און גערופן מיט דעם נאָמען: „הבכור שלנו יאָסל"!

לכבוד אים האָט מען געטאַנצט אַ באַזונדער האָרא אונ־טער אַ נייעם מאָטיוו:

„זה חלקנו מכל עמלנו!"

## קאַפּיטל 18

# דער ערשטער וואָגן היי

חבר בן-טוב, כאָטש ער איז אָהערגעשיקט-געוואָרן אַלס משגיח אויף דער כשרות, דאָס הייסט, ער זאָל אַכטונג-געבן אויף דעם העברעיִש-רעדן, איז פונדעסטוועגן מיט זיין גאַנצער אויסגעדאַרטער לערנערישקייט נישט געווען קיין ערגערער אַרבעטער, ווי די אַנדערע: ער איז געקראָכן אין די זומפּן, אין די ווינטער-רעגנס, האָט געהויבן די בלאָטע, און עס האָט אים גאָרנישט געאַרט. איצט איז אויך די צייט געקומען אויף אים. ווי ער שטייט אַזוי מיט זיין בית-מדרש-בחורישער פיגור אין דעם גרוב, וואָס ער גראָבט-אויס פאַר חבר נירקעסעס ווינגאָרטן, פילט ער, אַז אַרויסגיין פון גרוב וועט ער שוין נישט. אַ ווייטאָג, וואָס האָט זיך נאָך פאַר אַ פאָר וואָכן אַריינגעכאַפּט צו אים אין זיינע פיס-קנעכל און נאָגט אים אויס דאָס חיות ווי אַ טעמפּער ציין-ווייטאָג, האָט אים איצט אינגאַנצן די קנעכלעך איבערגעשניטן. היינט אינדערפרי נאָך, ווען ער איז געגאַנגען אין פעלד אַריין, זענען זיינע פיס געקראָכן אין דער דורכגעווייקטער בלאָטיגער ערד ביז צו די קנעכלען, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פייכטע ראָסע, וואָס איז געלעגן איבער די גרעזער אויף דער ערד, האָט זיך דורך זיינע שטיוול אין פלייש אַריינגעזויגן אין זיינע קנאָכנס. דער ווייטאָג האָט אָנגעצויגן שטאַרקער און איז געשפּרונגען פון איין גליד צום אַנדערן, אָבער ער האָט זיך ווייניג-וואָס געמאַכט דערפון, ער האָט געמיינט, אַז עס וועט איבערגיין. געפיבערט האָבן

פיל, צו ביסלעך רעומאַטיזם האָבן אַלע חברים געהאַט, און דאָך האָט מען ווייטער געאַרבעט, און מען האָט נישט גערעדט דערפון. אָבער איצט איז עס אויס! ער קאָן פשוט נישט מער אויסגלייכן דעם רוקן און אויפהויבן זיך פון פיאָש, אויף וועלכן ער שטייט אָנגעלענט. די פיס זענען מער נישטאָ, צוויי ווייטאָגדיגע קלעצער, ווי צוויי שלעכטע אומזיכערע באַק-ציין, אויף וועלכע מען האָט מורא צו בייסן.

ער האָט גערופן אַ חבר, וועלכער האָט געאַרבעט נעבן אים.

— ברוך, קום נאָר אַהער! גיב מיר אַ האַנט, איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיינע פיס.

דאָס איז געווען דער אַכטער שווערער פאַל פון רעומאַטיזם. אין דעם שפּיטאָל-באַראַק זענען געלעגן צוועלף חברים, דורך אַ ליילעך אָפּגעטיילט — זיבן חברטעס אויף קדחת, רעומאַטיזם און שווערע צוגעקילטקייט, אַ חוץ פינף-זעקס, וואָס זענען שוין געקומען צו זיך, אָבער צו דער אַרבעט האָט מען זיי נאָך נישט צוגעלאָזט. פאַר חבר בן-טוב איז שוין קיין בעט מער נישט געווען אין שפּיטאָל-באַראַק, מען האָט זיך געמוזט צוריק אָנהייבן באַנוצן מיט די קאַלך-גריבער, איבער וועלכע מען האָט אַ געצעלט איבערגעצויגן, פאַר די קראַנקע, אַזוי ווי פריער, איידער מען האָט אויפגעשטעלט דעם שפּיטאָל-באַראַק.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די זון אויפגעגאַנגען ברייט, און געוואַרעמט די פייכטע ערד. מיטאַמאָל איז די גאַנצע וועלט פאַרענדערט-געוואָרן, ווי עס וואָלט פון איר אַ גרויסער יאָך אַראָפּגעפאַלן. ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער פרילינגס-טאָג און, ווי תמיד אין ארץ-ישראל, באַלד איינגעזעצט מיט וואַרעמקייט.

חברטע שרה איז אין דעם טאָג געווען פאַרנומען מער ווי אַן אַנדערש מאָל און האָט נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן די זון. דאָך נאָכמיטאָג, ווען זי האָט זיך אַביסל באַגרייט פון דער אַרבעט און איז אַריבערגעלאָפן פון קיך אין דעם שפּיטאָל-באַראַק, האָט זי באַמערקט, ווי עפּעס רויטלעכעס שיינט איר אַרויס צווישן די גרעזער פון די פעלדער אַראָפּ.

„אוי, טאַטע, די ערשטע בלימלעך באַווייזן זיך דאָך שוין!" — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד פאַר זיך. זי האָט נישט געקאָנט

צוריקהאַלטן איר יצר-הרע פון פאַרשן בלומען, און איז געגאַנ-גען באַטראַכטן, וואָס פאַרא בלומען זענען עס די, וואָס באַווייזן זיך פון די פייכטע פעלדער אַראָפּ. און זי האָט באַמערקט, אַז דאָס זענען אירע ליבע, היימישע, גוט באַקאַנטע מאָן-קעפּלעך, וואָס דעקן-צו די ארץ-ישראל-פעלדער אין פריען פרילינג.

זי האָט אָפּגעריסן איינס אָדער צוויי. די נאָך נישט אינ-גאַנצן רויטע, דינע קליידעלעך האָבן געציטערט פאַר אימה, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפליען פון דעם קנאָספּל. עס איז געווען דער ערשטער פרילינגס-צייכן, וואָס האָט זיך באַוויזן איבער דער ארץ-ישראל-ערד. און איר הארץ איז פול-געוואָרן מיט פרייד, אויף אירע ליפּן איז געקומען אַ סטראָפע פון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל געלעזן אָדער אַליין אויסגעטראַכט:

„עלו נציצים, עלה תקותנו...״ — עס גייען-אויף די בלי-מעלעך, עס גייט-אויף אונזער האָפענונג!

זי האָט מער נישט געקאָנט צוריקגיין צו איר אַרבעט אין דער קיך און זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין עמק. דער הימל איז געווען אויסגעלייטערט, בלוי און קלאָר, דער באַ-קאַנטער ארץ-ישראל-הימל, און די ערד איז געווען איבערגעצויגן מיט אַן איידעלן ציטערדיקן גרינעם טעפּיך פון אויפגייענדיגע זאַנגען. ווייץ און קאָרן מיט זייערע שטעכעדיגע בערדלעך האָבן זיך מיט זייער זאַטער גרינקייט באַוואויגן ווי די כוואַליעס אין טייך איבער דער אויבערפלאַך פון גאַנצן שטח אַרום. און דאָרט, וואו די זאַנגען ענדיגן זיך, ציען זיך פעלדער פון שוואַרצער ערד, חברים גייען-נאָך אַקער-און-פערד, אַנדערע זייען, גאַר אַנדערע בויגן זייערע רוקנס איבער גריבער. אָט דאָ נישט ווייט פון דער מושבה ציט זיך אַ ריי פון חברים און חברטעס, וועלכע זעצן-איין ריטער אין דער ערד, דאָס פאַר-פלאַנצט מען דעם ווייגאָרטן. דאָרט אַביסל ווייטער גייט חבר אַהרן סיבּיריאַק און בויגט זיין ביינערדיגן קערפּער איבער דעם אַקער, און חברטע מלכה הינטער אים. דאָס אַקערט ער אויף דאָס פעלד, און חברטע מלכה פאַרזייעט אַרבעס. און אָט שלעפּט חבר חיים יודקעוויטש אַ טאַטשקע מיט אָנגעקליבענע שטיינער און וואַליעט זיי אָן אויפן וועג, וואָס פירט אין דער מושבה אַריין. צעוואָרפט זיי איבער דער בלאָטע, און איצט קלאַפּט ער זיי אָן

מיט אַ שווערן אייזן, וואָס ער הויבט-אויף מיט זיינע שטאַרקע הענט. קיין איין וואָרט האָט מען נישט געהערט פון אים ווענן זיין ברודערס טויט, קיין שאָטן פון צער האָט זיך נישט באַוויזן אויף זיין פנים, כאָטש מען האָט געוואוסט, ווי ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין יינגערן ברודער, יוסף, וועלכן ער האָט פון שניי-לאָך אַרויסגעראַטעוועט אויף זייער וועג קיין ארץ-ישראל. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לוויה, ווי די איבעריגע, און געשוויגן. פון דאַמאָלסט-אָן טוט ער זיין אַרבעט אין עקשנותדיגן שווייגן און טאַנצט-מיט די האָראַס אין די אָוונטן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

חברטע שרה האָט זיך געלאָזט אין די פעלדער אַרויס, איז נאָכגעגאַנגען נאָך די בלימלעך, וואָס האָבן זיך באַוויזן. אונטער אַ שטיין האָט זיך פאַרקליבן אַ גרופּקע פון ווילדע ציקלאַמען. נאָך האָבן זיך די קעפּלעך נישט געהאַט באַפרייט פון די פאַרשלאָסענע קנאָספּן, אָבער זיי באַווייזן שוין אַרויס זייערע רויטע ליפּעלעך, ווי געפאַנגענע זומער-פייגעלעך זיצן זיי נאָך באַהאַלטן אין די מײלעכלעך פון די קנאָספּן-לעכער. און אָט דאָ-און-דאָרט שיילן זיך אַרויס ווילדע, בלוילעכע איריסן פון אַ פאַרוויקלטן שטאַם, און קליינע שקאָרמיצלעך פון בלויע קראַקוסן, בלוילעכע ריטער מיט לייוונט באַדעקט. און אָט באַווייזט זיך שוין אַ פאַרבלאָנדזשעטער דראַגאָן, וואָס הייבט-אָן זיינע פולע מויל-קעפּלעך אַרויסשלאָגן. גאַנצע פּעק מיט ווייסע אייגלעך פון יאַשמין הייבן.אָן פּרי צו פאַרשיכּורן די לופט. דאָ-און-דאָרט קומען-אַרויס מיט צנועהדיגער באַהאַלטניקייט די בלויע קעפּלעך פון קאָרנבלימלעך פון צווישן דעם ברייטן אויסגעשפּרייטן טייך מיט מעוברתדיגע האָריגע קערנערזאַנגען, וועלכע פאַרדעקן די חרפּה פון די זומפּן...

ווי פול איז איר האַרץ געוואָרן מיט פרייד ביים אָנבליק פון בליענדיגן, זינגענדיגן עמק! זי איז פאַרוואַנדלט-געוואָרן צוריק אין אַ יונג מיידל, וועלכע האָט זיך געמאַכט יום-טוב, גייט-אַרויס אין די פעלדער און רייסט בלימעלעך.

זי האָט געוואָלט די בלימעלעך אָפּרייסן און אַוועקטראָגן צו די חברים אין שפּיטאָל אַריין, אָבער זיי זענען נאָך געווען יונג און ציטערדיג, אַז עס איז איר אַ שאָד געווען זייער יונג

לעבן אונטערצושניידן. דאַן איז איר געווען אַלץ איינס, וואו די בלימעלעך וואַקסן, דער גאַנצער עמק אַרום איז שוין נישט געווען קיין ווילדער דרויסן, דער גאַנצער עמק איז שוין אַריינ־גענומען־געוואָרן אין זייער רשות היחיד, און זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די בלימעלעך וואַקסן אין זייער אייגענעם גאָרטן...

זי האָט שוין איצט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן די וועלט געזען, ווי אַ שלייער וואָלט פון זיי אַראָפּגעפאַלן. נישט נאָר דאָס פעלד, דער עמק אינדרויסן האָט געזונגען דאָס געזאַנג פון אַרבעט דורך זיין בליענדיגן גאָרטן, נאָר אויך די מושבה איז פאַרהילכט־געוואָרן מיט שטימען פון באַוועגונג און טעטיג־קייט. דאָרט האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די האַמערס ביים נייעם קיך־באַראַק, וואָס פיר חברים שטעלן־אויף פון ברעטער, באַדעקט מיט צינק־בלעך. חברטעס האָבן געקניט אין דעם גרינס־גאָרטן אַרום דעם קוואַל, אויסגעפּליקנדיג דאָס ווילד־גראָז. פון שוסטער־געצעלט האָט זיך געהערט דאָס חזנישע גע־זאַנג פון יוחנן הסנדלר ביי די שיך־און־שטיוול, אויסגעמישט מיט דעם קלאַפּן פון דעם העמערל אין די כאַלעוועס, מיט דעם רעש פון דער זינגער־מאַשין אין דעם שניידער־וואַרשטאַט, וואָס איז אין שכנות. באַלד ווי דער קיך־באַראַק וועט פאַרטיג־ווערן, וועט דאָס „גרויסע" געצעלט ווערן אָפּגעגעבן פאַר די געווערק־שאַפטן, אָט וועט דענסטמאָל זיין אַ הרחבה!

אָט פאָרט־אָן דער ליטווישער מוסרניק אויף אַ וואָגן מיט מיסט, איינגעשפּאַנט צו אַ פרידה, הינטער וועלכן עס גייט־נאָך מיט אַ גראַבליע אין דער האַנט דער הויכער טאָלסטאָיאַנער מיט דער באָרד, זיי פירן דאָס מיסט אין פעלד אַרויס. שרה וואונדערט זיך, וואָס אויך איצט גייט־אָן צווישן זיי די אייביגע דיסקוסיע פון „מוסר־היהדות", וואָרים זיי זענעןביידע אויפגע־רעגט און שרייען־אַריבער איינער דעם אַנדערן. אָבער דאָס לערנט גאָר איצט דער טאָלסטאָיאַנער דעם מוסרניק, ווי אַזוי צו פירן די פרידות איבער דעם זומפּ־לאַך, וואָס דער לעצטער רעגן האָט אָנגעמאַכט און וואָס חיים יודקעוויטש האַלט איצט אין פאַרריכטן אויפן וועג צו די פעלדער אַרויס.

ניין, זי האָט היינט נישט געקאָנט צוריקגיין צו איר

טעגלעכער באַשעפטיגונג, און נישט פריער אַריינקוקן אין דער ביימער־שולע דאָרט, וואו איר האַרץ ליגט. זי מוז זיך דאָרט אַריינרייסן פון צייט־צו־צייט, און אויב נישט צו אַרבעטן, איז כאָטש צו קוקן און צו חלומען וועגן דער צייט, ווען זי וועט קאָנען גיין צו דער אַרבעט פון ביימער־דערציען, נאָך וואָס זי גלוסט אַזוי. ווען זי איז זייער מיד, טרויעריג, אָפּגעשפּאַנט, כאַפּט זי זיך אַריין אין דער ביימער־שולע אויף אַ האַלבער שעה, כדי אָפּצורוען זיך און נייע כוחות צו שעפּן.

הינטער דעם לאַגער אויף אַ גרויס שטיק פעלד, שוין אָפּגעצוימט אַרום מיט איינגעזעצטע ריטער פון יונגע אייקאַליפּטוס־ביימער, גייט־אָן אַ גרויסע טעטיגקייט פון די חברטעס, וואָס אַרבעטן דאָרט אין דער ביימער־שולע. אין לאַנגע קאַסטנס פון ברעטער ליגן אויסגעבעט קישנס מיט אָנגעפּולטער צעמאָלענער, דורכגעזיפּטער שוואַרצער ערד, אין זיי זיצן רייען פון נאַקעטע ריטעלעך. דאָ ציט־אויף חבר נירקעס די ביימער־קינדער פון די צוקונפטיגע וועלדער־און־גערטנער פון עמק. דאָ פירט ער אויס זיינע עקספּערימענטן. דער פּלאַץ איז צעטיילט אין בייטן: אַ לאַנגע בייט מיט וויאָלעט־רויטלעכע ריטלעך. דאָ ציען זיך אויף די פּרוכט־ביימלעך, וואָס ער פּרואווט־אויס — וועלכע וועלן קאָנען געדייען אין דעם קלימאַט און אויף דער־דאָזיגער ערד. אַ צווייטע לאַנגע בייט פון אַ ציטערדיג וועלדל פון אייביג גרינס, אַ בייט פון ווייס־באַפּלעקטע ריטלעך פון סיקאָמאָר, אַ וועלדל פון קליינע פּאַלמען אין בלעכערנע „שעל״־קאָנען, וועלכע מען באַהאַנדלט אינדיווידועל, יעדעס איינע באַזונדער. אויך פון נאָרדישן קלימאַט האָט מען אַהערגעבראַכט ריטלעך פון דעמבעס און ליפּעס, און דערנעבן — אַ יונג וועלדל פון ציפּרעס־קינדערלעך, אין וועמענס אויסגעגלייכטער, שטייפער האַלטונג מען האָט געקאָנט אָנזען דעם יחוס פון די עלטערן...

חבר נירקעס האָט מקבל־פּנים־געווען חברטע שרה מיט אַ לאָרבער־צווייגל אין דער האַנט, וואָס ער האָט ערשט נאָר־וואָס אַהיימגעבראַכט פון פעלד, וואו ער האָט זיך אַרומגעשלייכט יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, כדי צו געפינען רעשטן פון פלאַנצונגען.

— חברטע שרה, איר זעט דאָס צווייגל, — זאָגט ער מיט פרייד אין זיין פּנים. — איך האָב עס געפונען פאַרשטעקט אין אַ בלאָטע־גרוב דאָ אונטערן באַרג. איך האָב אין עמק געפונען פאַרטריקנטע שטאַמען פון אָלעאַנדערס, איך האָב זיי איבערגעטראָגן, און זיי הייבן־אָן צו לעבן. אַלץ וועט דאָ וואַקסן, איר וועט זען.

זי האָט אים אָנגעקוקט נישט אָן קנאה.

— איר זענט אַ גליקלעכער מענטש, חבר גירקעס!

חבר גירקעס האָט זיך פאַרשעמט פאַר די רייד, ער האָט געוואוסט פון חברטע שרהס ליבע צו דערדאָזיגער אַרבעט.

— נו, ווען קומט איר צו אונז? — און עס האָט אים שוין באַנג־געטון פאַר דערדאָזיגער פראַגע.

— אַדרבא, רעדט מיט בערלען! — דאָס האָט זי געמיינט איר מאַן כאַימאָוויטש.

— איך זאָל רעדן מיט אים? אויב עס קאָן ווער פועלן ביי אים, זענט איר עס, חברטע שרה!

— איך קאָן גאָרנישט פועלן ביי אים. איר ווייסט דאָך, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען איז ער מיין גרעסטער געגנער, ער וויל מיך דווקא האַלטן צוגעבונדן צו דער קיך.

כדי זי אָפּצוּאָווענדן פון געשפּרעך, זאָגט ער צו איר:

— קומט, חברטע שרה, וועל איך אייך עפּעס ווייזן.

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ ווינקל פון דער ביימער־שולע, וואָס איז געווען באַשיצט מיט ווענטלעך פון אויסגע־פלאָכטענע גראָזן, האַלב־באַדעקט פון אויבן פאַר דער קעלט מיט צווייגן־און־ראָגאָזשעס. ער האָט אויפגעדעקט פאַר איר דאָס באַדעקעכץ, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אַ קלייגער גאָרטן. עס האָבן געשטעקט אין בלעכן ערד פאַרשידענע בלעטלעך און צווייגלעך.

— דאָ דערציִען מיר אונזערע האָפענונגען! — זאָגט ער.

— וואָס האָט איר דאָ?

— די צוקונפט פון עמק, — לאַכט ער און ווייזט איר אָן אויף ווילדע ציטרין־צווייגלעך, וועלכע זענען ווי קראַנקע קינדער פאַרבונדן־געווען נאָך דער הרכבה־אָפּעראַציע.

— וואָס, איר פּרוּווט דערציען אָראַנזשן־ביימער דאָ אין עמק?

— נישט נאָר אָראַנזשן, נאָר אויך גרעיפּ־פרוכט.

— געגן דער עקספּערטיזע פון די מבינים, אַז דאָ קאָנען קיינמאָל נישט וואַקסן קיין ציטרוס־ביימער?...

— די מבינים האָבן דאָך אויך געזאָגט, אַז דאָ קאָן קיינמאָל קיין ישוב נישט זיין, און דאָך האָבן מיר זיך נישט דערשראָקן!

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט.

— מיר האָבן די קאַלך־גריבער געמוזט באַנוצן פאַר אַ שפּיטאָל, היינט אַ נייער חבר קראַנק־געוואָרן פון קדחת, עס איז דער פופצנטער פאַל.

— איך האָב היינט אָנגעטראָפן אויף די ערשטע ציקלאַ־מען, — טרייסט זי חבר נירקעס. — איך האָב זיי איבערגע־טראָגן אין דער שולע, — ווייזט ער אָן אויף די האַרטע רויט־לעכע בלעטער פון בוראַקעס־קאָליר, וואָס ער האָט אין דער ערד אַריינגעטון, כדי זיי אויסצואיידלען. — די פעלדער הייבן זיך אָן צו באַדעקן מיט פרימולן און היאַצינטן, די שווער־רעגנס זענען שוין פאַרביי.

— יאָ, זאָגט זי, — איך האָב אויך היינט אָנגעטראָפן אויף ציקלאַמען און מאָן־קעפּלעך, — באַשטעטיגט זי.

— אַ שאָד, — קרעכצט ער. — האָט איר מיר צוגענו־מען אַ געלעגנהייט אייך צו איבערראַשן מיט דער ערשטער יידישער בלום!

— וועלכע רופט איר אָן די יידישע בלום?

— טאַקע די מאָן־קעפּלעך. אַז איך האָב זיי היינט געזען, ווי זיי באַשפּרענקלען מיט זייערע רויטע גלעקלעך די פעלדער, איז מיר אויפן זינען געקומען: דאָס איז די ריכטיגע יידישע בלום, נישט נאָר בלויז ווייל זי באַדעקט די ארץ־ישראל־ערד אין פרילינג, נאָר אויך ווייל איר בלוט־רויטקייט סימבאָליזירט אונזער בלוטיגע געשיכטע. נאַ, דאָ האָט איר זיי! איך האָב געצערכנט היינט אין קיך זיי אַריינצוברענגען.

זי האָט די ציטערדיגע רויטע גלעקעלעך אין דער האַנט גענומען, און אַ רויטלעכקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר

פנים, זי האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט אָן איר אַרבעט.

— האָב איך דאָס היינט באַלעמוטשעט! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז די חברים דערוואַרטן אַן אָוונט-ברויט נאָך דער אַרבעט. — זי האָט געזאָגט „אַ דאַנק“, און איז שוין נישט געוועזן.

זי האָט גערעכנט דאָס ערשטע בינטל רויטע מאָן-קעפּלעך אָדער יידישע בלום, וואָס חבר נירקעס האָט איר געווידמעט, אַוועקצוטראָגן אויפן קבר פון חבר יאָסל, וואָס איז נאָר געווען אַ שפּרונג פונדאַנען. אָבער ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַלך-גרוב, אין וועלכן חבר בן-טוב איז געלעגן איצט אין זיינע רעוומאַטישע ליידן, האָט זי זיך געטראַכט, זי וועט זיי ליבער דעם קראַנקן חבר אַריינטראָגן, כדי אים אויפצומונטערן.

נאָר פּלוצלינג האָט איר אין פּנים אַ שלאָג-געטון אַ שטאַרקער ריח פון פריש-געשניטן היי. זי האָט זיך אומגעקוקט און געזען, ווי חבר בורלאַק פירט-אַריין אין הויף פון לאַגער אַ הויכן אָנגעלאַדעוועטן וואָגן מיט פריש-געשניטן היי, צווישן וועלכן עס קוקט-אַרויס — פאַרטרונקען אין אים ביזן האַלבן לייב — די חברטע חנה. צווישן היי האָבן זיך געפונען פיל אָפּגעשני-טענע רויטע מאָן-קעפּלעך. זי האָט אויך אירע אַרויפגעוואָרפן און באַקראַנצט דעם ערשטן וואָגן היי פון עמק מיט דער יידי-שער בלום...

---

ביים אָוונט-ברויט זענען די חברים געזעסן מידע און אָפּגעשפּאַנטע פון דעם טאָג אַרבעט. זייערע פּנימער זענען גע-ווען צעביסן, באַדעקט מיט בלאָטערלעך און קרעצלעך, — מתנות פון די אינזעקטן, מיקן און פליי, וועלכע זענען דורך די רעגנס פאַרניכטעט-געוואָרן, אָבער די סימנים פון זייערע גיפ-טיגע שטעך האָבן זיך אויף די פּנימער געהאַלטן.

אויסגעמוטשעט פון די לאַנגע רעגנס, אָפּגעפּראַצעוועט פון דער שווערער אַרבעט, האָבן די חברים אויסגעקוקט פאַרעל-טערט. חברטע שרה איז מיט איר „בחור“ בערל כאַימאָוויטש געזעסן צוזאַמען. זיי האָבן ביידע דאָס מאָלצייט געגעסן און געקוקט אויף די חברים, ווי זיי מיען זיך פריילעך צו זיין.

אָבער דער פּופּצנטער פּאַל פון קדחת איז אויף אַלעמען געלעגן ווי אַ שווערע מאַסע און געדריקט. „זעקס חדשים זענען מיר קוים דאָ, און די חברים זענען פאַרעלטערט־געוואָרן אויף זעקס יאָר״ — טראַכט זיך די חברטע שרה. דעמדאָזיגן טרויעריגן געדאַנק האָט אַפילו דער וואָגן היי, וואָס זיין געריך איז נאָך געשטאַנען אין דעם חלל, נישט געקאָנט פאַריאָגן.

ווי די חברים זיצן אַזוי געשמאַק ביי דעם עסן, קומט אַריינצוגיין דער חבר יוחנן הסנדלר און רופט זיך אָן:

— קומט־אַרויס, וועט איר זען עפּעס שיינעס!

ווען זיי זענען אַרויס פון קיך־געצעלט, האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ שטיק הימל, — פון דער ווייטער טיפעניש אַרויס, אונטער דעם צודעק פון אַ געדיכטן נעפל, וואָס האַלט אין זיינע ברוסטן דעם גאַנצן עמק, באַווייזט זיך אַ גרויסער פלאַם־פייער. דאָס האָבן די חברים, וועלכע זענען אַרויף אויפן עמק נאָך זיי, אונטערגעצונדן די ווילדע גראָזן, כדי אָפּצורייניגן זייער אויסגעטריקנטן טייל פאַרן אַקער.

חברטע שרה, אָנגעלענט אויף איר „בחור״ כאַזמאָוויטש, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון געצעלט, און זיי האָבן ביידע געקוקט אויף דעם גאולה־פייער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אויסלייז פון עמק.

ע נ ד ע

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| קאַפּיטל 1 — די צוריקקערנדע | 5 |
| " 2 — דער ערשטער טאָג | 17 |
| " 3 — עם ישראל חי! | 33 |
| " 4 — די הייליגע שיין פון אַרבעט | 46 |
| " 5 — דער נאַקעטער שבט | 64 |
| " 6 — יאָסל יודקעוויטש בשרט דעם עמק | 73 |
| " 7 — מען בויט זיך | 83 |
| " 8 — דער ערשטער שבת אין עמק | 94 |
| " 9 — דער פּקדון ווערט צוריקגעגעבן | 101 |
| " 10 — דער גשם | 114 |
| " 11 — צוויי חברים | 124 |
| " 12 — יאָסל יודקעוויטש הייליגט דעם עמק | 137 |
| " 13 — חברטע שרה | 148 |
| " 14 — אין דער קי-שטאַל | 169 |
| " 15 — אויסגעגלייכט די עוולה | 174 |
| " 16 — חברטע מהאַטמאַ | 188 |
| " 17 — יאָסל קומט צוריק אין לעבן | 198 |
| " 18 — דער ערשטער טאָג היי | 206 |